UNZERE YONTOYVIM

Isaac Unterman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

אונזערע ימים טובים

געשיכטליכע אנטוויקלונג, באדייטונג און צערעמאניאל

צווייטער בוך

ל״ג בעומר, שבועות, תשעה באב, ימים נוראים, סוכות, שבתים און תעניתים

—פון—

דר. יצחק אונטערמאן

ארויסגעבער: די „אידישע וועלט“
פילאדעלפיא׳ס אייגענע טעגליכע צייטונג

פרייז 1 דאלאר

1936

ביכער פון דר. יצחק אונטערמאַן

א י ד י ש :

אידישע און אַלגעמיינע דערציאונג, שיקאַגאָ, 1916
פון די שחיטה־שטעדט, ניו יאָרק, 1928
די געשיכטע פון די אידען אין ניו דזשוירזי, דריי בענדער, נואַרק, 1935

ה ע ב ר ע א י ש :

מעשיות לילדים, 8 ביכלעך, פאַרלאַג „ביבלותיקה לילדים", וואַרשע, 1921

ע נ ג ל י ש :

THE FEAST OF ESTHER, CHICAGO, 1918
GRAPHIC PORTRAITS, NEWARK, 1928

Jewish Feasts and Festivals

A Full Account of their Development

Customs and Ceremonials

By

Dr. Isaac Unterman, Ph.D., LL.B.

VOL. II

Published by

THE "JEWISH WORLD"

223 South 5th Street

Philadelphia, Pa.

PRICE $1.00

עס איז פארבאָטען איבערצודרוקען אָדער
איבערצוזעצען טיילוויז אָדער אין גאנצען
אָהן דערלויבעניש פונם מחבר.

PRINTED IN THE U. S. OF AMERICA

אַדרעס פון מחבר :

DR. I. UNTERMAN

163 Seymour Avenue

Newark, New Jersey

U. S. America

ל״ג בעומר

עומר און ביכורים — בר כוכבא און רבי עקיבא — הילולא דרבי שמעון בר יוחאי — די פארשידענע מנהגים.

די צווייטע נאכט פון פסח הויבט מען אן ציילען ספירה, וואס דויערט ניין און פערציג טעג נאכאנאנד, פון פסח ביז שבועות.

די דאזיגע מצוה פון דער תורה איז פארבונדען מיט א גרויסען אגריקולטורעלען יום טוב ביי אידען אין זייער אייגען לאנד. די צייט פון פסח ביז שבועות איז געווען די סאמע פרייליכסטע אין דעם אידישען פאלקס לעבען ווען לאנדווירט־שאפט איז נאך געווען די הויפט באשעפטיגונג. עס איז גע־ווען דער סעזאן ווען עס האט זיך אנגעהויבען דער תבואה־שניט. אנגעהויבען האט מען דעם שניט מיט גערשטען, און שבועות, זיבען וואכען שפעטער, האט מען איהם פארענדיגט מיט אפשניידען די ווייץ.

ביים אנפאנג פון „קציר", דעם תבואה־שניט, האט מען געפראוועט גאר א גרויסען און פרייליכען יום טוב, און ממילא האט מען אויך געבראכט א קרבן צו גאט. מען האט געבראכט אין בית המקדש דעם „עומר", דעם ערשטען גארב פון פריש אפגעשניטענע גערשטען, צומארגענס פון פסח און פון דאמאלס אן אפגעציילט זיבען וואכען, ניין און פערציג טעג. ווען מען האט געפייערט דעם יום טוב שבועות, דעם פארענדיגען דעם שניט מיט א נייעם קרבן באשטייהענדיג פון צוויי לעבלעך ברויט געבאקען פון מעהל פון דעם פריש אפגעשניטענעם ווייץ.

די קבלה, דער אידישער מיסטיציזם, האט אינ׳ם ספירה ציילען אריינגעוועבט אהן א שיעור טיפע סודות און כונות. וואס האבען א גרויסע שייכות צו די מאטעמאטישע צאה־

לען וועלכע דארפען זיין ווערדיג דעם דאזיגען גלויבען, די יסודות פון דעם גאנצען וועלט-באשאף.

די קבלה זעהט אין דעם עומר, אין דעם פשוט'ען גארב וואס איז דוקא געווען א שעהנער פאעטישער אויסדרוק פון דעם דאמאלסדיגען דארפס-לעבען, דעם געדאנק פון גאר הויכע סודות'דיגקייט. די ביכורים, די צוויי לעבלעך ברויט, וואס מען איז מקריב ביים סוף פון שניט, מוזען דוקא זיין פון ווייץ, ווייל ווייץ ליגט באהאלטען אין דעם שטרויענעם זאנג, און פונקט ווי מען מוז פריהער גוט אויסדרעשען און אפטיילען דערפון די קלייען, דעם שטרוי און אנדערע פסולות איידער מען באקומט דעם ווייץ, אזוי איז עס אויך מיט דער תורה. דער ריינער פשט, די משנה און די גמרא, זיינען להבדיל ווי שטרוי און קלייען, און די קבלה, די סתרי תורה, איז דער אמת'ער ווייץ. אודאי האבען אויך די שטרוי און קלייען א גרויסען ווערטה, פונקט ווי די משנה און די גמרא האבען נאר א גרויסען ווערט, אבער דער אמת'ער ווערט איז די ווייץ, די סודות וואס ליגען טיף באהאלטען אין די אותיות פון דער תורה.

ווערדיג דער קבלה האט זיך די וועלט אנטוויקעלט פון די געהיימע ספירות, די מאטעמאטישע צאלען, וואס ווערען תמיד צוטיילט אין גרופען און אין מדרגות. יעדע גרופע באשטייט פון דער צאהל זיבען, און יעדע צאהל זיבען איז א מדרגה פאר זיך. אלע מדרגות צוזאמענגענומען זיינען איין איינציגע איינהייט — דער סימבאל פון ד' אחד.

אנשי שלומינו, די חסידים און מיסטיקער, איבער גאר דער וועלט, זיינען שטארק מקפיד צו געדענקען דעם קאבאליסטישען סימבאל פון די ספירות. אין די טעג פון עומר, פון ציילען ספירה, גיבען זיי שטארק אכטונג צו דערמאהנען דעם סימבאל ביים נאמען. אנדערש, האלטען זיי, איז מען ניט יוצא מיט דער מצוה.

די זיבען-וואכיגע ספירה קומט צו אונז מיט א פארכמורעטע פנים, טרויעריג, מעלאנכאליש און מיט דער פאדערונג אז מען זאל דאמאלט זיך ניט שערען די האר, ניט באנייען

קיין קלייד, ניט פראוועז קיין שמחות און ניט הערען קיין מוזיק. די געשיכטע האט איבערגעלאזען טיפע שפורען פון טרויער און פורעניות אויף די ספירה טעג. צענדליגע קהילות אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך זיינען פארניכטעט געווארען אין דער צווישענצייט פון פסח און שבועות, איבערהויפט איז דער חורבן געווען גרויס ביים סוף פון דעם עלפטען יאהרהונדערט, ווען די קריסטליכע קרייצ־פארער האבען פארפלייצט דייטשלאנד מיט אידיש בלוט. ל״ג בעומר איז אייגענטליך ניט געווען קיין אויסנאהם, און די אירען האבען אין יענעם טאג געליטען פונקט ווי אין די אנדערע. ווי די לעגענדע דערציילט, האט רבי עקיבא געהאט 24 טויזענד תלמידים, וועלכע זיינען אלע אויסגעשטארבען אין די טעג צווישען פסח און ל״ג בעומר, און דאס מוז ווארשיינליך זיין דער הויפט טעם וואס ל״ג בעומר איז א יום טוב.

עס איז אויך צו גלויבען. אז די 24 טויזענד תלמידים אויף וועמען די לעגענדע באציהט זיך, זיינען געווען די רעוואלוציאנערען וואס זיינען צוגעשטאנען צו בר כוכבא און זיין קאמף געגען די רוימער.

עס איז אפילו היסטאריש ניט באוויזען אויב רבי עקיבא האט באמת אנגעפיהרט מיט דער רעוואלוציע, עס איז אבער זיכער, אז ער האט דער רעוואלוציע געגעבען זיין אונטערשטיצונג.

די באשרייבונגען פון דער דאזיגער רעוואלוציע זיינען אויך זעהר מאגערע. דער תלמוד דערציילט בלויז פארבייגעהענדיג עטליכע געשעהענישען פון דעם חורבן ביתר. אין תלמוד ירושלמי (תענית פרק ד׳ הלכה ו״ און אין מדרש איכה רבתי פרשה ב׳) זיינען שוין פאראן מעהר אויספיהרליכע שילדערונגען וועגען דעם חורבן צוזאמען מיט די פיעלע לעגענדעס וואס זיינען וועגען דעם פארשפרייט. דער רוימישער געשיכטע־שרייבער די קאסיוס, גיט אויך א גענויע היסטארישע באשרייבונג, איז עס אבער שטארק צוגעפארבט און פול מיט שנאה צו בר כוכבא.

אויך דער תלמוד איז ניט פריינדליך צו בר כוכבא און

רופט איהם: בן כוזבא — דער זוהן פון פאלשקייט. און אט איז דער אופן ווי דער תלמוד גיט איבער די געשיכטע.

נאך דעם חורבן בית שני, ווען עס איז אויפגעשטאנען דער העלדישער בן כוזבא, אדער ווי אנדערע האבען איהם גערופען: בר כוכבא, און ער האט געוואלט באפרייען די אידען פון די רוימער, זיינען א טייל חכמים געווען צופרידען מיט זיין אונטערנעהמונג און א טייל האנגען.

ווען רבי עקיבא האט דערזעהן דעם בן כוזבא, האט ער אויסגערופען: „אט דאס איז דער מלך המשיח" — דארויף האט ר' יוחנן געזאגט צו איהם: „עקיבא, גראז וועט ארויסוואקסען פון דיינע באקען, און משיח וועט נאך אלץ ניט קומען".

אכציג טויזענד פאר טרומפייטען בלאזער האבען ארומגערינגעלט די פעסטונג ביתר, און יעדער איינער פון די טרומפייטען בלאזער האט אונטער זיך געהאט עטליכע רעגימענטען סאלדאטען, וועלכע פלעגען זיך צוזאמענקומען אויף יעדען סיגנאל. בן כוזבא האט די דאזיגע פעסטונג שטארק פארטיידיגט מיט צוויי הונדערט טויזענד העלדען, און יעדער איינער האט געמוזט באווייזען זיין העלדישקייט דערמיט וואס ער האט מיט די אייגענע ציינער זיך אפגעביסען א פינגער.

די אידישע חכמים האבען געשיקט שלוחים צו בן כוזבא און איהם געפרעגט: „ווי לאנג נאך וועסטו מאכען די אידען פאר קאליקעס?" האט בן כוזבא צוריק געענטפערט: „ווי אזוי זשע זאל איך מיינע העלדען אויספּרובירען? האבען די חכמים איהם געגעבען אזא עצה: „חער וואס קען ניט ארויסרייסען א בוים פון דעם לבנון בעת ער לויפט רייטענדיג אויף א פערד, זאל אין דער ארמיי ניט ארייגענומען ווערען". פון דאמאלט אן האט ער איינגעפיהרט די נייע פראבע און צוגעקראגען נייע צוויי הונדערט טויזענד סאלדאטען.

יעדעס מאל וואס די אידישע סאלדאטען זיינען ארויס אין א שלאכט האבען זיי געזאגט די דאזיגע תפילה: „רבונו של עולם, אזוי ווי דו האסט אונז פארלאזען און העלפסט אונז

מעהר ניט, בעטען מיר ביי דיר: העלף אונז ניט, אבער זאלסט אונז אויך ניט שטראפען, לאז עס איבער צום ריינעם צופאל".

אין דער צייט פון דער באלאגערונג איז ר׳ אליעזר המהדעי געזעסען אנגעטאן אין א זאק מיט אש אויף זיין קאפ אלס צייכען פון טרויער און געבעטען: רבונו של עולם, האר פון אלע וועלטען, משפט אונז ניט היינט, משפט אונז ניט היינט!

דער רוימישער גענעראל אדריונוס האט שוין געוואלט אויפגעבען די באלאגערונג, וועלכע האט געדויערט דריי און א האלב יאהר, איז צו איהם געקומען א כותי און זיך גע־בעטען: „געה ניט אוועק, איך וועל שוין זעהען די אידען זא־לען זיך דיר אונטערגעבען".

דער כותי האט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין שטאדט און געקומען צו ר׳ אליעזר, וועלכער איז דאמאלט ווי תמיד געווען פארטאן אין זיינע תפילות. דער כותי האט זיך צוגעבויגען צו ר׳ אליעזר׳ן און זיך געמאכט ווי ער וואלט איהם איינגע־רוימט עפעס א וויכטיגען סוד אין אויער. די שטאדט מענ־שען האבען עס דערזעהן און דעם כותי אוועקגעפיהרט צו בן כוזבא איהם אויסצופרעגען, וועגען דעם סוד.

„וואס פאר א סודות האסטו דערציילט אליעזר׳ן?" — האט בן כוזבא ביים כותי געפרעגט, און דער כותי האט גע־ענטפערט:

„אויב איך וועל דיר דערציילען וועט מיין מלך מיך טויטען, און אויב איך וועל דיר ניט דערציילען וועסטו מיך טויטען, איז שוין בעסער אז מיין מלך זאל מיך טויטען. דער סוד איז, אז ר׳ אליעזר האט מיר פארשפראכען אז ער וועט שוין זעהען די שטאדט זאל זיך אונטערגעבען.

בן כוזבא איז נאכדעם אוועק צו ר׳ אליעזר און איהם געפרעגט: „וואס האט דיר דער כותי געזאגט?

ר׳ אליעזר האט געענטפערט: „איך האב איהם גארניט געזאגט און ער האט מיר גארניט געזאגט".

בן כוזבא האט איהם געגעבען א שטויס מיט׳ן פוס און ר׳ אליעזר איז גלייך געפאלען טויט. באלד האט מען געהערט

א בת קול אויסרופען: „דו האסט געטויט ר' אליעזר המודעי, וועלכער איז געווען דער שטארקער ארעם פון די אידען און זייער רעכט אויג, דערפאר זאל דיין ארעם געליימט ווערען און דיין רעכט אויג זאל בלינד ווערען" אין יענעם טאג איז ביתר געפאלען און בן כוזבא איז דער'הרג'עט געווארען.

ווען מען האט בן כוזבא'ס קאפ געבראכט צו אדריאנוס, האט ער געפרעגט: „ווער האט איהם דער'הרג'עט?"

„איך האב איהם דער'הרג'עט" — האט דער כותי גע־זאגט. דער רוימישער גענעראל האט עס ניט געוואלט גלויבען און ער האט זיך געהייסען ברייננגען דעם גאנצען קערפער. ווען מען האט געבראכט דעם קערפער, האט ער דערזעהן ווי ער איז ארומגערינגעלט מיט א גיפטיגער שלאנג, און אנדרי־אנוס האט זיך אנגערופען: ווען זיין גאט וואלט איהם ניט דער'הרג'עט, ווער וואלט עס געווען שטארק גענוג איהם צו טויטען?"

רבי עקיבא איז געווען איינער פון די גרעסטע תנאים, און האט לויט דער גמרא געהאט אן איינענע ישיבה אין בני ברק, וואו עס האבען געלערענט 24 טויזענד תלמידים. רבי עקיבא איז געווען זעהר באליעבט, ווייל כאטש ער איז געווען זעהר גרויס אין תורה האט ער דאך גענומען אן אקטיווען אנ־טייל אין אלץ וואס האט געהאט א שייכות מיט דעם פאלק.

די אידען האבען דאן שטארק געליטען פון די רוימער וועלכע האבען זיי געהאלטען נידריגער פון שקלאפען. דער בית המקדש איז געווען פארברענט און 60 יאהר זיינען שוין געווען אוועק זינט די אידען האבען פארלוירען זייער מלוכה. פון דעם אלטען דור וואס האט דעם בית המקדש געזעהען, האט שוין קיינער ניט געלעבט, אבער טיעף אין זכרון איז נאך געלעגען איינגעבאקען די אמאליגע גרויסקייט. יעדער איי־נער האט גע'חלומ'ט פון דעם גרויסען טאג ווען יהודה וועט ווידער זיין באפרייט מיט לייטען צוגלייך.

אויפ'ן רוימישען טראן איז דאמאלט געזעסען דער רשעות'דיגער קייסער האדריאן, וועלכער האט כסדר געזוכט מיטלען ווי אזוי די אידען צו דערשטיקען. איבער ארץ ישראל

האָט רעגירט זיינער א פּאַרטרעטער, טורנוס רופוס, וועל־כער איז געווען א גרויסער דעספּאָט. די אידען האָבען איהם טאַקע גערופען: טיראַנוס רופוס, ווייל זייערע צרות זיינען געווען אונערטרעגליך. די אידען האָבען געזוכט פון ערגעץ א רעטונג, און תמיד גערעדט וועגען אראָפּוואַרפען פון זיך אָט דעם דאָזיגען שווערען יאָך.

רבי עקיבא איז צוזאַמען מיט רבן גמליאל, ר׳ אליעזר בן עזריה און ר׳ יהושע געפאָהרען קיין רוים בעטען רחמנות פאַר די אידען, ער איז דאַמאָלט געווען זעהר אָפּטימיסטיש און געגלויבט, אז אָט־אָט און די גאולה קומט, און ווען זיינע חברים האָבען געוויינט הערזעהענדיג דעם חורבן אין ארץ ישראל און די רייכקייט פון רוים, האָט רבי עקיבא געלאַכט, זאָגענדיג: „אויב גאָט קען זיין אזוי גוטהאַרציג צו די וואָס געהען קעגען איהם, וועט ער זיכער זיין גוט צו די וואָס טוען תמיד זיין רצון״.

רבי עקיבא׳ס ליבשאַפט צו ירושלים איז געווען אהן א גרענעץ. פאַר זיין פרוי האָט ער געלאָזט מאַכען א גאָלדענעם מאַדעל פון ירושלים. אָט די דאָזיגע ליבע זיינע מיט זיין הייסען וואונש צו זעהען ירושלים א באַפרייטע, האָט איהם צו־זאַמען מיט זיינע תלמידים געשטעלט אין דער רייהע פון בר כוכבא.

צוליב דעם וואָס רבי עקיבא האָט זיך געשטעלט אין דער רייהע פון די רעוואָלוציאָנערען, האָבען זיך אלע גענומען שאַרען צו בר כוכבא. אפילו די שומרונים, די אייביגע שונאים פון די אידען, זיינען אויך צוגעשטאַנען. עס זיינען אויך צו־געשטאַנען פיעלע גרים פון די שכנישע פעלקער, וועלכע האָבען געגלויבט אז צוזאַמען מיט דער באַפרייאונג פון די אידען וועט אויך קומען זייער אייגענע באַפרייאונג.

צוגעגרייט צו דער רעוואָלוציע האָט מען זיך טאַקי אין דער ישיבה פון רבי עקיבא, אין א סדר נאַכט פון וועלכער עס ווערט גערעדט אין דער הגדה של פסח, זיינען זיך צונויפגע־קומען עטליכע תנאים צו דערציעהלען פון יציאת מצרים. מען האָט גערעדט כלומרשט וועגען דער צאָהל מכות וואָס גאָט

האָט געשיקט אויף מצרים, אָבער אין דער אמת'ען האָט מען זיך באַראַטען וועגען דער רעוואָלוציע קעגען די רוימער, און געטאָהן האָט מען דאס אַזוי כּדי אויסצומיידען די אויגען פון די רוימישע שפּיאָנען, וועלכע האָבען פאַרפּליייצט דאס לאַנד און אַריינגעשלעפּט אין יעדען ווינקעלע.

דער וכּוח וועגען די מכּות ווערט דערציילט אין דער הגדה, האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, און ערשט אין דער פריה איז אַריינגעקומען איינער פון די טויזענדער תּלמידים, וועלכע האָבען אומגעדולדיג געוואַרט אין דרויסען, און אויסגעשריען: „רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית — עס איז שוין געקומען די צייט זיך צו באַפרייען!"

די אידען פון דעם גאַנצען לאַנד האָבען זיך מיט גרויס באַגייסטערונג און מוט אַריינגעוואָרפען אין דעם קאַמף, און כמעט יעדער איינער האט זיך באַוואָפענט. דריי און אַ האַלב יאָהר האָט אָנגעהאַלטען דער קאַמף, און, כאָטש רוים האָט געזיעגט האָט זי אָבער טייער באַצאָהלט פאַר'ן זיג. רוים איז געווען שטאַרקער און געהאַט מעהר סאָלדאַטען ווי ארץ ישראל האָט געהאַט נפשות, אָבער רוים האָט געמוזט אַרויסשיקען די גרעסטע אַרמיי וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט.

די מלחמה האָט זיך געענדיגט טרויעריג. בר כּוכבא צוזאַמען מיט צעהנדליגער טויזענדער אידישע העלדען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען רבי עקיבא'ס 24 טויזענד תּלמידים זיינען געפאַלען אין שלאַכט. שרעקליך איז געווען די נקמה פון די רוימער. די יוגענט האָבען זיי אויסגעה'רג'עט אָדער געגומען געפאַנגען, און די אַלטע האָבען זיך באַהאַלטען אין די וועלדער און אין די היילען, וואו זיי האָבען זיך גע־שפּייזט מיט גראָז און געוויקסען.

די רוימישע לעגיאָנען האָבען זיך געבאָדען אין אידיש בלוט, און דער ים הגדול איז אַזש אויפגעקאָכט געוואָרען. אפילו די טויטע האָבען זיי ניט געלאָזט מקבר זיין פאַר עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד. און מען האָט פון די אידישע קערפּערס געמאַכט צאַמען אַרום די גערטנער.

די גרעסטע גרויזאַמקייט האָבען די רוימער אַרויסגעווי־

זען געגען די תנאים. די שוידערליכסטע מיתות האָט מען פאר זיי אויסגעטראכט. מען האָט פארבאטען די איבערגעבליבענע אידען צו לערנען די תורה און מען האָט פאַרברענט אלע כתבי קודש און ספרים. יעדער רעקארד וועגען דער רעוואלוציע איז דאריבער פארניכטעט געווארען, און ווען די חכמי התלמוד האָבען שפעטער געוואלט דערציילען עפּעס וועגען דער געשעהענים, האָבען זיי משמעות מורא געהאט ניט צו דערצארענען די רוימער, וועלכע האָבען איינגעפיהרט א שטרענגע צענזור. דאריבער האָט מען עס אנגעגעבען דעם טעם פאר דער פייערונג פון ל״ג בעומר אלס דער יאהרצייט פון רבי שמעון בן יוחאי אנשטאט שמעון בר כוכבא. אגב איז טאקע ר׳ שמעון בר יוחאי אויך געווען פארעכענט פאר א רעוואלוציאנער, און וועגען איהם זיינען אין דעם פאלק ארומגעגאנגען פילע לעגענדעס און מעשה׳לעך.

רבי עקיבא האָט נאָך דעם פאלען פון ביתר זיך נאָך גענומען פארשפרייטען די תורה, כאטש דאס איז געווען פארבונדען מיט מסירת נפש און גרויסע עגויים. ער האָט טאַקע באלד נאָכדעם באוויזען א ביישפיעל ווי אומצוקומען אויף קידוש השם. לעבעדיגערהייד האָט מען געשינדען זיין קערפער מיט אייזערנע קאמען, און ווען די מלאכים אין הימעל האָבען עס דערזעהען, האָבען זיי אזוי יאמערליך געוויינט, אז די טרעהרען האָבען אזש אויפגעקאכט דעם ים הגדול, און די גאנצע וועלט איז אויפגעטרייסעלט געווארען פון זייער קול ווען זיי האָבען געשריען: „זהו תורה וזהו שכרה?״ — אָט אזוי באצאָהלסטו די מענשען וואס היטען אָפּ דיין תורה?

ל״ג בעומר ווערט אין די לעצטע יאהרען געפייערט ביי די אידען אין ארץ ישראל אויף זעהר אן אייגענארטיגען אופן. דארטען איז עס אן אמת׳ער יום טוב פאר דער יוגענט, וועלכע פאראדירט איבער די גאסען מיט געזאנג און מוזיק. די הויפט פייערונג איז אבער אין דעם קליינעם שטעדטעלע מירון, א צוויי שעה פאהרען פון צפת, ביים קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי. טראדיציאנעל הייסט עס אז ל״ג בעומר איז דער

יאהרצייט אבער אין ארץ ישראל ווערט די פייערונג אנגע־רופען: „הילולא של רבי שמעון", הילולא, — א שמחה, ווייל אלע וואס קומען צום קבר פון דעם תנאי, קומען צו א שמחה של מצוה.

דאָס קליינע שטעדטעלע מירון ליגט באהאלטען צווי־שען די בערג פון דעם אויבערשטען גליל. אויב איהר קוקט פון מירון אראפּ אויף צפת ביינאכט, דערזעהט איהר גאנץ צפת ווי א ווייסע שיף אין א ים פון בערג; געפינט איהר זיך אבער אין צפת און קוקט אראָפּ אויף מירון, דערזעהט איהר קליינע הייזקעלעך אין א לאנגער רייהע ווי אין א מוזעאום.

רבי שמעון בן יוחאי איז טראדיציאנעל דער בעל מקובל און פארפאסער פון דעם זוהר, וועלכער קען די לייטער צום הימעל און אין זיין האנט קען מען מיט זיכערקייט איבער־געבען אלע בקשות, תפלות און תחינות.

מירון איז א מיטאלאגישער יאנוס: א האלב פּנים לאכט, די צווייטע העלפט — וויינט. דא וויינט מען און מען לאכט אין איין און אין דערזעלבער צייט. צוזאמען מיט דעם קבר פון רבי שמעון בן יוחאי געפינט זיך אויך, לויט דער טראדי־ציע, דער קבר פון זיין זוהן, רבי אליעזר, און פון רבי יצחק נפחי. אין דער געביידע פון דעם קבר, צווישען טויזענדער ליכט און לאמפּען, שטעהען דערוואקסענע אידען און וויינען מיט ביטערע טרעהרען. די אשכנזים שטעהען באזונדער און די ספרדים באזונדער. און דורך די היץ, רויך, ריחות פון פאַ־ראפין און בוימאויל; דורך דעם געוויין פון הימעל־געשריי, באקומט מען דעם איינדרוק ווי דער מת וואלט נאָך געלעגען אויפ'ן טהרה־ברעט.

צוויי טעג פאר ל"ג בעומר הויבען שוין אן אנצוקומען גאנצע פאמיליעס, מענער, פרויען און קינדער, פון ירושלים, חברון, יפו, חיפה, און פון נאך ווייטערע ערטער ווי דמשק, ביירוט, מצרים, טונים, אלזשיר, מאראקא, תימן און אראַ־ביען. זיי קומען אין די הונדערטער און טויזענדער, געקליידעט אין פארשידענע מלבושים לויט די מנהגים פון זייערע לענ־דער. איהר קענט דא טרעפען ספרדישען אידען, תימנער,

גרוזינער, בוכארער און אביסיניער. אפילו ניט אידען קומען אין א גרויסער צאהל, מעהרסטענס אראבער און טערקען, וועלכע גלויבען אויך אין דער הייליגקייט פון רבי שמעון בן יוחאי און פון דעם טאג ל״ג בעומר. די אראבער פוצען זיך אין יענעם טאג אויס אין זייערע בעסטע קליידער און ברייגגען מיט זיך מיט גאנצע פעק און פעסלעך מיט וויין און געקויר־לעטע עופות, וואס ווערען געפיהרט אויף שווער באלאדענע אייזלען און קעמלען.

פרויען ווערען צו רבי שמעון בן יוחאי׳ס קבר ניט צוגע־לאזען. דערפאר אבער האלטען זיי מאנאפאליזירט די איבע־ריגע צוויי קברים וואס געפינען זיך אין דער געביידע. ביים קבר אליין וויינט מען און מען קלאגט מיט שרעקליכע יללות. אויפ׳ן הויף אבער און אויף די דעכער און גאניקעס טאנצט מען און מען זינגט. פריהער טאנצען די אשכנזים, אביסעלע שפעטער אויך די ספרדים און לסוף פאראייניגען זיך אלע אינאיינעם און מען טאנצט מיט אומגעהייערע התלהבות שעה׳ן לאנג.

די אמת׳ע הילולא הויבט זיך אן שוין א טאג פאר ל״ג בעומר ווען מען פיהרט די ספר תורה וואס רבי יצחק אביהוב, דער בעל מנורת המאור, האט אליין געשריבען און וועלכע געפינט זיך דאס גאנצע יאהר אין א שול אין צפת. וואס איז טאקע אויף זיין נאמען. די ספר תורה פיהרט מען אונטער א חופה מיט מוזיק און טעניץ צום בית המדרש וואס איז אויפ־געבויט אויף רבי שמעון בן יוראי׳ס קבר .דער וועג געדוי־ערט העכער צוויי שעה, אבער דער עולם פארדירער. פיהלט עס ניט. פארקעהרט, עס פארדריסט זיי וואס עס איז אזוי נאהענט. אויפ׳ן וועג זינגט מען א ספעציעל פארפאסט ליד: „ואמרתם כחי לחי, רבי שמעון בן יוחאי״, און דער עולם ענט־פערט אין כאר: „אדוננו בר׳ יוחאי אדוננו בר׳ יוחאי״.

אין דער נאכט פון ל״ג בעומר ווערט געמאכט א סיום אויף דעם זוהר ביי די לערנער אין דער ישיבת המקובלים. און תיכף נאכ׳ן סיום געהט דער גאנצער עולם ארויף אויפ׳ן דאך פון בית המדרש וואס איבער׳ן קבר, און מען גיסט בוימ־

אויל אין א גרויסער שיסעל פון מארמאר שטיין, וועלכע שטעהט אין מיטען דאך אויף א פעדעסטאל. יעדער איינער איז מקיים די מצווה פון גיסען בוימאויל און ווארפען טייערע קליידער אין דער שיסעל. דאס טוען סיי אידען און סיי די אראבער. הערפון מאכט מען א גרויסע אילומינאציע, וואס זעהט זיך מיילען ווייט ארום, ווען דאס פייער ווערט געמאכט הויבט דער עולם אן צו זינגען א ספעציעלען שיר: בר יוחאי נמשכת אשריך, שמח ששון מחבריך.

נאך דעם שיר טיילט מען דעם עולם לעקאך און בראנ־פען און מען זינגט די משנה פון דער גמרא יומא, דף פ"ז, „אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים" אין אנדענק פון דער מלחמה וואס ער און בר כוכבא האבען אנגעפיהרט קעגען די רוימער.

די גאנצע נאכט איז דער עולם אויף, און ווען מען ווערט שוין גאר פארמאטערט פון די טענץ און געזאנג אויפ'ן דאך פון בית המדרש, געהט מען אריין אין בית המדרש גופא, און מען זאגט תהילים ביז עס הויבט אן צו ווערען ליכטיג, כאטש דער געזאנג אויפ'ן דאך און אין דעם הויף ארום ווערט אויף א מינוט ניט אפגעשטעלט.

אין דער פריה הויבט זיך אן די שמחה „חלקה". דארט איז א מנהג אז מען שערט ניט אפ די האר פון א אינגעל איי־דער ער ווערט דריי יאהר אלט, און ערשט דאמאלט ברענגט מען דאס קינד צו דער הילולא דר' שמעון בן יוחאי און מען שערט אהם אפ די האר איבערלאזענדיג א סימן אויף פיאות.

מען רופט די שמחה אן „חלקה", ווייל דאס ווארט חלק אין העברעאיש מיינט גלאט. מען שערט דעם קינד'ס קעפע־לע אפ גלאטיג.

ל"ג בעומר פלעגען די קינדער ארויסגעהן מיט זיי־ערע מלמדים אין העם דערבייאיגען וואלד אדער פעלד און דערביי זיין באוואפענט מיט פייל־און־בויגענס, ביקסלער, ווירעס און אנדערע כלי מלחמה.

ערשטער קאפיטעל

דער יום טוב פון גייסטיגקייט

דער יום טוב פון מתן תורה — די הארמאניע מיט דער נאטור. — די לעגענדעס וועגען קבלת התורה. — שבועות נאכ'ן חורבן. —

ווענען שבועות נעהט ארום א ווערטעל, אז ער איז דער בעסטער יום טוב דערפאר וואס מען מעג עסען ווען מען וויל, וואס מען וויל און וואו מען וויל. דער אמת איז, אז שבועות איז טאקע אנדערש פון אנדערע ימים טובים. יעדער אנדערער יום טוב איז באזירט אויף אן איינציג באשטימטער וויכטיגער פאסירונג, וואס האט א קולטורעלע, פאליטישע אדער עקאנאמישע באדייטונג. אין יום טוב שבועות טרעפען זיך אבער צונויף אלע דריי עלעמענטען, און דוקא אין פאסירונגען פון גרויסען היסטארישען באדייט.

שבועות איז דער יום טוב פון מתן תורה, די אנטשטעהונג פון אידען אלס קולטור פאלק; שבועות איז אויך דער חג הבכורים, דער יום טוב פון עקאנאמישער שפע; שבועות דערמאהנט אויך אן דוד המלך, דער פאקטישער שעפער פון דער אידישער מלוכה. פסח איז נעלייגט געווארען דער יסוד פאר אונזער נאציע, און שבועות — פאר אונזער אמונה און קולטור. שבועות איז דער היסטארישער טאג, ווען דער ערב רב פון געוועזענע עגיפטישע שקלאפען איז פראקלאמירט געווארען אלס א לעגיטים פאלק מיט א פארטיגען געזעצבוך פון פרינציפען און תקנות, וואס דארפען רעגולירען דעם אידענ'ס אינערליכע און אויסענווענינסטע סאציאלע פארהעלטנישען, זיין נאציאנאלע עטיס און קולטור פראבלעמען.

די תורה איז מיט איהרע מייסטע הומאניטארע געבאטען און מאראלישע אידייען פראגרעסיוו און מאדערנע.

און האָט געשיכטליך געדיענט אַ סך קולטור פעלקער אלס
אור־קוואל פאר זייער לעבענס־קאָארדינאַציע און סאציאלע
רעפארמען. די תורה איז אין איהר גייסט אַ מענשליכע,
צוגעפאסט צו דער מענשליכער נויט און פסיכיק.

די תורה איז אַ מענשליכע לעהרע, און די אידען האַ־
בען איהר מקבל געווען מיט אַ נעשה, מיר וועלען טאָן,
פאר דעם נשמע, איידער מיר וועלען נאָך הערען. די אי־
דען האָבען אזוי איבעראיילינג געהאנדעלט פשוט דערפאר
וואס די תורה אנטשפרעכט זייער גייסטיגען דורשט און
מענשליכען כאַראקטער, ווייל זי איז צוגענגליך צו זייער
געדאנק און געפיהל, לערענט ווי אזוי צו אנטוויקלען די
מענשליכע נטיות און געפילען, און לערנט ווי אזוי צו אנט־
וויקלען די מענשליכע כוחות און פאטענצען, זייערע מענש־
ליכע אידעען און נאָרמאַלע באַציהונגען.

די תורה הארמאָנירט מיט דער נאַטור, דערפאר אפשר
איז די נאַטור אין שבועות אזוי מילד און שעהן, ווי זי
וואָלט באַגריסען מיט אַ גאסטפריינדליכען שמייכעל די געט־
ליכע מתנה פון פייערדיגען בארג. דער יום טוב שבועות
פאלט פונקט אויס אין דער שעהנסטער פריהלינג צייט,
ווען אלץ שפראָצט, בליהט און וואקסט; ווען די נאטור איז
אין איהר שעהנסטער אנטוויקלונגס פאזע; ווען דער גאנ־
צער וועלטליכער רוים איז פול מיט שטראלען, ליכט און
פרייד; ווען אלע שפראָצונגען און געוויקסען אנטוענדיג
זיך אין גרין־פארביגע שבת קליידער זינגען אַ מין שירה
ושבחה. דער יום טוב שבועות וועקט און מונטערט די
איינגעשלאָפענע נשמה און פרישט אויף דעם מוח פון וואַ־
בעדיגקייט און פוסטקייט.

ווען מיר זאלען אפילו ניט וויסען, אז אין זעקסטען
טאָג פון סיון האָט מען געגעבען די תורה, נאָר בלויז ארויס־
גיין שבועות אין דער פריה און דערזעהן די ליכטיגע,
ווארימע זונען־שטראלען, דעם שעהנעם פאר'חלום'טען בלוי־
ען הימעל, די מילדקייט, גוטסקייט און הארציגקייט, וואס
איז דאמאלסט אויסגעגאסען אויף מענש און וועלט — דאַ־

מאָלט ווייסען מיר, אז דאָס איז דער סימבאָל פון זמן מתן תורתנו, דער סימבאָל פון תורה און קולטור.

מיט דעם אָנהויב פונ׳ם גלות האָט דער יום טוב שבועות געקראָגען א שפּאָגעל ניי פּנים. שלעכטע צייטען זיינען אָנגעקומען, אידען זיינען פון זייער לאַנד פארטריבען געוואָרען, דעם באָדען אונטער די פיס פארלאָרען, איין גלות איז געוואָרן שווערער פונ׳ם אנדערן, יעדער זכר פונ׳ם אמאָליקן גליקליכען אידילישען לעבען איז אָפּגעמעקט געוואָרן, און שבועות, וועלכער איז געווען אן אגריקולטורעלער יום טוב, האָט פארלאָרען זיין פייערליכקייט.

ביי אזא סארט לעבן האָט מען אונזערע ימים טובים נייע נעמען צוגעגעבען און פארדאָפּעלט די וויכטיגקייט און באדייטונג דערפון. פּסח, דער יום טוב פון פרילינג, איז אויך געוואָרען א זמן חרותנו, א יום טוב פון פרייהייט; שבועות, דער לוסטיקער חג הבכורים, דער יום טוב פון צייטיקע פרוכט, איז געוואָרן א זמן מתן תורתנו, א יום טוב פון הויכער גייסטיגקייט.

אין דער ביבל ווערט קיין וואָרט ניט דערמאָהנט וועגן דעם מתן תורתנו, און קענטיק אז אין דער גאנצער צייט וואָס די אידען זיינען געזעסן אויף זייער אייגען לאַנד, האָבען זיי וועגן דער דאָזיקער באדייטונג ניט געהאַט די מינדעסטע אנונג. אפילו דער יום טוב סוכות, וועלכער איז געווען א חג האסיף און זמן שמחתנו, א פריילאכער יום טוב פון איינזאמלען די תבואות, האָט אין גלות צוגעקראָגען דעם נייעם באגריף פון א שמחת תורה. אנשטאָט נאַציאָנאַל־קולטורעלע ימים טובים, זיינען זיי געוואָרן נאַציאָנאַל־רעליגיעזע און באקומען א דאָפּעלטע באדייטונג.

פון דעם שטאַנדפּונקט ארויס, האָבען די חכמי התלמוד געמאַכט שבועות פאר דעם מאמע וויכטיקסטען יום טוב. פּסח אליין וואָלט ניט גענוג געווען. עס איז ניט גענוג פאר מענשען צו זיין פריי קערפּערליך. זיי דארפן אויך זיין פריי גייסטיג, און זייער נשמה דארף זיין א נשמה אָן קייטען פון בלינדען אומווסען. פון אזעלכע קייטען האָט

דער יום טוב שבועות דעם אידען באפרייט. דער יום טוב פון מתן תורתנו האָט איהם געגעבען דעם באגריף און מאָראלישן זין פון'ם מענשליכען לעבן. ער האָט דערזעהן ניט בלויז דעם עטישען תמצית דערפון, נאָר דעם וועג בכלל איבער וועלכען דער מענש דאַרף און מוז גיין.

די ערשטע חכמים און תנאים ווי רבי יוחנן בן זכאי האבען אפילו אויסגעמיטען צו באצייכענען שבועות אלס א יום טוב פון מתן תורה. זיי זיינען נאָך געווען פול מיט האפנונג ווענן דער אויפהאַלטונג פון'ם לאַנד און פאלק, וואס איז געווען מיט טויזענטער פעדים צוגויפגעבונדען און צוגויפגעקניפט מיט דער תורה. זי איז געווען דער סאמע עצם און תוכן פון זייער לעבן, און עס איז בכלל ניט נויטיק געווען צו האָבען א באזונדערן יום טוב פון מתן תורה. זיינען אָבער אידען אוועק אין גלות וואו קיין פרייליכקייט האָט מעהר פאר זיי ניט עקזיסטירט, און עס איז דאריבער געשאפען געוואָרען דער גייסטיגער יום טוב.

אין תלמוד און אין די מדרשים זיינען פאראן עטליכע שיינע מעשה'לאך וועגען דעם ווי אזוי די אידען האָבען די תורה מקבל געווען:

איידער גאָט האָט געגעבען די תורה צו די אידען — דערצעהלט די גמרא — האָט ער זיך פריהער פאַרווענדעט צו אַלע אומות פון דער וועלט און זיי געבעטען מקבל זיין די תורה. ער איז פריהער געגאַנגען צו די בני עשו און צו זיי געזאָגט: „זייט מקבל די תורה". האָבען די בני עשו איהם געפרעגט: „וואָס שטעהט געשריבען אין דער תורה?" „לא תרצח", — האָט גאָט געענטפערט. האבען די קינדער פון עשיו געזאָגט: „האר פון דער וועלט, אונזער פאטער עשו איז דאָך געבענשט געוואָרען מיט דער ברכה פון „על חרבך תחיה — אויף דיין שווערד זאָלסטו לעבן, טאָ ווי אזוי־זשע קענען מיר מקבל זיין די תורה?"

איז גאָט אוועקגעגאַנגען צו די קינדער פון עמון און מואב און אָנגעבאָטען די תורה, האָבען זיי איהם אויך געפרעגט וואס דאָרטען שטעהט געשריבען, און ווען גאָט האָט

זיי געזאָגט, אַז אין דער תורה איז געשריבען „לא תנאף",
האָבען זיי געזאָגט: „האר פון דער וועלט, מיר אליין קו־
מען דאָך ארויס פון זנות".

איז גאָט אוועק צו די קינדער פון ישמעאל און זיי אנ־
געבאָטען די תורה: האָבען זיי אים אויך געפרעגט וואס אין
דער תורה שטעהט געשריבען, און ווען גאָט האָט זיי גע־
זאָגט, אַז דארטען שטייט „לא תגנוב", האָבען זיי געענט־
פערט: „האר פון דער וועלט, גנב'ענען איז דאָך א ברכה
מיט וועלכער אונזער פאטער איז געבענשט געוואָרן."

אזוי איז גאָט ארומגעגאנגען צו יעדער אומה און זיך
געבעטען מקבל זיין די תורה, אבער קיינער פון זיי האבען
עס געוואָלט טאָן. האָט זיך גאָט באוויזען צו ישראל און
געמאכט די גאנצע וועלט שטורמען. די איבעריגע פעלקער
האָבען זיך שטארק דערשראָקען און געמיינט, אַז גאָט גייט
חרוב מאכען די וועלט. זיינען זיי אוועק צו בלעם בן בעור
און ביי אים געפרעגט די באדייטונג פון שטורם. בלעם
האָט זיי בארוהיגט און דערקלעהרט, אַז דאס גיט עס גאָט
זיין תורה צו די אידען.

גאָט האָט אויסגעקליבען דעם בארג סיני אויף אים צו־
געבען די תורה, ווייל דער סיני איז דער קלענסטער בארג
און האָט זיך ניט געהאלטען גרויס אנטקעגען די אנדערע. דער
בארג סיני האָט זיך אָפּגעריסען פון בארג מוריה אויף וועלכען
עס איז פארגעקומען די עקידת יצחק, און איז געבליבען
הענגען ווי א טענט איבער די אידען, וועלכע האבען זיך צו
איהם הערנגעהענטערט. דאס האָט דאמאלס געזאגט צו די
אידען: „ווען איהר מקבל זיין די תורה, איז גוט; אויב
ניט, וועט איהר דאָ באגראָבען ווערען." די אידען האבען
זיך ביטער צעוויינט און געפרעגט ביי גאָט, וואס אין דער
תורה שטייט געשריבען. אַז גאָט האָט זיי געענטפערט:
„תרי"ג מצוות", האָבען זיי אלע אויסגעשריען מיט איין
קול: „נעשה ונשמע — אלע וואס גאָט זאָגט, וועלען מיר
טאָן און הערען".

די גמרא דערציילט אויך, אַז ווען גאָט האָט געפרעגט

די אידען, ווער עס וועט גאראנטירן, אז זיי וועלן אפהיטן די תורה, האבען די אידען אנגעבאטן פריהער אברהם'ן, נאכדעם יצחק'ן און לסוף יעקב'ן, אבער גאט איז אלץ ניט געווען צופרידען, ווייל יעדער פון זיי האט זיך געהאט מיט עפעס פארזינדיגט. האבען די אידען אנגעבאטן זייערע קליינע קינדער און גאט האט די ערבות אנגענומען.

ווען משה איז ארויף אין הימעל האט ער געפונען דעם אויבערשטען זיצען און צייכענען שטריכעלאך און פאסיקלאך אויף די אותיות פון דער תורה. האט משה געפרעגט: „רבונו של עולם! צוליעב וועמען באמיהסטו זיך אזוי? צו וואס דארפסטו צוגעבן שטריכעלאך און פאסיקלאך? האט דער אויבערשטער געענטפערט: „אין די צוקונפטיגע דורות וועט זיין אויף דער ערד א מאן, עקיבא בן יוסף וועט ער הייסען, און ער וועט אויף יעדען תג, אויף יעדען שטריכעלע, דרש'ענען בערג אויף בערג מיט הלכות".

„רבונו של עולם, לאז מיך אים זעהן", האט משה געבעטען.

„קעהר זיך אום אהינטער, וועסטו איהם זעהן", האט דער אויבערשטער געענטפערט.

משה האט באטראכט די נשמות, וואס זיינען געזעסען אין הימעל. דאס זיינען געווען די נשמות פון די צוקונפטיגע דורות. זיי זיינען געווען אויסגעזעצט אין שורות. ביי דער אכצענטער שורה האט ער דערזעהן רבי עקיבא זיצען מיט זיינע תלמידים. משה האט זיך אוועקגעזעצט און גענומען זיך צוהערען וואס זיי לערנען. האט ער ניט פארשטאנען וואס זיי רעדען. דאס האט איהם אזוי פארדראסען, דאס זיינע כוחות האבן אים פארלאזן. משה האט זיך ווייטער צוגעהערט, און ווען עס איז געקומען צו אזא זאך וואס ער האט יא פארשטאנען, האט ער געהערט ווי די תלמידים פרעגען ביי רבי עקיבא: „רבי, פון וואנען נעמסטו דאס?" האט רבי עקיבא זיי געענטפערט: „אזוי האט משה באקומען דעם דין פון בארג סיני". ווען משה האט גע־

הערט ווי מען דערמאָנט זיין נאָמען ביים לערנען, האָט ער זיך באַרוהיגט.

נאָכדעם האָט משה זיך אומגעקעהרט צום אויבערשטען און האָט געזאגט:

„רבונו של עולם דו האָסט אזא גרויסען מאַן ביי זיך און מיך האָסטו אויסגעקליבען צו געבען די תורה?"

„שווייג!" האָט דער אויבערשטער געזאָגט, „אזוי איז מיר איינגעפאַלען אין מיין מחשבה".

משה האָט א קוק געטאָן. ער האָט געזעהן א בילד פון דער צוקונפט, ווי מען רייסט פון רבי עקיבא'ן שטיקער פלייש, אזוי ווי אין יאטקע. דאס איז געווען די סצענע פון רבי עקיבא'ס טויט, ווי ער איז אומגעקומען על קידוש השם און די רוימער האָבען געריסען זיין לייב מיט אייזער־נע קאַמען.

ווען משה איז צוריק געקומען פון הימעל מיט די לוחות און דערזעהן, אז די אידען האבען געמאכט דעם עגל, האָט ער צו זיך געזאָגט: „ווי קען איך זיי גיבען די לוחות? דורכדעם וועל איך אויף זיי ארויפווארפען שווערע פליכ־טען און איך וועל זיי פארשולדיגען צום טויט, ווייל אין די לוחות שטעהט, אז מען טאָר קיין געצען ניט דינען און זיי דינען צו א קאלב!"

משה האָט געוואלט זיך אומקערן אין הימעל און צו־ריק אפגעבען די לוחות. האָבען אים דערזעהן די שבעים זקנים און זיי זיינען אים נאָכגעלאָפען און אנגעיאגט. האָ־בען זיי געשלעפט די לוחות צו זיך און משה האָט געשלעפט די לוחות צו זיך. אין דעם קאַמף האָט משה באמערקט, אז די בוכשטאבן אויף די לוחות זיינען פארשוואונדען גע־ווארען. האט ער זיך געטראכט: „ווי קען איך יעצט געבען די לוחות אז אין זיי שטעהט גארניט? האָט ער מיט גרוים קראפט ארויסגעריסן די לוחות און האָט זיי צובראכן.

צווייטער קאפיטעל

דער יום טוב פון די ערשטצייטיקע פרוכט

דער עומר. — די בכורים. — די פייערונג אין ירושלים. אין בית המקדש

אין דער תורה ווערט דער יום טוב אָנגערופען: חג הקציר, חג הבכורים, און חג השבועות — דער יום טוב פון שניט, דער יום טוב פון צייטיקע פרוכט און דער יום טוב שבועות. אלע דריי נעמען שטאמען פון איין קוואל, ווייל אלע דריי באדייטונגען זיינען צוזאמענגעשמאָלצן אינ׳ם יום טוב שבועות.

שבועות איז געווען דער יום טוב פון שניט, און אויך דער טאג אין וועלכען מען האָט געבראכט צום כהן די ערשט־צייטיקע פרוכט. די פייערונג איז געווען א ריזיקע פאלקס דעמאָנסטראציע אין וועלכער עס האבען זיך באטייליגט אלע אידען אָן אונטערשייד פון שיכטן און קלאסן. לויט דער תורה האָט יעדער איד געמוזט מקיים זיין די מצוה פון בכורים, און אפילו פרויען, גרים און קנעכט זיינען דערפון ניט באפרייט געוואָרן. איז עס דעריבער געווען א טריומף־מארש פון אן איינגעזעסען און איינגע־בירטיקט פאָלק, וואס האָט זיך געפילט זיכער מיט זיין היים און לאנד, מיט זיין פעלד און וויינגארטן.

און אָט ווי די צערעמאָניע פון בכורים ווערט באַ־שריבן אין תלמוד און אין מדרש:

די פייערונג פון בכורים איז געווען דער שלום פון דעם יום טוב, וואס האָט זיך פאקטיש געצויגען זיבען וואָ־כען נאָכאנאנד, פון דעם ערשטען טאָג פסח ביז שבועות. די גאנצע זיבען וואכען זיינען געווען טעג פון פרייליכ־קייט. און אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט דער צערעמאָניא־לער פייערליכקייט פון שניידען די ערשטע תבואה פאר דעם עומר.

פארטיק ווערענדיק מיט'ן עומר, האָט מען אָנגעהויבן צו קלייבען די ערשט־צייטיקע תבואה פאר די בכורים, וועל־כע זיינען באשטאַנען פון זיבען מינים: קאָרן, ווייץ, גערש־טען, וויין, אוילבירטן, פייגן און מילגרוימען. די ערשטע צייטיקע פראדוקטען זיינען געבראכט געווארן קיין ירושלים און דאָס ברייננגען איז דורכגעפיהרט געווארן מיט אזוי פיל פייערליכקייט און גראנדיעזקייט, אז אחוץ דער יום טוב פון שמחת בית השואיבה, איז דער פארנעהם געווען דער סאמער גרעסטער.

יעדעס מאָל וואָס א איד פלעגט נאָר פארבייגיין זיין פעלד אדער וויינגאָרטן און דערזעהן א שיינעם רייף־גע־וואָרענעם בינטל וויינטרויבן, אדער א צייטיקן מילגרוים, פלעגט ער עס גלייך ארומבינדן מיט גראָז אדער קאָרע און עס מקדיש זיין אויסרופענדיק: „אָט דאָס וועט זיין פאר בכורים“.

געפירט די בכורים קיין ירושלים האָט מען ניט איינ־ציקוויין, נאָר בחברותא, אין גרויסע קאָמפאקטע מאסען צוזאמען און לויט א געוויסען סדר און ארדנונג.

דאָס לאנד איז געווען איינגעטיילט אין מעמדים, בע־צירקען, און אלע פלעגן זיך צונויפקומען אין דער הויפט שטאָדט פונ'ם באצירק צו וועלכען זיין ישוב האָט גע־הערט. דארטן פלעגן זיי איבערנעכטיגן אונטער'ן פרייען הימעל, מורא האבענדיק ארייננצוגיין אין א שטוב טאָמער איז דאָס הויז טמא. כלחוך השור, א שפראָץ אויף טאָג, פלעגט דער ממונה, דער צערעמאָניע מאסטער, אויסרופען: „שטייט אויף אידען און לאָמיר גיין קיין ציון צו אונ־זער גאָט“.

די מענשען וואס האָבען געוואוינט נאָענט פון ירושלים, האָבען געפירט מיט זיך פייגן און וויינטרויבן, און די פון ווייטע געגענדן האָבען די פרוכטען פריער געטריקענט כדי זיי זאָלען אויפ'ן וועג ניט פארפוילט ווערן.

די פרוכטן האָט מען געפירט אין שיין־פארפוצטע קאָ־שיקעס, און ארום די קאָשיקעס זיינען געווען אנגעבונדען

יונגע טייבעלעך, וואס מען פלעגט דערנאך מקריב זיין אלס קרבן עולה. די רייכע האבען די בכורים געפירט אין גאל-דענע און זילבערנע כלים, און בלויז די ארימע האבען עס געפירט אין קערבלאך געפלאכטן פון קארע און ווערבן-האלץ.

פון די בעצירק שטעדט קיין ירושלים האבן זיי מאר-שירט אין א פארמעלער פראצעסיע. אין פאראויס איז געגאנגען אן אקס, וואס מען האט שפעטער מקריב געווען פאר א קרבן שלמים. די הערנער פונ׳ם אקס זיינען גע-ווען באדעקט מיט גאלד. א קרוין אויסגעפלאכטן פון די צווייגן פון אוילבירטן איז געווען אנגעטאן אויף זיין קאפ, און צווישען די הערנער איז געלעגן א קערבל מיט פרוכטן. דער אקס ווערט באגלייט פון א גרופע פלייטן-שפילער, וועלכע שפילן אויפ׳ן גאנצן וועג ביז ירושלים גאנץ פריי-ליכע נגונים.

ווען זיי האבן זיך דערנעהענטערט צו ירושלים, האבן זיי געשיקט שלוחים אנזאגן אז זיי קומען, און דערווייל האבען זיי זיך גענומען מאכן שיינע בוקעטן פון די פירות.

באלד זיינען די כהנים און זייערע געהילפען ארויס אנטקעגן. די צאל אנטקעגענגייער איז געווען וועדליק די צאל אנגעקומענע, און אזוי ארום איז די מחנה ביים ארייג-קומען אין ירושלים געווען דאפלט גרויס.

ווען זיי זיינען שוין צוגעקומען צו די טויערן פון ירושלים, זיינען די העכערע בעאמטע פונ׳ם בית המקדש ארויס אנטקעגן מקבל פנים זיין און אלע האנדווערקער פון ירושלים פלעגן שטיין אויסגעשטעלט אין די גאסן און בא-גריסן: „אונזערע ברידער, איינוואוינער פון דער און דער שטאדט, זאל אייער אנקומען זיין מיט פרידן!”

די שפילער האבן ווידער אנגעהויבן שפילן אויף זיי-ערע אינסטרומענטן און אזוי געשפילט ביז זיי זיינען אנגעקומען צום הר הבית, אויף וועלכען דער בית המקדש איז געשטאנען. ביים בארג האבן אלע, און צווישען זיי אפילו דער קעניג, גענומען זייערע קאשיקעם אויף די אקס-

לען און צוזאמען געמארשירט צו דער עזרא פון בית המקדש. אין דער עזרא האבן די לויים געזונגען: „איך וועל דיך לויבן, א גאט, דערפאר וואס דו האסט מיך דערהויבן, און האסט געמאכט מיינע פיינט זאלן זיך נים קענען פרייען". דער פשוט'ער עולם האט אפגעענטפערט מיט פסוקים פון דער תורה, וואס אנטהאלטען דעם באפעהל וועגן בכורים און דערווייל ארונטערגענומען די קאשיקעס פון די אקסלען און זיי געהאלטען אויבען ביים זוים. די כהנים פלעגען דאמאלט צוקומען, אונטערלייגען די האנט אונטער דעם קארב, איהם אויפהויבען אין דער הויך, און זאגען די פרשה פון דברים כ"ו. נאכדעם האט דער כהן אוועקגעלייגט דעם קארב ביי דער זייט פון'ם מזבח, זיך געבוקט און ארויס־געגאנגען.

די פארזאמעלטע פלעגען פארברענגען אביסעל ארום דעם בית המקדש אין פרייליכקייט און זיך אומקערן צוריק אהיים פול מיט בטחון און צופרידענקייט.

דריטער קאפיטעל

מגילת רות ונעמי

די תלמודישע טראדיציע. — די קינסטלערישע זייט פון דער נאוועלע. — די היסטאָרישע און מאָראלישע באדייטונג. — דער מנהג פון יבום. — דער ליטע־ראַרישער ווערט.

דעם צווייטן טאָג שבועות נאָך שחרית לייענט מען אין די שולן די מגילת רות. פארשידענע טעמים ווערן אנ־געגעבן פארוואס מען לייענט די מגילה. איין טעם איז, ווייל שבועות איז לויט דער טראדיציע דער יאָהרצייט פון דוד המלך, און ער זאל האבען אבגעשטאמט פון רות. אן אנדער טעם איז, ווייל שבועות איז דער זמן מתן תורה און רות האָט זיך געשטעלט אונטער די „פליגעל פון דער תורה", דאמיט וואס זי האָט אנגענומען די אידישע אמונה. א דריטער טעם איז, ווייל שבועות איז אויך דער זמן הקציר, די צייט פון שניט אין ארץ ישראל, און די געשיכטע פון רות קומט אויך פאר אין דער צייט פון שניט. עס איז געווען אין די ימי הקציר, וואס האט געבראכט צו דער באַ־געגעניש און פאעטישען ראמאנס פון רות און בועז.

לויט דער תלמודישער טראדיציע איז דער פארפאסער פון רות געווען שמואל הנביא, דער לעצטער אין דער פע־ריאָדע פון די שופטים. דאס האט געמוזט זיין בערך ניין הונדערט יאר פאר דער איצטיגער צייטרעכענונג, און באַטש געגוויע דריי טויזענט יאר זיינען שוין אוועק זינט דאמאלט, לעבן נאָך פאר אונז די בילדער און געשטאַל־טען פון דער ראזינער שיינער פאָעטישער מעשה, וואס האָט פיליייכט קיין גלייכען ניט צו זיך אין דער גאנצער וועלט ליטעראטור.

בערך צו יענער צייט האָט אויך געלעבט דער גריכי־

שער פּאָעט האמער, וועלכער האָט געשריבן די באַרימט־
סטע עפּישע פּאָעמא, די איליאַדע. זי ווערט פאַררע־
כענט אלס דאָס גרעסטע ווערק אין דער ליטעראַטור צוליב
דער רייכקייט פון צויבער־בילדער און פּאָעטישע לעגענדעס,
דאָך קלינגט זי פאר דעם מאדערנעם מענשן פרעמד און
אָפּגעשטאָרבן. אנדערש איז אבער די געשיכטע פון רות,
וועלכע איז אונז נאָך היינט נאָהענט און באַגרייפליך פּונקט
ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. מיר קענען זיך ניט
פאַרשטעלן ווי די העלדן פון האמער האָבן אויסגעזעהן,
אבער די צניעות'דיגע רות און די ליבליכע מוטערליכע
געשטאַלט פון נעמי לעבן פאר אונזערע אויגען. און אין
אָט דעם ליגט די וואונדערבאַרע קראַפט פון דער איינפאַ־
כער דערציילונג, וואס בלויז דער אידישער תנ"ך פאַרמאָגט.

די מגילה ווערט געלויבט פון קינסטלער אלס די שענ־
סטע אידיליע פון'ם אידישען פאלקס־לעבן אין יענער אור־
אַלטער עפּאָכע. די אידעען באַגוגענען זיך אָבער ניט מיט
דער אויסווייניגסטער פאָרם און שיינקייט, נאָר זוכן דאָרין
דעם תוך, די יאָדרע. און אז מען זוכט, געפינט מען.

די נאָוועלע איז קאַנאָניזירט געוואָרן און אריינגענומען
אין די כתובי קודש צוזאמען מיט שיר השירים, איוב, תהילים
און קהלת, ווייל אין איהר געפינט זיך דער סדר היוחסין פון
דער מלכות בית דוד ביז פּרץ'ן, יהודה'ס זון, די פרוכט פון
זיין פאַרקער מיט דער שנור, די אלמנה פון זיין זון.

די נאָוועלע פאַרמאָגט ניט דעם פּאָעטישען שוואונג
און הויכע דיכטערישע שפּראַך מיט וועלכער דער תנ"ך ציי־
כענט זיך אויס. זי איז קורץ, איינפאַך, פשוט און פּרימי־
טיוו, און דוקא דאָס דאָזיגע גיט דער נאָוועלע איר באַזונ־
דערן חן.

אין רות ווערט געשילדערט דער לעבן פון אונזערע
אור־עלטערן, זייערע מנהגים, זייער אַרט לעבן, זייערע
משפּחה באַציאונגען, די באַציאונגען צו פרעמדע און איי־
גענע אָרימעלייט — א לעבן פול מיט מאָראַל און ריינע
הומאַניטאַרישע געפילן.

אין רות ווערט דערציילט: „ויהי בימי שפוט השופטים" — און עס איז געווען אין דער צייט פון די שופטים, א תקופה אין וועלכער די אידען זיינען נאָך ניט געווען אר־גאניזירט אין איין נאציאנאלער פאליטישער סערפערשאפט, און דער דרום׳דיגער טייל האָט געלעבט אפגעזונדערט פון דעם צפון׳דיגען און זיך זעלטן ווען געקימערט וועגן דעם אנדערענ׳ס נויט און ליידן.

און אין יענער צייט האָט אין בית לחם געלעבט א רייכער גוט־באזיצער און יחסן ביים נאָמען אלימלך. איז אין יהודה אויסגעבראכן א שרעקליכער הונגער פון וועלכען די ברייטע מאסען האבן אמשטארקסטען געליטן. אלימלך, אנשטאט צו העלפען זיינע אומגליקליכע ברידער האט צונויפ־גענומען זיין פארמעגן און אנטלאפן קיין מואב. ער האָט אויך געהאט צוויי זין: מחלון און כליון, וועלכע עזרא רופט אָן אין דברי הימים מיט די נעמען: יואש און שרף. יואש — ווייל ער האָט זיך מיאש געווען פון דער גאולה; שרף — ווייל ער האָט פארברענט די תורה. (מדרש רבה רות, פרשה ב׳).

פאר א רייכען פריץ וואס אנטלויפט פון זיין לאנד און פאלק אין א צייט פון נויט, איז נאטירליך צו האָבן קינ־דער וואס זאלן פארברענען אונטער זיך די אייגענע קול־טור, די תורה, און זיך פאלשטענדיג אסימילירען מיט א פרעמד־ פיינדליך פאלק.

די איינציגע שיינע פערזענליכקייט איז געווען נעמי, די מאַמע זייערע, א פשוט׳ע אידישע פרוי, וועמען די איי־בערגעטריבענע רייכקייט האָט ניט פאר׳שכור׳ט. דערציילט די גמרא, אז אלימלך האָט אויסגעפונען, אז וואס קלענער דער ישוב איז, אלץ מעהר אונמאָראליש זיינען די אייב־וואוינער, און וואס גרעסער דער ישוב איז, אלץ מעהר קומט אוים צו ליידן מאַטעריעל. דאך האָט ער אויסגע־קליבן דאָס קלענערע שטעדטל, וואו מען לעבט אונמאָראליש איידער צו פארלירן אביסל פון זיין רייכקייט.

עס האָט אָבער לאנג ניט געדויערט און אלימלך האָט

זיין רייכקייט פארלאָרן, אליין מיט די צוויי זין געשטאָרבן, און איבערגעלאָזן נעמי און די צוויי שניר, טעכטער פון מואב, אלמנות. נעמי האָט גענומען אירע צוויי שניר, רות און ערפּה, און זיך צוריקגעקערט אין יהודה, וואו דער הונגער איז דערווייל געווארן איינגעשטילט און דאס פאלק האָט זיך שוין געלעבט בעסער.

רות און ערפּה זיינען געווען צוויי גלייכע יונגע פרוי־ען.ביידע האבן אנגעהערט צו די פארנעמסטע פאמיליעס אין מואב און אפילו געהאט אין זיך קעניגליך בלוט, אבער האָבן אויסגעקליבן צוויי באזונדערע וועגן. ערפּה האָט זיך צוריקגעקערט צו איר פאָלק, חתונה געהאט מיט א רייכען מואבי און פארגעסן איר אידישע שוויגער און שוועגערין. רות אבער איז געבליבען מיט דער שוויגער און געזאָגט: „דיין גאָט איז אויך מיין גאָט, און וואו דו וועסט גיין, וועל איך אויך גיין".

זיי קומען אין יהודה אין דער צייט פון שניט. רות, אן אָרימע אלמנה, איז געגאנגען קלויבן די זאנגען פון דעם שניט־אפפאל, און דער צופאל האָט איר גראדע געבראכט אין די פעלדער פון דעם רייכן בועז, וועלכער איז גע־ווען א קרוב פון איר פארשטאָרבענעם מאַן און שווער.

ביי אידען האָט דאמאָלט געהערשט א שיין הומאני־טאריש געזעץ: ארימעלייט, וואס האבן ניט פארמאָגט קיין אייגענע פעלדער, האָבן ניט באדארפט ארומגיין בעט־לען, נאָר האבן געהאט א געזעצליך רעכט צו קומען אין יעדען פעלד און אויפקלייבן די איבערגעלאָזענע זאנגען, לקט שכחה ופאה, אלץ וואס איז אראפּגעפאלען בעת'ן שניי־דען און די גארבן וואס מען האָט צופעליג פארגעסן אין פעלד. יעדער באזיצער האָט אויך געמוזט איבערלאָזען די ברעגעס פונ'ם פעלד און עס ניט געטאָרט באנוצן פאר זיך.

דער געזעץ פון דער תורה איז קאנטיג דאמאלט שטרענג אפּגעהיט געווארן, און ניט בלויז האָבן אידישע ארימעלייט געהאט די פּריווילעגיע צוזאמלען די לקט שכחה און פאה, נאָר אפילו ארימעלייט פון פרעמדע פעלקער, ווייל ווי עס

איז צו זעהן פון מגילת רות, האָט די דערשיינונג פון דער מואבית רות, אין די פעלדער ניט ארויסגערופען קיין באַזונדערע אויפמערקזאמקייט.

דאָ שילדערט אונז דער מחבר פון רות די היימישע־ווארימע באַציאונגען, וואס האבן געהערשט צווישן בעל־הבית און ארבייטער. ניט די באַציאונג צווישן א האר און זיינע קנעכט, ניט אפילו צווישען א רייכן און שכר יום, נאָר א ריין־חבר'ישע באַציאונג פון מענש און מענש. בועז, דער אייגענטימער, קומט אין פעלד, באַגריסט די שניטערס, זיי ענטפערן אויף זיין באַגריסונג און ווען ער דערוויסט זיך פון זיי, אז די זאנגן־קלייבערין איז רות, די שנור פון נעמי, באַגריסט ער איר פריינדליך און לאַדעט איר איין צו עסן מיט אים און „טונקען איר ברויט אין עסיג", פון וואס אפנים דער מאָלצייט פון דעם רייכן אידישען שופט איז באַשטאַנען. ער זאָגט אויך אָן די שניטערס, די פרעמדע ניט צו פארשעמען און איר לאָזן קלייבען אפילו צווישן די קופעס תבואה.

און רות האָט ביז'ן אווענט אנגעקליבן א גאנצע מאָס (איפה) גערשטן און געבראכט צו איהר שוויגער נעמי מיט וועמען זי האָט זיך צוטיילט. די אונשולדינקייט און נאַאיוויטעט פון רות'ן איז רירנדיק. ווי ריין און אונשולדיג זי ווערט באשריבן, און וואָס פאר א קאָנטראַסט מיט די לעגענדארישע העלדן פון דער גריכישער מיטאלאָגיע. אפילו פון דעם „נאַכטליכן באזוך" ביי בועז'ן, וואס איז פון רות'ן אויסגעפירט געווארן אויפ'ן באַפעל פון איר שוויגער נעמי, שיינט אויך ארויס די צניעות און נאַאיוויטעט. אגב איז דערביי אויך אויסגעפירט געווארן דער שיינער מנהג פון דער תורה, דער מנהג פון „יבום".

דער מנהג פון יבום און גואל איז ארויסגעוואקסן צוליב דעם אגריקולטורעלן לעבן פון פאָלק און זייער הויכן מאָראלישן סטאנדארד. דאס רעכט אפצוקויפן אן אייגענטום פון איינעם וואס האָט עס געמוזט צוליב נויט פארקויפן, האָט געהערט אויסשליסליך צו די מעהר נאהענטערע

מיטגלידער פון א משפחה דאָס פעלד פון א פאַרשטאָרבע־
נעם האָט אויך באַדאַרפט איבערגיין צום נאָהענטסטען קרוב,
ווען יענער האָט איינגעוויליגט חתונה צו האָבן מיט דער
אַלמנה און „אויפשטעלן דעם נאָמען פונ'ם טויטן אין ישראל".
דער נאָהענטסטער קרוב פון רות'ס מאַן איז געווען איי־
נער מיט'ן נאָמען טוב, און יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט
איהר מיבם צו זיין. בועז איז דאַריבער געבליבען דער נאָ־
הענטסטער קרוב און „גואל".

אויף דער עצה פון נעמי קומט רות אינ'ם תבואה־שפּיי־
כער פון בועז און לייגט זיך שטיל ביי זיין זייט. בועז כאַפּט
זיך אויף א דערשראָקענער און פרעגט ווער זי איז. זי
ענטפערט איהם: „איך בין רות, דיין דינסט, ופרשת כנפיך
על אמתך — שפּרייט אויס דיינע פליגעל אויף דיין דינסט",
וויל דו ביזט דער איינציגער גואל. בועז זאָגט צו
מיט איר חתונה צו האָבן, בתנאי עס וועט ניט זיין קיין נאָ־
ענטערער קרוב. צומאָרגענס גייט ער מיט איר צו די זקנים
פון שטאָדט, וועלכע האָבן דאַמאָלט אויסגעפילט דעם אמט
פון ריכטער, און פאַר זיי ווערט באַוויזן, אז ער איז לויט
דעם געזעץ דער אמת'ער גואל.

דער פאַרפאַסער פון רות האָט אידיליזירט די צניעות
פון דער אידישער פרוי, און פאַרגעשטעלט דעם ראָמאַן פון
בועז מיט רות אַלס א גאָט'ס זאַך. דער מדרש (רות ז')
זאָגט דאַרויף אזוי: „און גאָט האָט געזאָגט: בועז האָט
געטאָן דאָס זייניגע, רות און נעמי דאָס זייעריגע, און איך
וועל אויך טאָן דאָס מייניגע און אויפשטעלן פון זיי דאָס
מלכות בית דוד".

דאָס געזעץ פון יבום איז אין יענער צייט געווען אַן
אמת'ע נויטווענדיגקייט. אידען האָבן זיך מיט דריי טויז־
זענט יאָר צוריק פאַרנומען בלויז מיט ערד ארבייט און
פיצוכט, און אין דעם איז באַשטאַנען זייער גאַנצער רייכ־
טום. ווען א פרוי האָט געטראָפן אַן אומגליק און איר
מאַן איז איר אפּגעשטאָרבן און ניט איבערגעלאָזן קיין
קינד, איז די פרוי צוריקגעגאַנגען צו איהר משפחה און אָפט

דאדורך געבליבן אן עלענדע און ניט געהאט ווער עס זאָל איר חלק פעלד באארבייטען. דערפאר איז עס געווען דער הומאַניטאַרער מנהג, אז אן אנדער מיטגליד פון דעם מאַנ׳ס פאמיליע זאָל מיט איר הייראטן. דאָס קינד וואס איז פון דער הייראט געבוירן געווארן, האָט פארטראטן אין דער פאמיליע דעם אָרט פונ׳ם פארשטאָרבענעם פא־טער, און די מוטער האָט געהאט ווער עס זאל פאר איר זאָרגען.

רות איז א קליין ווערק, סלענער פון א געוויינליך מעשה׳לע. און דאָך אנטהאַלט עס א רייכקייט פון ביל־דער ביז צו אָטעם־פארכאפונג. די ליטעראטור קענער ווייזן דארויף אָן ווי אויף א שיינער, קינסטלערישער אלט־פאַרצייטיקער אידיליע, אין וועלכער עס שפיגעלט זיך אָפּ אין עטישער פארם דער טאג־טעגליכער לעבענס שטייגער פון אידען אין יענע אלטע טעג, זייערע סאָציאַלע און גע־זעלשאפטליכע מנהגים, כמעט ווי אין די עפאפייען פון דער וועלט ליטעראטור.

רות ענטהאלט דראמאטישע מאָמענטן פון פערזענליכן באַדייט, וועלכע רירען אונז מיט זייער איינפאַכקייט און טראַגישקייט. די באַשרייבונג איז א שטאָלצע אפשפיגלונג פון סאָציאַלער פארזאָרגונג אין דער תורה. די אינהאַלטס־רייכקייט פון דעם יום טוב שבועות, די שניט־צייט, ווערט דארין עפיש־בילדעריש געשילדערט, און מגילת רות איז דאריבער מיט רעכט דאָס בוך פון דעם יום טוב שבועות.

פערטער קאפיטעל

די פארשידענע שבועות'דיקע מנהגים

די מילכיגע סעודה. — קרעפלאך מיט דריי שפיצן. — תיקון ליל שבועות. — גרינס אין די שולן. — אקדמות.

שבועות איז דער איינציקער יום טוב ביי אידען אין וועלכען עס איז א מנהג צו עסן מילכיקס. פאראן שטעטלאך אין אייראפע, וואו מען דאוונט אפ דעם ערשטן טאג שבועות במעט פארטאג. מען לויפט דערנאך אהיים, מען עסט אפ א זאטע מילכיקע סעודה און מען לייגט זיך שלאפן אויס־צורוען פון דער נאכט וואס מען איז אויף געווען זאגענדיק דעם „תיקון שבועות". ערשט בייטאג, נאך א לאנגן שלאף, עסט מען א פליישיקע סעודה, ווי עס פאסט פאר אזא חשוב'ן יום טוב, און מען גייט ווידער אין שול זאגן תהילים לכבוד דוד המלך'ס יארצייט.

אין די מעהרסטע קהלות עסט מען דעם ערשטן טאג אינגאנצן קיין פליישיקס ניט. מען מאכט אלערליי גע־בעקסן, און אלע זיינען זיי מיט פוטער און קעז. דער דאזיקער מנהג ווערט שטרענג אפגעהיט ביי אידען אויף דער גארער וועלט. טעמים דארויף זיינען פאראן א היבש ביסל, און צווישן זיי גאנץ וויציקע, וואס זיינען, מסתמא געשאפן געווארן ביים פאלק אליין.

ווערליק די ספרים עסט מען מילכיקס דערפאר וואס אין שיר השירים שטייט : „דבש וחלב תחת לשונך — האניק און מילך איז אונטער דיין צונג", און אזוי ווי דאס דאזיקע ווערט געזאגט וועגן דער תורה, עסט מען מיל־כיקס אינ'ם טאג, אין וועלכען די תורה איז געגעבן גע־ווארן. א צווייטער מפורש דערקלערט, אז דער מנהג נעמט זיך דערפון וואס דער בארג סיני אויף וועלכען די תורה איז געגעבן געווארן, ווערט אין תהילים אנגערופן : „הר

גבנונים" און אזוי ווי „גבנונים" איז אין העברעאיש ענליך צום ווארט „גבינה", וואס מיינט קעז, עסט מען דאריבער מילכיקע שפייזן.

נאך א טעם איז וואס פארצייטנס פלעגן די לערנער זיך אפהיטן פון עסן פלייש און אנדערע רייכע שפייזן, כדי זיי זאלן ניט שטערן דעם לערנען. אויך האט שלמה המלך געזאגט, „ודי חלב עזים ללחמך ללחם ביתך וחיים לנערותיך — ציגן מילך זאל דיר זיין גענוג פאר שפייז".

נאך א טעם ווערט אנגעגעבן, וואס איז דער תורה שטייט, אז מען דארף ברענגען א „מנחה חדשה לד' בשבועותיכם", און די ערשטע אותיות פון די פיר ווערטער זיינען „מחלב — פון מילך".

אנדערע גיבען אן א גאנץ איינפאכען טעם. די תורה איז געגעבן געווארן שבת, און דאס פלייש וואס מען האט געהאט אנגעגרייט פון פריער איידער מען האט גע־געבן די תורה, איז געווען טריפה, ניט ווערליק די דינים פון שחיטה.

דער פשוט'ער עולם גיט אבער אן דעם סאמע בעסטען טעם: היות, די אידען זיינען דעם גאנצען טאג געשטא־נען ביים בארג סיני און מקבל געווען די תורה, האבן זיי זיך דערווייל גוט אויסגעהונגערט און אוועק אין איילעניש אהיים אונטערלענען דאס הארץ. קומענדיג אהיים, האבען זיי קיין געדולד ניט געהאט צו ווארטען ביז די ווייבער וועלען כשר מאכען דאס פלייש, און דערווייל זיך צוגעכאפט צום מילכיקען.

פארוואס מען עסט שבועות קרעפלעך און דוקא מיט דריי שפיצן, ווערן אויך אנגעגעבן א היבש ביסל טעמים, אבער די וויכטיגסטע זיינען די דאזיגע:

די דריי שפיצן זיינען א רמז אויף דער תורה, וועלכע באשטייט פון דריי באזונדערע טיילען: תורת משה, די נביאים און די כתובים.

דאס אידישע פאלק באשטייט פון דריי טיילן: כהנים, לויים און ישראלים.

די תורה איז געגעבן געווארן דורך משה׳ן, וועלכער איז געווען דאס דריטע קינד ביי זיינע עלטערן: מרים, אהרן און משה.

די תורה איז געגעבן געווארן אין דעם דריטן חודש, סיון, און נאכדעם ווי די אידען האבן זיך דאצו געגרייט דריי טעג נאכאנאנד.

אין דער ערשטער נאכט פון שבועות זיינען פרומע אידען אויף און זאגן תקון שבועות, וואס איז אייגענטליך איינגעפירט געווארען ביי די בעלי הקבלה, און באצוועקט זיך צוצוגרייטן צו קבלת התורה דורך אויסלערנען די תורה.

דער זהר זאגט, אז די תורה איז אין דער בחינה פון א כלה און דער איד איז דער חתן, און אינ׳ם טאג פון שבועות איז גאט זיי ביידען מזווג. חסידים, אנשי שלומנו, זיצען דאריבער אויף די גאנצע נאכט און גרייטן זיך מקבל צו זיין די כלה.

דער תיקון איז א פארקירצונג פון דער תורה און אויך טיילען פון דער משנה. אינ׳ם „תיקון" ווערט געגעבען דער אנהויב און דער סוף פון יעדען ספר אין תנ״ך, אחוץ וואס די מעשה בראשית, מעשה מרכבה, די שירה אז ישיר און די מגילת רות ווערט געגעבן אין גאנצן און אן פארקירצונגען. נאך דעם טייל קומט דער אנהויב און סוף פון יעדער איינער פון די דריי און זעכציג מסכתות משניות. צום סוף קומט אויך א קליינער פרק פונ׳ם ספר יצירה און עטליכע שטיקער פון זהר.

די מקובלים אין צפת פונ׳ם זעכצענטן יארהונדערט זיינען געווען די ערשטע וואס האבן פראקטיצירט דעם דאזיגן מנהג, און ביסלאכווייז האט עס זיך פארשפרייט פריער צווישן די אידען אינ׳ם אריענט, וועלכע זיינען תמיד געווען מיסטיש גענייגט, און שפעטער אויך צווישען די אידען אין אייראפע.

גאר א שעהנער מנהג וואס איז אנגענומען בכל תפוצות ישראל, און וואס גיט צו א פארביגע רייכקייט צו

דער פייערונג פונ'ם יום טוב שבועות, איז דאס אויסשפריי־טען די הייזער און שוהלען מיט גרינסען און בלומען.

וועגן דעם טעם זיינען דאָ פארשידענע מיינונגען. א טייל זאָגן, אז עס איז דערפאר וואס שבועות איז דער חג הבכורים, דער יום טוב אין וועלכען די אידען אין ארץ ישראל פלעגן מיט גרויס פייערליכקייט פירען זייערע ערשט־צייטיקע פרוכט קיין ירושלים. אנדערע זאגן, אז עס איז אין אנדענק פונ'ם בארג סיני, וועלכער איז געוועז באַ־דעקט מיט גראָז בעת מען האָט אויף אים געגעבן די תורה.

אין די שולן שפרייט מען אויס בלומען דערפאר וואס שבועות איז לויט דער טראדיציע דער ראש השנה און יום הדין פאר פרוכט בוימער, און מען דארף זיך יענעם טאג דערמאָנען פאר זיי מתפלל צו זיין זיי זאלן האָבן א גוט יאָר.

דער ערשטער וואס דערמאָנט וועגן דעם מנהג איז דער מהרי"ל, וועלכער הייסט שבועות אויסשפרייטן דעם דיל פון שול מיט רויזען און בלומען אלס צייכען פון פרייד, דער מגן אברהם זאָגט, אז עס איז א מנהג אוועקצושטעלן אין שול גאַנצע בוימער, אבער דער ווילנער גאון האָט דאס פארבאָטן, ווייל עס קוקט אויס ווי מיר וואָלטן נאָכגעטאָן די גויים, וועלכע זיינען זיך נוהג אויסצופוצן זייערע קיר־כען א חגא טאָג מיט בוימער און גרינסן.

די רעפארמירטע אידען אין זייערע טעמפלען מיסאכ־טען דעם איסור פונ'ם גאון און באַפוצן זייערע שולן אפילו מיט בוימער. די ארטאָדאָקסישע אידען באַנוגענען זיך בלויז מיט אויסלייגן אביסל גרינס און מיידן אויס אפילו בלומען.

שבועות איז אויך א מנהג צו לייענען אין די שולן אקדמות, וואס איז א מין פאָרווארט און דערלויבעניש צו לייענען די עשרת הדברות. אין א סך קהלות פירט זיך, אז אן אנדערער, ניט דער שטענדיקער בעל קורא, לייענט די פאָעמע הקדמות כדי עס זאָל אויסזען ווי דאָס טוט א מתורגמן, אן איבערזעצער, וועלכער פארטייטשט די תורה

אין אראמעאיש, ווי מען פלעגט עס טאָן אין די צייטן פונ׳ם תלמוד.

דערפאר וואס די פּאָעמע איז געשריבן אין דער אראַמעאישער שפּראַך, האָט דער לייענען ארויסגערופן פארשידענע ווענן און מעטאָדן ווי אזוי אמשטארקסטען צו באַטאָנען דעם פאקט, אז אקדמות איז ניט אזוי הייליק ווי די תורה אליין. דער מהר״ל, למשל, פלעגט זיך פירען מפסיק צו זיין אין קריאת התורה נאָך דעם ערשטן פסוק פון דער פרשה בחודש השלישי, גולל זיין די תורה, איר איבערדעקען מיט׳ן מאנטעלע, און ערשט דאמאלט לייענען אויפ׳ן קול אקדמות.

אקדמות איז א לעגענדארע שאפונג, און דער פארפאַסער פון דער דאזיקער שעהנער רעליגיעזער פּאָעמע, ר׳ מאיר ש״ץ, וועלכער האָט געלעבט אין דער שטאָט ווארמס, אינ׳ם עלפטן יאָרהונדערט, איז באַקרוינט געווארן מיט א גלאָררייכן קראנץ פון לעגענדעס און פאלקס־מעשה׳לאַך.

ר׳ מאיר ש״ץ איז געווען א שליח צבור, א חזן, און האָט אליין פארפאסט דעם וואונדערליך שיינעם פּיוט אין וועלכען עס ליגט פארבאָרגן רייכקייט פון פאנטאזיע און בליצינגן שוואונג. אין זיינע פּאָעמעס איז פאראן פיעל אייגענארטיקייט סיי אין דער שפּראַך און סיי אין דער פארם. דער אקדמות איז אנגענומען געווארן נאָך ביי זיין לעבן און עס האָט ניט געדויערט לאנג און אידען אין אלע לענדער האָבן עס אָנגעהויבן פאַרצולייענען שבועות מיט א צונעפאסטן ניגון, וואס איז געבליבן לעבן ביז היינטיגן טאָג.

אקדמות איז א שיר הכבוד פאר׳ן רבונו של עולם און זיין תורה. די פּאָעמע ענטהאלט נײַנציג חרוזים (פערזען), וועלכע ענדיקן זיך אלע מיט די אותיות, „תא" און שליסען אין זיך אויך איין, ווי עס איז דאמאָלט געווען דער אנגענומענער סטיל, זיין אייגענעם נאָמען.

אינ׳ם ערשטען טייל דריקט דער פארפאסער אויס א שבח והודיה צו גאָט, וועלכער האָט באשאפן די וועלט, די מלאכים און די אידען אים צו דינען. אינ׳ם צווייטן טייל

ווערט פארנעשטעלט א ויכוח צווישן די גויים און די אידען. די גויים ווילן איינריידן די אידען צו פארלאזן זייער אמונה, אבער די אידען ענטפערן אפ מיט שטאלץ, אז זיי זיינען פול מיט האפנונג און גלויבן אין לעתיד לבא, אין דער סוף־מענדיקער גאולה, ווען זיי וועלן געניסן פון אלדאס גוטס.

אין א מדינה ניט ווייט פון טייך סמבטיון — דער־ציילט די לעגענדע — איז געווען א גרויסע אידישע קהלה וואס האט זיך געלעבט גליקליך און צופרידן. איז אבער אידען תמיד און אומעטום באשערט צו האבן צרות פון שונאים, און עס האט זיי אפילו דארטען אויך ניט אויס־געמיטן.

אין יענער מדינה איז אויך געווען א גלח א גרויסער כשוף מאכער, וואס פלעגט יעדן אידען, ווערמען ער האט באגעגענט, טויטן מיט'ן בלויזן בליק. דער קעניג פון יע־נעם לאנד איז דוקא געווען א גוטער, א מלך חסד, האבן די אידען זיך צו אים פארווענדט נאך רחמים. ווען דער מלך האט געשיקט רופן דעם גלח און איהם געפרעגט, פאר־וואס ער טויט אידען מיט'ן קוק, האט ער געענטפערט, אז ער טוט עס דערפאר ווייל ער וויל מיט זיי האבן א רעליגיעזען ויכוח, און אויב ער וועט זיי ניט מנצח זיין, זאל מען איהם טויטן.

דער מלך האט באלד ארויסגעגעבן א באפעל צו אלע אידען אויסצוקלייבן אין משך פון דריי חדשים איינעם וואס זאל מיט'ן גלח האבן דעם ויכוח. איז אין יענער מדינה געווארן א גרויסע יללה, ווייל זיי האבן ניט געהאט קיי־נעם צווישן זיך וואס זאל זיך קענען פארמעסטן מיט'ן גלח אין כשוף און אין חכמה. האט זייער געוויין דער־גרייכט אלע קהלות אויף דער וועלט, און זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אן אסיפה אויסצוקלייבן עמיצן צו פארן צו די אידען ביים סמבטיון. דארטן אויף דער אסיפה איז אויסגעקליבן געווארן רבי מאיר דער חזן, וועלכער איז געווען א גדול בתורה און חכמה.

ר' מאיר האט אפגע'גט זיין פרוי, און איבערלאזענדיק

איהר מיט זייער בת יחידה, איז ער אוועק צו די בני משה, די „רויטע אידעלעך”, און אויסגערעכנט אהינצוקומען פונקט שבת, ווען דער סמבטיון ווארפט ניט מיט שטיינער. אז די דארטיקע אידען האָבען איהם דערזעהן אנקומען אין שבת, האָבן זיי אים ארעסטירט און געשטעלט פאר די סנהדרין צום משפט. האבענדיג מיט זיך די דאָקומענטען און באווייזן פון אלע קהלות וואס האָבן אים געשיקט, האָט מען אים סוף כל סוף באפרייט. צו האלטן דעם ויכוח מיט'ן גלח האָט מען אים אָבער דערפאר ניט אויסגעקליבן. מען האָט געווארפן גורל און עס איז געפאלן אויף אן ארימען שניידער צו פירן דעם ויכוח.

איידער דער ויכוח האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דער גלח גענומען די שטיינער פונ'ם דארטיקן מיל, זיי צוגע־טראָגען צו דער בימה אויף די אקסלען, און זיי א וואָרף געטאָן אין דער לופט. די שטיינער האָבן זיך געדרייט אין א קרייז און געבליבן הענגען. אלע זיינען געווארען שטארק פארוואונדערט און געפאדערט, אז דער פארטרעטער פון די אידען זאָל אויך באווייזן אזא קונץ.

דער שניידער איז צוגעגאנגען צום גלח און אים אָנ־ווייזענדיק אויף א גרויסן דערבייאיקן בוים, האָט ער אים געהייסן צוריקהאלטן דעם בוים מיט אלע זיינע כוחות בעת ער, דער איד, וועט אים דוקא אומווארפן. דער שניי־דער האָט דעם בוים איינגעבויגן, אָבער ווען דער גלח האָט דעם בוים אנגענומען ביים שפיץ אים צוריק אויפצושטעלן, האָט דער שניידער אוועקגענומען זיינע הענט און דער בוים האָט זיך אויף גיך א הויב געטאָן אוועקשליידערנדיק דעם גלח פונקט צווישן די מילשטיינער, וואס האָבן זיך נאָך אלץ געדרייט אין דער לופטן.

פון גרויס שמחה און דאנק צו גאָט, וואס ער האָט באוויזן אזא גרויסן חסד צו די „רויטע אידעלעך”, האָט ר' מאיר פארפאסט דעם אקדמות צוזאמען מיט'ן ניגון.

פינפטער קאפיטעל

שבועות פייערונגען אין פארשידענע לענדער

די פייערונג אין ארץ ישראל. — די ספרד׳ישע און תימן׳ער אידען. — דוד המלך׳ס קבר. — די קינדער אין תל אביב. — ביי פוילישע חסידים. — אין דער ישיבה ביים חפץ חיים. — דער יאָהרצייט פון גראַף פּאָטאָצקי.

דער אלטער ביבלישער דין און מנהג פון בכורים, די ערשט־צייטיקע פרוכט, איז אויפדאסניי אויפגעפרישט געווארן אין ארץ ישראל. פון אלע שטעדט און קאָלאָניעס ציען זיך קיין ירושלים קינדער מיט בכורים. פונקט ווי אמאָל אין די צייטען פון בית המקדש, זינגען זיי און מארשירן איבער די גאסן בתופים ובמחולות, מיט פויקן און טענץ.

אין קיין שום אָרט אין גלות פילן זיך אידען ניט אזוי פריי און פרייליך ווי אין ירושלים. די דורכאוים אידישע קווארטאלן רוישן מיט קינדערישער, שפילענדיקער פרייד, דער עלטערער עולם גייט שבועות צו די קברים פון מלכות בית דוד, ווייל דאמאלט פאלט פונקט אוים דער יאָרצייט פון דוד המלך. צוזאמען מיט די אידען גייען אויך די אראבער, ווייל אויך ביי זיי איז פארהייליקט דער קבר פון „נעבי דאאוד“.

די ספרדישע און תימנישע אידען גייען אהין אין כאַלאטן פון ווייסען אטלאס און לינען, און נאך זיי געהען די פרום־באפוצטע ווייבער און פירען די קינדער ביי די הענט. אלע צוזאמען זאָגן זיי דארטן תהילים, פסוק ביי פסוק, און פארטרונקען מיט וואסער געזויערט אין ציטרינען. דער טרינקען איז אויך איינער פון די קאבאליסטישע, סודות׳דיקע צערעמאָניאלן און ועלכע זיי לייגן אריין גאר גרויסע

באדייטונגען. זיי ברייגגען אויך מיט זיך אלערליי גרינסן, וואס זיי באהאלטן דערנאָך אלס א סגולה געגען פארשי־דענע קראנקהייטן.

וועגן די קברי מלכות בית דוד גייען ארום גאָר א סך לעגענדעס דעם רוב גלויבט, אז דורך מלך ישראל חי וקים, אז דוד המלך לעבט אייביק, איז א ווירקליכער פאקט און אז הינטער דער הייל געפינען זיך גרויסע און רייכע פאלא־צען, וואו דוד המלך לעבט און ווארט אויפ׳ן שופר של המשיח ארויסצוקומען. דערביי גייט די לעגענדע, אז דוד המלך טראגט א גאנץ לאנגע ווייסע באָרד ווי די אמאָליקע פאטריארכן און שפילט אוים מיט זיין פידעלע נייע קאפיט־לעך תהילים.

איז פאראן א מעשה׳לע, וואס דערציילט ווי אזוי א טערקישער פאשא האָט אמאָל אראפגעלאָזט אין דוד המלך׳ם קבר א גאלדענעם שווערד און באפוילן זיינע סאל־דאטן דעם שווערד ארויסצוקריגן. האָט מען אראפגעלאזט דעם ערשטן סאָלדאט און אים באלד דערנאָך ארויסגעצויגן א טויטן. אזוי איז עס געווען מיט א צווייטן, א דריטן, א פערטן, און יעדעס מאָל האָט מען דעם סאלדאט ארויפ־געצויגען א טויטן, ביז דער פאשא האָט באפוילן דעם שמש פון דער אלטער שול אין ירושלים ארונטערצוגיין אין קבר. און ער האָט טאקע דעם שווערט ארויפגעבראכט. ער האָט דערביי דערצעהלט, אז ער האָט דארטען געזעהן אן אלטן, גרייז נראָען מאן וועמעס פנים עס האט געלויכטען ווי די זון, זיצן איבער א תהילים׳ל, און יענער האָט אים דער־לאנגט דעם שווערד.

דוד המלך׳ם קבר איז תמיד באוואכט געווארן פון די טערקישע זעלנער, און קיין איד איז אהין קיינמאָל נים צוגעלאזען געווארען, איצט איז דער קבר באוואכט פון ענגלישע סאלדאטן, וועלכע היטן, אז די אראבער זאָלן נים שטערן אידען צו גיין אויף קבר אבות. דער אלמער ספרים און דער כיור ביי וועלכען מען וואשט זיך די הענט זיינען די איינציקע מכשירים וואס די רעגירונג דערלויבט דארטן

צו האלטן, און אלץ איז געשטעמפּעלט מיט דער חתימה פון דער מאכט.

אויך אין תל אביב איז שבועות פרייליך און לעבעדיק. דארטן איז איינגעפירט אז די שול־קינדער קומען אהין אונטער דער אנפירונג פון זייערע לערער מיט בכורים אין די הענט, און מארשירן איבער די גאסען אונטער'ן געזאנג און שפּיל אינסטרומענטן פון דעם ניי פארפאסטן ליד: „סלינו על כתפינו — אונזערע קערב אויף אונזערע אקסלען".

אינ'ם ליד ווערט דערציילט ווי זיי קומען פון גאנצן לאנד — פון יהודה און שומרון, פון גליל און עמק־אין טראגן מיט זיך די בכורים. די געבראכטע מתנות גייען אלע צום נאציאנאל פאָנד, אבער אויך די קליינע קינדער, די בכורים'לעך וואס ווערן געפירט אין די וועגעלעך פון זייערע יונגע מאמעס, קריגן אויסגעטיילט שיינע מתנות.

די מוזיקע וואס וואוינען ווייט פון תל אביב און ירושלים, קומען זיך צונויף אין דער קאלאניע עין חרוד, און פראוועו די זעלבע שמחות מיט בכורים.

אנשי שלומינו, די חסידים אין פּוילן און אין גאליציע, זיינען זיך נוהג אויף שבועות צו פארן צום רבי'ן כדי זיי זאלן זיך געפינען אין די דלד אמות פון תורה און מצוות. דערביי ווערן אין די חסידישע הויפן טריי אפּגעהיט די פארשידענע מנהגים, וואס איז צו זיי איבערגעגאנגען פון זייערע עלטערן און אור־עלטערן, די גוטע אידען.

ביי א טייל רביים אין אוקראינע און גאליציע איז א מנהג, אז א חסיד פארשטעלט זיך פאר א קאָזאק אין ברייטע הויזען און רויטע פאסען, קריכט ארויף אויפ'ן טיש פונקט דאמאָלט ווען אלע זיצן שוין ארום במסיבה, און הויבט אָן זינגען רוסישע און פּוילישע לידער געמישט מיט העברעאיש און אידיש. די פּאָפּולערסטע לידער זיינען: „ירושלים סלאָווני גאָראד" און „אבראהאם, אויטשעץ נאַש". די מוזיקע לידער ווערן אויך געזונגען פסח ביינאכט אין די הייזער פון די פרומע לומדישע חסידים אין פּוילן.

אויך אין די ליטווישע ישיבות פלעגט מען שבועות, דעם יום טוב פון דער תורה, פייערן מיט גרויס הדרה און שמחה.

עס געדענקט זיך נאך גוט דעם שבועות אין מיר, די ישיבה פון „חפץ חיים".

ערב שבועות האט מען צורוקט אלע בענק הארט ביים וואנט, אויף די בענק האט מען ארויפגעשטעלט אלע שטענדערס איינעם אויפ'ן אנדערן, און דער גאר גרויסער בית המדרש איז געבליבן א ליידיקער חלל. ביינאכט, גלייך נאכ'ן עסן, האבן זיך אלע ישיבה בחורים אוועקגעלאזט אין א התלהבות'דיקן טאנץ וואס האט אנגעהאלטן עטליכע שעה נאכאנאנד.

דאס קליינע שטעדטעלע מיר, וואס איז פון תמיד אן געוואוינט געווען צו הערן פון די ישיבה ווענט דעם געזאנג פון אביי ורבא, האט איצט פארנומען דעם געזאנג פון פרייד און קבוץ גליות. אלע האבן זיך צונויפגעגאסן ווי אין איין קנויל און געטאנצט אין קאראהאד. די גאנצע לופט איז געווען אנגעפילט מיט נגינה קלאנגען; עס איז געווען דער געזאנג פון גלות שמערץ, געמישט מיט גאולה האפנונג, משיח בענקעניש און אומבאגרעניצטער בטחון, עצבות און רעליגיעזען עקסטאז. דער קאווקאזער מיט זיין אריענטאלישע דבקות'דיגקייט, דער אוקראינער מיט זיין נאטירליכער ברייטהארציגקייט, דער בעסאראביער מיט זיין וואלכיש געשלעגגעלטער הימעל דערגרייכונג, דער פוילישער מיט זיין חסידישער פרייליכקייט און פשטות, דער ליטוואק מיט זיין אומעטיגקייט און רוסישע אפענהארציגקייט, דער חב"ד'ניק מיט זיין מיסטישקייט און התבודדות, האבן אלע צוזאמען געפונען זייער ריטמישן אויסדרוק אין איין הארציקער הארמאניע — דעם שיר און שבח צום בורא עולם פאר זיין געבן אונז די תורה.

און ווער האט דאמאלט ניט געזעהן דאס הימלישע געשטאלט פון דעם צדיק ותמים, דעם חפץ חיים, אויף וועמענס פנים עס האבן זיך געשפרייט ליכטיקע שטראלן,

ווי אויף א כלה, וועלכע דערזעהט דעם ערשטען מאָל איהר פאנטאַסטיש אויסגע׳חלום׳טן חתן ? ! שעה׳ן לאנג איז ער געשטאַנען פונווייטנס און זיך צוגעקוקט ווי מען טאַנצט און פרייט זיך מיט קבלת התורה. אפילו די ראשי הישיבה האָבן געטאַנצט, אחוץ דער חפץ חיים, דער עניוות׳דיקער און באַשיידענער זקן. ווען זיינער א מקורב האָט איהם געוואָלט אריינשלעפּן אין רעדעל, האָט ער מיט זיין שטענ־דיקער תמימות זיך געבעטן : „ניין, ניט איך, איך בין ניט ראוי צו טאַנצען אין דער ישיבה מיט אזוי פיעל בעלי תורה".

איינמאָל האָט דאָך געטראָפן, אז א בחור איז צוגע־לאָפן צום חפץ חיים און איהם אויפגעהויבן אין דער הויך זיך דרייענדיק אין א פרייליכן טאַנץ. דארויף האָט דער חפץ חיים איהם געזאָגט אָן שום כעס :

— פארשטייט איר מיך, א מענש דארף זיך ניט לאָזן הויבן העכער ווי ער איז באמת.

אין דער ישיבה פונ׳ם חפץ חיים פלעגט מען אויך יעדען שבועות דערמאָנען און ריידען וועגן דעם גר צדק, דער גראף פּאָטאָצקי, וועלכער איז אינ׳ם צווייטן טאָג שבועות געשטאָרבן על קידוש השם.

דער נאציאנאלער טרויער טאָג

ירושלים און רוים — די פילע נאציאָנאלע אומגליקען אין די דריי וואָכען — דער גרויסער רעטעניש — די פילע מנהגים.

תשעה באב האָט ניט זיין גלייכען אין דער גאנצער וועלט־געשיכטע. שוין צוויי טויזענד יאָהר אז דאס אידישע פאלק טרויערט איבער דער צעשטערונג פון זיין היילינגטום, לאנד און מלוכה, און דער טרויער איז נאך היינט פונקט אזוי הארצרייסענדיג ווי דאמאלט בעת דער בית המקדש איז געווען ארומגעכאפט אין פלאמען. דער פרומער איד קלאָגט נאך איצטער ביי די קינות אזוי ריהרענדיג, פונקט ווי ער וואלט אליין געווען איינער פון די גולי ירושלים.

רוים האָט אויפ'ן טויער וואס זי האט געבויט לכבוד דעם זיג פון טיטוס'ען, אויסגעקריצט די אותיות: „ה. ע. פ.“ (הערעסאלימא עסטא פערדיטא — ירושלים איז פארלוירען). דאָך לעבט נאָך ירושלים, און רוים איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען. די געשיכטע פון דעם קאמף צווישען רוים און יהודה איז און וועט תמיד בלייבען א היסטארישער ביישפיעל פון א מלחמה צווישען גייסט און ברוטאלער מאכט, א מלחמה וואס קען צייטווייליג פיהרען צו א טריאומף פון ברוטאלער שטארקייט, אבער וואס קען קיינמאָל ניט פולשטענדיג באזיגען דעם גייסט.

דער חורבן ירושלים האָט פארניכטעט אונזער פאליטישע עקזיסטענץ, אבער בשום אופן ניט די אידישע גאנצקייט און אידייע, די אידייע פון מענשליכקייט, יושר און מאָראל.

היסטאָרישע שילדערונגען דערצעהלען, אז די דריי וואכען, די צייט פון דעם זיבעצעהנטען טאג אין תמוז ביז דעם ניינטען טאָג אין אב, זיינען תמיד פארעכענט געווארען אלס אומגליק ברענגענדיגע.

די גמרא גיט צו, אז אין חודש אב איז דער אידישער מזל א שטארק געפאלענער. אויב א איד האט א משפט מיט

א גוי אין יענע טעג, דארף דער איד זעהען קומען צו אן אויסגלייך און זיך ניט פארלאָזען אויפ'ן אויסגאנג פון דעם משפט.

איז עס טאַקע מערקווירדיג און רופט ארויס גרויס שטוינונג, וואס די גרעסטע נאציאנאלע אומגליקען זיינען אלע פארגעקומען אין דעם נײַנטען טאג אין אב. סיי דער ערשטער און סיי דער צווייטער בית המקדש, איז חרוב געוואָרען אין דעם דאָזיגען טאג, און געדענקענדיג דעם פאקט אז אין דער צווישען זיינען פארלאָפען 512 יאהר, איז עס שוין אביסעל מעהר ווי אן איינפאכער צופאל. די שטאָדט ביתר, די גרעסטע פעסטונג־שטאָדט אין דער רעוואָלוציע פון בר כוכבא, איז אויך איינגענומען געווארען דעם נײַנטען טאָג אין אב, און דאס איז געווען גאנצע פופציג יאהר נאך'ן חורבן בית שני. די גרעסטע נאציאנאלע קאטאסטראָפע נאך דעם חורבן ביתר, איז פאר אידען געווען דער גירוש שפאניען. דארטען איז געווען דער גרעסטער אידישער קבוץ פון דעם פופצעהנטען יאהרהונדערט, און געלעבט האט ער אין גרויס מאטעריעלער און גייסטיגער עשירות, און מערקווירדיג, אויך דער דאָזיגער גירוש איז פארגעקומען אין דעם נײַנטען טאג אין אב, תשעה באב.

אזוי פיעל נאציאָנאלע אומגליקען זיינען פארגעקומען אין דעם דאָזיגען דאטום, אז עס האט זיך געשאפען דערפון א טראדיציאנעלער גלויבען, אז משיח וועט אויך געבוירען ווערען אין דעם נײַנטען טאג אין אב. אויב די ישועה אויף אידען וועט אמאָל קומען, מוז עס זיין דוקא אין דעם טאָג פון אונזערע שרעקליכסטע אומגליקען. דער שטארקער גלויבען אין דעם פאלשען משיח, שבתי צבי, איז אויך געווען א סך דערפאר וואס ער איז געבוירען געווארען אין תשעה באב. זכריה הנביא האָט אויך צוגעזאגט, אז דער טאג פון חורבן בית המקדש וועט פארוואנדעלט ווערען אין א טאָג פון ששון ושמחה.

אין דער גמרא געהט אפילו אן א מחלוקה צי דער חורבן פון דעם ערשטען און צווייטען בית המקדש איז טאקע פאר־

געקומען אין דעם ניינטען טאג אין אב, אבער די גאנצע חלוקי דעות איז בלויז וועגען א טאג פריהער אדער א טאָג שפּעטער. און דאס איז דאך פון גאנץ קליינער וויכטיגקייט, ווייל א פּראָצעס פון פארניכטונג קען דאך סיי ווי ניט פאר־קומען אין איין טאג. די טראדיציע האָט אבער פעסטגע־שטעלט, אז דאס אקטועלע פארברענען דעם בית המקדש איז פּאָרגעקומען אין דעם ניינטען טאג אין אב. וועגען דעם דא־טום פון חורבן בית שני, איז גאר קיין חלוקי דעות ניט פאַ־ראן. יאזעפוס, וועלכער האט דעם חורבן אליין דורכגעלעבט גיט בפירוש אָן אז עס איז פארגעקומען אין דעם זעלבען טאג וואס דער ערשטער בית המקדש איז פארברענט געוואָרען.

איז ניט די דאָזיגע היסטאָרישע דערשיינונג באמת אַ רעטעניש ?

דער ערשטער חורבן איז געקומען אין דער צייט פון די אידישע נביאים ירמיהו און יחזקאל, וועלכע האבען געלעבט בערך זעקס הונדערט יאהר פאר דער איצטיגער צייט־רעכע־נונג. אין זייער נביאות האבען זיי געזעהן דעם אָנקומען פון דעם חורבן, און דאריבער געווארענט דאס פאלק, אבער מען האָט זיך צו זייערע רייד ניט צוגעהערט, דאס פאלק איז גע־וועזן געזונקען אין אויסגעלאסענקייט און אין לוקסוס, און גאָט׳ס וואָרט איז געוועזן פארגעסען. די נביאים האבען גע־שטורעמט קעגען די שלעכטע מידות, און געפאדערט זיך אומצוקעהרען צו די אלטע אידייען פון יושר און גערעכטיג־קייט, אבער מען האט זיי אויסגעלאכט און נאך געלאזט ארעסטירען אלס שונאים פון לאנד.

די אידישע נבואה איז אבער מקויים געווארען, און נבוכדנאצר, דער קעניג פון בבל, איז אין לאנד אריינגע־דרינגען און חרוב געמאכט ירושלים מיט אלע איהרע הייליג־טימער, דער אידישער קעניג יהויכין האָט געמוזט פארלאזען דעם כסא מלוכה, און צוזאמען מיט זיין מוטער נחושתא און אלע פירסטען און זייערע פרויען געמוזט אויסוואנדערען אין גלות.

נײַנציג טויזענד אײַנוואוינער פון ירושלים, צווישען זיי זיבען טויזענד סאָלדאַטען, צוויי טויזענד פון די אנגעזע־ענסטע מענשען, כהנים און לויים, האָט דער קעניג מיט־גענומען אלס מלחמה געפאנגענע. ער האט אויך צוגענומען דאס גאנצע גאָלד און זילבער וואס האט זיך געפונען אין אוצר פון בית המקדש און אין דעם קעניג'ס פּאַלאַץ.

נבוכדנאצר האט פארגאסען גענוג אידיש בלוט אבער ניט פארניכטעט די אידישע מלוכה. ער האט זיך בלויז נוקם געווען אן דער אידישער אריסטאָקראטיע, וועלכע האט איהם באקעמפט און זיך געהאט פארבונדען מיט זיינע שונאים, די דערבײַיאיגע מלוכות פון מצרים, עמון, צור, אדום און מואב. דעם פאלקס־עלעמענט, דעם וואס האט זיך באַ־שעפטיגט מיט אגריקולטור און געלעבט פון זיין שווערער האָ־רעוואניע, האט ער ניט געטשעפעט. אין זיי האט ער, גע־זעהען א מאסע, וואס גיט זיך נ'ט אפּ מיט פּאַ־ליטיק און מלחמות. זיי האט ער ניט פאררעכענט פאר קיין שונאים, און האט זיי נאָך געהאלפען. ער האט זיי אוועק־געגעבען פיעלע וויינגערטנער און פיעל געשטיצט מיט געלט און זריעה.

כדי די איבערגעבליבענע מאסען זאלען ווייטער קענען אָנגיין מיט דער פירונג פון זייער לאנד, האט ער באשטימט אן אנדערען אלס קעניג, דעם פריינדליך געשטימטען און ישלום זוכענדיגען מתניה, וועמען ער האט א נאָמען געגעבען צדקיהו, (צדק־יה, גערעכטיגקייט פון גאָט).

נבוכרנאצר האט עס ניט געטאָן אום ליבשאפט צום אונטערדריקטען אדער אויס רחמנות צום אידישען פאָלק. קיין אידעאל האט ער דערביי ניט געהאט, קיין יושר געפיהל אודאי ניט. ער האט בלויז אין זינען געהאט זיינע פּאָלי־טישע אינטערעסען, און צוליב די דאָזיקע אינטערעסען האט זיך אים געלוינט אז ישראל זאל האבען זיין אייגען לאנד מיט א זעלבסטשטענדיגער מלוכה.

צדקיהו איז געווען א פריינט פון דעם נביא ירמיהו און האט אויך געהערט צו דער שלום פּארטיי, וואס האט געפּרע־

דיגט פרידען מיט נבוכדנאצר. זיין מיינונג און טרייהייט, ווי ירמיהו׳ס, איז נבוכדנאצר׳ן געווען גוט באוואוסט, און דערפאר האט ער עס אויסגעקליבען צדקיהו׳ן צו קעניגען איבער דעם אידישען לאנד גלויבענדיק, אז ער וועט אים פארבלייבען א געטרייער אונטערטאן און מער ניט ארויסרופען קיין מלחמה.

די אידישע אריסטאָקראטען און קרובים למלכות זיינען אבער געווען צו שטאָלץ צו פארגעסען די שאנדע וואס נבוכדנאצר האט זיי אנגעטאָן, און זיי האבען כסדר געבונטעוועט קעגען בבל׳ס הערשאפט.

צדקיהו איז געווען א פרומער און שטילער מענש און האט באמת געזוכט שלום. ער האט געגלויבט אין זיין פריינד, דעם נביא ירמיהו, און צוזאמען זיך באמיט צו רעגירען מיט יושר און גוטסקייט. די אידישע פירסטען האבען אים אבער כסדר גערייצט און געהעצט ער זאל זיך פארבינדען מיט די איבריגע דערבייאיגע מלוכות און אָפען ארויסטרעטען קעגען בבל. פון אָנהויב האט צדקיהו ניט געוואלט הערען פון זייערע העצערייען אבער גאר גיך האבען מצרים און צור געשיקט שליחים קיין ירושלים און די אידען פארשפראָכן מיליטערישע הילף אויב נבוכדנאצר וועט אויף זיי אָנפאלען. עס איז דאמאלט געשאפען געווארען א פאראייניגונג און א געמיינזאמע ארמיי אראָפּצואווארפען פון זיך דעם יאָך פון נבוכדנאצר. די אידען האבען באלד איינגעזעהען די געפאר און אויך מורא געהאט פאר די שטראָף רייד פון׳ם נביא ירמיהו, אבער דער נקמה געפיל איז געווען צו שטארק און זיי האבען דעריבער קיין ווידערשטאנד ניט ארויסגעוויזען קעגען דער הויף־פארטיי פון פרינצען און **אריסטאָקראטען.**

בלויז נאָך פיר יאר געטריישאפט צו בבל, האט צדקיהו ארונטערגעווארפען פון זיך דעם יאָך און זיך אנטזאגט צו צאָלען דעם ארויפגעלייגטען שטייער. אין אנהויב האט אויסגעזען, אז ער האט קלוג געטאָן, ווייל בבל האט ניט ארויסגעוויזען קיין ווידערשטאנד. א גאנץ יאר איז אוועק און בבל האט פון זיך ניט געלאזט הערען, ווייל נבוכדנאצר איז גע־

ווען פארנומען מיט אנדערע לענדער. צום סוף יאר האט ער אבער צונויפגעקליבען א גאַר גרויסע ארמיי און זיך מיט ביטערקייט אוועקגעלאזט אויף ירושלים און די איבריגע שכנותדיגע לענדער. די אנדערע לענדער, וועלכע זיינען געווען די אידישע פארבינדעטע, האבען זיך גלייך אונטערגעגעבען אדער צושלאָגען געווארען, און יהודה איז געבליבען אליין, אָהן שום הילף.

מיט גרויס צאָרן און געפיל פון נקמה האט נבוכדנאצר באלאגערט די טויערען פון ירושלים און זיי געשטורעמט מיט זיין מעכטיגער ארמיי. דאס איז געווען דער צענטער טאג אין חודש טבת, וועלכער איז טאקע צוליב דעם באשטימט געווארען אלס א תענית צבור.

א גאנץ יאהר נאָכאנאנד האט ער באלאגערט די שטאט, און דאס ביסעל פראָוויאנט וואס די אידען האבען געהאט צוגעגרייט, איז געווארען וויניגער און וויניגער. די אידען פון די גרענעץ שטעט האבען פארלאזען זייערע היימען און קוים מיטן לעבען זיך דערשלאָגען קיין ירושלים, וועלכע איז געווען באפעסטיגט און שטארק באוואכט. די שטענדיגע שטאדטישע באפעלקערונג איז אזוי ארום פילפאכיק פארגרעסערט געווארען, און דער הונגער האט זיך שוין באלד אנגעהויבען שטארק צו פילען. צום גליק האט מצרים באשלאָסען צו האלטען זיין אָפמאך מיט די אידען און דערקלערט מלחמה קעגען בבל. נבוכדנאצר האט דאריבער זיך געפונען געצוואונגען צוריקצוציהען פון ירושלים און ארויסצוגיין קעגען דעם שטארקערען קעניג פון מצרים. עס האט אבער ניט לאנג געדויערט און נבוכדנאצר האט זיך צוריקגעקערט פון דארטען א זיגער. ער האט איצטער מיט נאך מעהר עקשנות אנגעהויבען די באלאגערונג פון ירושלים און דעם שטורמען פון איהרע באפעסטיגטע ווענט.

די לאגע איז געווארען ערגער פון טאָג צו טאָג. טויזענטער אידען זיינען געפאלען אין דער מלחמה און די גאסען פון ירושלים זיינען געווען פול מיט טויטע. אלס רעזולטאט דערפון איז אין ירושלים אויסגעבראָכען א שרעקליכע מגפה, וואס

האט אוועקגערויבט פונקט אזוי פיעל קרבנות. דער הונגער איז אויך געווארען אונדערטרעגלאך, און צארטע מוטערס האבען מיט די אייגענע הענט געקוילעט זייערע קליינע קינדער, אפגעבראָטען זייער פלייש און עס געגעסען. אוצרות מיט געלט האט מען געוואלט געבען פאר א שטיקעל ברויט און עס ניט געקענט קריגען. די פארטיידיגער פון ירושלים זיינען געווארען אויסגעמאטערט און ארומגעגאנגען ווי שאָטענס. מען האט ממש געפאסט, זיך געקוויקט און גענערט פון באנעצען די ליפען מיט א פייכטקייט, און דאָך האט מען געקעמפט מיט דער גרעסטער העלדישקייט און זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען, וואס וואלט סיי ווי, ווארשיינליך, געמיינט א זיכערער טויט.

דעם ניינטען טאָג אין תמוז איז די פיינדליכע ארמיי אריין אין שטאָט, און כמעט אויסגעקוילעט די באפעלקערונג. דער בית המקדש איז פארוואנדעלט געווארען אין א בלוט־באד, און דער מזבח איז געווען פול מיט דעם בלוט פון די כהנים און לויים. קיין איינער וואס איז געווען אין בית המקדש איז לעבען געבליבען.

צדקיהו מיט זיין פאמיליע האט זיך ווי עס איז איינגעגעבען צו אנטלויפען, אבער די בבליים האבען אים נאָכגעיאגט און געכאפט. מען האט איהם אפגעפירט אין דעם אויפהאלט פון נבוכדנאצר, און דארטען האט מען פאר צדקיהו'ן אין די אויגען אויסגעשאָכטען זיין גאנצע פאמיליע און נאכדעם אים אליין אויסגעשטאָכען די אויגען און א בלינדען אוועקגעפירט קיין בבל אלס געפאנגענעם.

פאר א צייט האבען די סאלדאטען געשאלטעוועט אין ירושלים, געטויטעט יעדען איינעם וואס איז זיי געקומען אין וועג, געשענדעט יעדע הייליגקייט, און ניט איבערגעלאזען קיין שטיין אין די גאסען וואס זאל ניט זיין באנעצט מיט אידיש בלוט. דאָך האט זיך אין זייער ווילדקייט געפילט א סך צו-ריקגעהאלטענקייט; עס איז זיי, קענטיק, געווען א שאד איינגאנצען צו פארניכטען די שטאט מיט אירע נאטירליכע פעסטונגען און באשיצונגען, וואס וואלט זיי אין א פאל פון

מלחמה מיט אנדערע דערבייאיגע מלוכות שטארק צונויף געקומען.

האט אבער אָנגעפירט מיט דער ארמיי דער בלוטדורש־טיגער נבוזרדן, און ער האט ארויסגעגעבן א באפעל איינ־מאָל פאר אלע מאָל אלץ צו פארניכטען ביז'ן גרונד. אין'ם טאָג פון תשעה באב, וואס איז ווערליג דער לעגענדע פאר־שאָלטען געווארען פון גאָט צוליב די זינד פון די מרגלים, איז דער בית המקדש פולשטענדיג חרוב געווארען צוזאמען מיט דעם קעניגליכען פאלאץ און די וואנט־מויער ארום דער שטאט.

נאכדעם ווי נבוכדנאצר האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש און פארוויסט דאס לאנד, זיינען נאך אלץ איבערגע־בליבען אידען אין ארץ ישראל. נבוכדנאצר אליין האט באלד נאכ'ן חורבן צוריקגעשיקט ירמיהו'ן קיין ארץ ישראל, און אים דערלויבט דערמוטיגען אנדערע אידען זיך אומצוקערען אהיים.

בבל איז באזיגט געווארען פון דעם קעניג כורש, וועלכער האט געהאט א גאנץ אנדער אמונה, און ער האט דערלויבט די אידען זיך צוריקצוקערען קיין ארץ ישראל און צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש. זרובבל, אן אייניקעל פון'ם לעצטען אידישען קעניג, האָט זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון צוועלף טויזענט מאן, און גאר גיך איז די צאָל פארגרעסערט געווארען אויף 42,360 נפשות. דאס אי־דישע לאנד איז ווידער אויפגעבויט געווארען און אנגעהאל־טען 565 יאהר.

דורך דער צייט האט זיך די אידישע באפעלקערונג פיל־פאכיג פארגרעסערט, געווארען א שטארק און גרויס פאלק, און אויפ'ן טראן זיינען געזעסען אידישע מלכים. דאס לאנד איז אבער תמיד געווען אונטער פרעמדער אויבערהערשאפט, און די אידישע מלכים זיינען אפט געווען בלויז א שפילגעציינ אין די הענט פון די פרעמדע.

די פרעמדע הערשער זיינען דערגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האָבען אויפ'ן אידישען טראן ארויפגעזעצט א רוימישען

גענעראל הורדוס, א מאן, וואס האָט אפּגעשטאמט פון די־ ארומים, די אלטע שונאים פון ישראל. די רוימער זיינען דאמאלט שוין געווען שטארק און מעכטיק און האָבען בא־ הערשט פיעלע לענדער און פעלקער. אויך דאס אידישע פאלק האָבען זיי געהאלטען אונטערדריקט.

די רוימער האָבען ארויפגעזעצט א פּראקוראטאר, וועל־ כער איז געווען דער פאקטישער רעגירער פון דעם אידישען לאנד. אמערגסטען איז זיך מיט די אידען באגאנגען דער פּרא־ קוראטאר פלאָרוס. ער האָט די אידען אנגעטאָן אזעלכע צרות, אז עס איז שוין געווען איבער די כחות זיי אריבערצוטראגען. די אידען האָבען זיך געזעהען געצוואונגען צו ווערען געגען דער גייסטיגער און פּאליטישער אונטערדריקונג. א פּארטיי פון אידישע פּאטריאטען איז אויפגעשטאנען און איינמאָל ווען פלאָרוס איז געקומען מיט זיין ארמיי קיין ירושלים, זיי־ נען זיי איהם באפאלען, צושלאָגען זיין ארמיי און איהם אליין פארטריבען פון דעם אידישען לאנד.

ווען די נייעס איז אנגעקומען אין רוים, איז אן ארמיי ארויסגעשיקט געווארען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד. דער באגער נאָך פרייהייט האָט זיך אבער ביי די אידען גע־ שטארקט און גרויסע טיילען פון דעם פאלק זיינען איצט צו־ געשטאנען צו דער פּאטריאָטישער פּארטיי, די קנאים, (זעלאָ־ טען, בריונים) און מיט גרוים העלדישקייט האָבען זיי פאר־ טריבען אויך די נייע ארמיי פון דעם אידישען לאנד.

מיט דעם האט זיך אבער דער קאמף ניט פארענדיגט. די רוימער זיינען געווען צו שטארק זיך אונטערצוגעבען, און האָבען צוגעגרייט נאָך גרעסערע ארמייען. פון אויבען אויף איז געווען צו זעהען, אז רוים וועט זיגען, ווייל זי איז געווען אונפארגלייכליך שטארקער ווי די אידען. עס האָבען זיך טאַ־ קע גלייך געשאפען צווישען די אידען צוויי פּארטייען: איינע וואס האָט געוואלט מען זאל זיך אונטערגעבען די רוימער, און א צווייטע, וואס האָט געפאדערט א קאמף ביז צום סוף.

ווען די ערשטע שלאכטען אין גליל האָבען זיך אנגע־

הויבען און די אידען זיינען געשלאָגען געווארען פון די רוי־
מער, האט אין ירושלים אויסגעבראָכען אן אמת'ע בירגער
קריג. אויסער דער שטאָדט איז געשטאנען דער שונא און אינ־
וויינינג, אין ירושלים האָבען די פארטיידיגער אליין צווישען
זיך געקעמפט.

אין יענער צייט האָט איבער רוים געהערשט דער קייסער
נירון (נעראָ), און ער האט ארויסגעשיקט זיין פעלדמארשאל,
אספסינוס מיט א ריזיגער ארמיי צו באשטראפען דאס לאנד
יהודה, ווי מען האט עס דאמאלט גערופען. צוויי יאהר האט
געדויערט דער קאמף צווישען זיינע ריזיגע ארמייען און דעם
קליינעם הייפעלע אידען. דורך דער צייט איז דערווייל פאר־
געקומען אן אינטריגע אין דעם רוימישען הויף, און אספסינוס
איז געווארען קייסער פון רוים. דער נייער קייסער האָט דא־
מאָלט געשיקט אויף ירושלים זיין יונגען פעלדמארשאל, טי־
טוס, מיט אן אונגעהויער גרויסער ארמיי.

ווען טיטוס איז אנגעקומען מיט זיין ארמיי און אנגע־
הויבען די באלאגערונג, האָבען זיך אלע אידען פאראייניגט
אין קאמף און מיט גרויס העלדישקייט און עקשנות זיך פאר־
טיידיגט.

די מלחמה איז געווען א שווערע און ביטערע. די רוי־
מער האָבען באנוצט די בעסטע מיטלען וואס זיינען דאמאלט
באוואוסט געווען אין קריגס־פיהרונג, און די אידען זיינען
במעט געווען אָן װעלכע מיטלען. דאָך האָבען די אידען אונ־
טער דער אנפיהרונג פון שמעון בר גיורא און יוחנן פון גוש
חלב ארויסגעוויזען גרויסען מוט און געקעמפט ווי די לייבען.

9 חדשים האט געדויערט די באלאגערונג פון ירושלים,
און טיטוס האָט בשום אופן ניט געקענט איינברעכען די פעס־
טונג פון ירושלים. ערשט אין דעם זיבענצענטען טאג אין
חודש תמוז האָבען זיי דורכגעבראכען די פאדערשטע מויער,
און אפילו דאמאלט האָט זיי נאך גענומען פינף טעג איידער
זיי האָבען באוויזען ארייגצודרינגען אין שטאָדט אריין.

ווען דער שונא איז שוין געווען אין ירושלים, האָבען
די אידען זיך נאך אלץ ניט אונטערגעגעבען. זיי האָבען זיך

פארקליבען אין דעם אויבערשטען טייל פון דער שטאָדט און אויפ׳ן בארג אויף וועלכען עס איז געשטאנען דער בית המקדש, און מיט נאָך מעהר העלדישקייט ווי פריהער גע-קעמפט פאר יעדען טריט.

טיטוס האָט דאמאלט געשיקט דעם אידען יוסף בן מתתיהו (יאָזעפוס פלאוויוס) וועלכער איז דעמאלט געווען אין דער רוימישער ארמיי און געקעמפט אויף זייער זייט, ער זאָל איבעררעדען די אידען זיך אונטערצוגעבען. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף איינער פון די מויערען און געבעטען מען זאל רחמנות האָבען אויף ירושלים און אויף דעם בית המקדש. זיינע ווערטער האָבען אבער קיין ווירקונג ניט גע־האט. די באלאגערטע העלדען האָבען געהאט איין איינציגען מאטא: פרייהייט אדער טויט.

דערווייל איז אין דער אידישער מחנה געווארען א שרעק־ליכער הונגער, און עס איז ממש ניט געווען קיין קערענדעל אדער א טראָפּען וואסער. פאר א שטיקעל טרוקען ברויט איז מען געווען גרייט אפצוגעבען דאס גאנצע פארמעגען. דער הונגער איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז טאטעס האָבען אליין מיט די אייגענע הענט געקוילעט קליינע קינדער און זייער פלייש געגעסען.

צוזאמען דערמיט האָבען זיך ווידער אנגעהויבען די אי־נערליכע צאנקערייען. די פארטייען, וועלכע זיינען פון אנ־הויב אָן געווען געגען דעם קאמף מיט די רוימער, האָבען איצט אנגעהויבען אפען ארויסצוטרעטען געגען די קנאים און עס האָט דאריבער אויסגעבראכען א ברודער־שלאכט.

און אָט אפילו ביי דער דאזיגער לאגע, האָבען די רוימער נאָך אלץ באצאהלט מיט טייכען בלוט פאר יעדען טריט וואס זיי האָבען געמאכט. טיטוס האָט איינגעזעהען, אז דער קאמף איז ניט קיין לייכטער, האָט ער באפוילען אונטערצינדען דעם מויער ארום דעם בית המקדש. און פון צווישען די פלא־מען האָבען די אידען נאך אלץ אנגעפיהרט זייער קאמף פאר פרייהייט ביז איינער פון די רוימער האָט באוויזען ארייננצו־

וואַרפען א ברענענדיגען האָלץ אין דעם בית המקדש, וועלכער איז גיך ארומגעכאפט געווארען פון די פייער־פלאַמען.

די רוימישע ארמייען זיינען דאמאלס אריין מיט שטורם און דער׳הרג׳ט טויזענטער אידען. פיעלע פון די העלדישע קריגס פיהרער האָבען זיך אליין געווארפען אין פייער, און די פלאמען האָבען זיי פארשלונגען צוזאמען מיט דעם בית המקדש.

און אויך אָט דער דאזיגער צווייטער חורבן, וואס האָט באשטימט אז די אידען זאָלען פארלירען זייער לאנד, איז פארגעקומען אום תשעה באב.

די פיעלע חומרות און דינים פון תשעה באב זיינען גע־שאפען געווארען ערשט נאָך דער שליסונג פון דעם תלמוד, אין דער תקופה פון די גאונים און רבנים, און דאס ניט אלע מיט אמאל, נאר האָבען זיך אנטוויקעלט ביסלעכווייז פון דור צו דור..

תשעה באב איז איינגעפיהרט געווארען גלייך נאָך דעם חורבן פון דעם ערשטען בית המקדש. ווען דער צווייטער בית המקדש איז אויפגעשטעלט געווארען, זיינען די פיער אידישע תעניתים, תשעה באב, צום גדליהו, עשרה בטבת און שבעה עשר בתמוז, וועלכע האָבען אלע געהאט א שייכות מיט דעם חורבן בית ראשון, כמעט אינגאנצען אויפגעגעבען געווארען. ערשט נאָך דעם צווייטען חורבן זיינען די תעניתים צוריק איינגעפיהרט געווארען און מיט פיעל מעהר שטרענגקייט ווי פריהער. העכער צוויי הונדערט יאהר איז דער תענית אפּ־געהיט געווארען, און יעדעס מאָל זיינען צוגעגעבען געווארען נייע און נייע חומרות. וואס ערגער דער אידישער לעבען איז געווען, וואס מעהר אידען זיינען געדריקט געווארען, אלץ מעהר האָט מען געטרויערט אויף דעם גרויסען פארלוסט.

אין אנהויב פון דעם דריטען יאהרהונדערט האָט דער תשעה באב אנגעהויבען ביסלאכווייז צו פארלירען א סך פון זיין טרויער, און עס האָט שוין געהאלטען דערביי, אז דער טרויער טאג זאָל אין גאנצען אויפגעגעבען ווערען. די אידען האָט זיך דאמאלס געלעבט גאר נישט קשה און האָבען געהאט

זייערע אייגענע נשיאים, וועלכע האָבען פארוואלטעט מיט די ענינים, און האָבען משמעות געוואלט פארגעסען אביסעל אין דעם חורבן. ווען די אידישע לאגע האָט זיך פארערגערט איז די בענקעניש נאָך ארץ ישראל געוואקסען און דער תשעה באב איז געווארען אפגעהיט מיט מעהר טרויער.

ווערליק דעם רמב"ם איז דער איסר פון עסען פלייש און טרינקען וויין חל בלויז אויף דער סעודה המפסקת, ביים פאר־פאסטען זיך ערב תשעה באב. מיט יאָהרען שפעטער האָט מען דעם איסר איינגעפיהרט אויך פאר דעם גאנצען טאג פון ערב תשעה באב. נאָך שפעטער האָט שוין דער שולחן ערוך אורח חיים געפסק'ענט, אז מען טאָר ניט עסען קיין פלייש און ניט טרינקען קיין וויין די גאנצע ניין טעג, פון ראש חודש אב אָן ביז תשעה באב.

פריהער האָבען זיך בלויז א טייל אידען נוהג געווען ניט צו לייגען תשעה באב אין דער פריה קיין תפילין צוליעב דער וויכטיגקייט פון דעם תענית. שפעטער אבער האָבען מעהרער און מעהרער אנגענומען דעם מנהג ביז עס איז גע־ווארען א דין. אזוי איז עס אויך געווען מיט די איבעריגע מנהגים און דינים. דער איסר פון חתונה האָבען, למשל, איז פריהער חל געווען בלויז אויף דעם טאג פון תשעה באב, אבער ביסלעכווייז איז דער איסר אויסגעשפרייט געווארען אויף די גאנצע דריי וואכען אנהויבענדיג מיט דעם תענית פון שבעה עשר בתמוז.

תשעה באב איז א חוץ יום כפור דער שטרענגסטער תענית און ער הויבט זיך אָן דעם טאג פריהער, גלייך נאָך שקיעת החמה. תשעה באב לייגט מען ניט קיין תפילין, ווייל תפילין איז א צירונג און תשעה באב טאָר מען זיך ניט פו־צען. מען טאָר זיך ניט וואשען דעם פנים אחוץ די אויגען און די שפיץ פינגער פון די הענט. מען טארניט טאָן די מינדעס־טע ארבייט און אפילו לערנען דארף מען אויך נאר בלויז ווע־גען דעם חורבן.

דעם טאָג פאר תשעה באב נאָך מנחה, עסט מען די סעודה המפסקת זיצענדיג אויף א נידעריג בענקעלע. די

סעודה טאָר ניט באַשטעהן מעהר ווי פון איין געריכט. מען פירט זיך אויך צו עסען אָן איי און ניט צו בענשען אין מזומן.

אין שוהל נעהמט מען אַרונטער דעם פרוכת פון'ם ארון הקודש, מען טוט אויס די שיך און מען דאַוונט גאָר שטיל. דערנאָך זעצט מען זיך אויף בענקלעך לייענען די מגילה איכה מיט דעם סקאַרבאָווען אומעטיגען ניגון. נאָך איכה זאָגט מען די קינות. איכה איז דאָס קלאָג ליד אין וועלכען ירמיהו הנביא באַוויינט דעם חורבן פונ'ם ערשטען בית־המקדש. די קינות באַשטעהען פון אַ זאַמלונג פון קלאָג ליי־דער וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אין פאַרשידענע צייטען און קלאָגען אויף גאָר אַ סך חורבנות וואָס אידען האָבען געהאַט. צווישען זיי געפינען זיך עטליכע פון ר' יהודה הלוי, וועלכע האָבען גאָר אַ גרויסען פּאָעטישען ווערטה.

די ספרדישע אידען אין ארץ ישראל האָבען גאַנץ אַנ־דערע מנהגים. ביינאַכט און אין דער פריה לייענען זיי די שירת האזינו מיט דעם ניגון פון איכה. ביינאַכט נאָך די קינות לעשען זיי אויס אַלע ליכט און דער חכם, דער גייס־טיגער פיהרער, האַלט אַ דרשה אין שפּיאַנאָליש. נאָך דער דרשה צינדט מען ווידער אָן די ליכט. די ספרי תורה און דער ארון זיינען איינגעוויקעלט אין שוואַרצען, און די מתפללים שיטען אַש אויף זייערע קעפּ. נאָך האַלבען טאָג געהען זיי אַלע צו דער כותל מערבי וואו זיי טרויערען אויפ'ן חורבן בית־המקדש.

נאָכ'ן אָבזאָגען די קינות, ווערען אויסגעלאָשען די עטלי־כע קליינע ליכטלעך און דער חזן רופט אויס: „כל מי שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נחרב בימיו — ווער עס האָט ניט זוכה געווען, אַז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערען אין זיין צייט, איז פונקט ווי דער בית המקדש וואָלט אין זיין צייט חרוב געוואָרען".

דער זעלבער מנהג ווערט אויך דורכגעפיהרט ביי די תימנ'ער אידען אין די שוהלען, און ביי זיי גייט דער קינות־זאָגער אָנגעטהאָן ממש אין שמאַטעס. תשעה באב אין דער פריה ווערט ביי די תימנ'ער אַרויפגעשטעלט אַ שיסעל מיט

אש אויפ'ן בימה, און יעדער איינער באשיט דערמיט דעם שטערען. דער רב אָדער בעל קורא לייענט אויך פאר אלע מעשה'לאך פון מדרש אויף אראביש, און ביי די ספרדים ווערט עס געלייענט אין שפאניאליש.

אין סאלאָניקי, גריכענלאנד, זיינען נאָך איצטער דאָ קליי־נע גרופען שבתי צבי'ניקעס, וועלכע פארוואנדלען דעם טרוי־טער טאָג אין א טאָג פון שמחה אין וועלכען מען זינגט אלער־ליי זמירות.

ביי א סך פון די אייראפעאישע אידען עסט מען נאָך איצטער ביי דער סעודה המפסקת, ערב תשעה באב פאר־נאכט, בייגעל מיט אש. די קינדער און א סך גרויסעווארפען זיך מיט „בערעלעך", אזא מין ווילדע, שטעכעדיגע פרי, וואס פארפלאָנטערט זיך אין דער באָרד און רייסט ארויס די האָר. פון וואנען די דאָזיגע קונדעסעריי האָט זיך גענומען, איז שווער צו זאגען. די עלטערע, מעהר חשוב'ע בעלי בתים פראָ־טעסטירען תמיד געגען דעם און אויף זיי וואגט מען ניט צו ווארפען די „בערעלעך".

אין די אידישע שטעדטלאך פון אייראָפא איז מען זיך נוהג אין דעם דאָזיגען טאג צו געהן אויף קבר אבות. דער מנהג איז א גאנץ אלטער און ווערט דערקלעהרט מיט דעם גלויבען, אז אין תשעה באב שטעהען די מתים אויף פון זייע־רע קברים און קלאָגען אויפ'ן חורבן בית המקדש.

אין פיעלע ערטער אין פוילען און אין וויים רוסלאנד איז אויך באקאנט א מנהג, אז אינגלאך, וואָס געהען מיט זייערע עלטערען אויפ'ן בית הקברות, נעהמען מיט קליינע שווערדלאך און ביקסלאך פארשניצט פון האָלץ און שטעקען עס אריין אין די קברים כדי צו דערמאָהנען די מתים נקמה צו נעהמען פון די אידישע שונאים.

צווישען די מאראָקאנער אידען איז איינגעפיהרט צו פארשליסען תשעה באב די טיהר פון הויז, וואו עס זיינען פאראן קליינע קינדער מחמת דעם גלויבען אז אין יענער נאכט פליהען ארום גרויסע פלעדערמייז וואָס עסען קליינע קינדער.

ערשטער קאפיטעל

ראש השנה, דער יום טוב פון מורא

דער אמאָליגער יום טוב פון שמחה — זיין ענדערונג פאר'ן ערשטען חורבן — ראש השנה אין גלות בבל — רעליגיעזע דערוואכונג און חשבון הנפש — דער סימבאָל פון שופר.

ראש השנה איז ניט תמיד געווען דער יום טוב פון מורא און דין. זיין איצטיגע פארם און באדייטונג האָט זיך טראַדיציאָנעל און געשיכטליך אנטוויקעלט, און פארענדערט ווענדליג דעם עקזיסטירענדיגען גייסטיגען און נאציאנאַלען מצב.

אין דער תורה ווערט געזאגט: „דער ערשטער טאג אין זיבעטען חודש זאָל זיין א רוה־טאָג, און צום אָנדענק זאל מען בלאָזען שופר". קיין איינציג ווארט ווערט ניט דערמאנט וועגען ראש השנה און זיין מורא'דיגקייט.

די נאַציאנאל־רעליגיעזע און נאציאנאַל־געזעלשאפטליכע באדייטונג האט זיך קענטיג אויסגעדריקט בלויז דארין, וואס אין חודש תשרי האָט זיך אנגעהויבען די פייערונג פון איינזאמלען די תבואה. עס איז אבער ניט באקאנט, אז די אידען זאלען אין דער גאר אלטער צייט האָבען געפייערט א ניי־יאהר יום טוב, אויב מען האט אין ערשטען טאג פון תשרי געבלאָזען שופר ווי עס ווערט פארזאָגט אין דער תורה, איז עס ניט געווען צוליב דער אימה און שרעק פאר א ניי יאהר, נאר צוליב דער פייערליכקייט פון דעם אנקומענדיגען חג האסיף.

ערשט אין די צייטען פון'ם ערשטען בית המקדש האבען די אידען אנגעהויבען צו פייערען ראש השנה, אבער אפילו דעמאָלט איז עס נאך ניט געווען קיין רעליגיעזער יום טוב, און איז ניט געפייערט געווארען אין דעם איינציגען טאָג פון

אָנהויב תשרי. אין יענער צייט האָבען אידען געהאט בלויז דריי ימים טובים אין יאהר: פסח, שבועות און סוכות.

די דאָזיגע דריי ימים טובים זיינען געווען ריינע נאטור־פייערונגען. פסח האָט מען געפייערט דעם אָנהויב פון תבואה־שניט; שבועות איז געווען דער אבשלוס פון די תבואה־וואָכען, און מען האט איהם דערפאר גערופען: חג הקציר, די פייערונג פון שניט; סוכות איז געווען דער יום טוב פון איינזאמלען די תבואה: חג האסיף.

יעדער פון די דריי ימים טובים איז געפייערט געווארען אין א הייליגען אָרט, אויף א בימה מיט א מזבח, וואס האט זיך געפונען אין יעדען גרעסערען קיבוץ. דאָרטען אויפן מזבח פלעגט דער כהן מקריב זיין א קרבן, און דער עולם פלעגט זיך דערביי גוט משמח זיי.

סוכות איז געווען דער פרייליכסטער פון די דריי ימים טובים, און דער איד איז דעמאלט שוין געגאנגען אין א באַשטימטען אָרט, וואו עס האט זיך געפונען א היכל, א משכן אויסגעבויט פאַר גאט, און דארטען פלעגט מען דאנקען און לויבען גאט פאר דער תבואה און גערעטעניש.

אָט דער דאָזיגער פריילינער יום טוב, וואס איז אויסגעקומען אין הארבסט, האט געדיענט סיי אלס ניי־יאהר, ראש השנה, און סיי אלס יום טוב פון סוכות. די אידען וועלכע זיינען געווען הויפטזעכליך אן אגריקולטור־פאָלק, האבען געציילט דעם יאהר פון דער צייט וואס זיי האבען איינגעזאַמעלט די תבואה. און שוין אין חומש ווערט דער יום טוב באצייכענט אלס טאָג „פון איינזאמלען, ווען דאס יאהר לאָזט זיך אויס“.

ניט אלע אידען אין לאנד האָבען אנגעהויבען די ניי־יאהר פייערונג אין איין און דעם זעלבען טאג. עס איז תמיד געווען געווענדט אינם וועטער און אין דער געאָגראפישער לאגע. אידען אין גליל האָבען אנגעהויבען די פייערונג פריי־הער פון די אידען אין יהודה.

די פייערונג איז געווען א גראנדיעזע, פון אלע זייטען האבען זיך געצויגען קאראוואנען מיט עולי רגל'ניקעס. ווער

עס איז געגאנגען קיין ירושלים, ווער קען שילה, און ווער אין אן אנדער פארהייליגט ארט. געגאנגען זיינען מענער, פרויען און אפט אויך קליינע קינדער. יעדער האט געפיהרט מיט זיך א קרוג מעהל אדער לאגעל ווייין פאר א קרבן.

די עולי רגל'ניקעס האבען זיך גוט משמח געווען, געגעסען און געטרונקען שוין איבער דער מאס. דער עולם איז געווען היבשלאך אנגעשכור'ט, און אפילו די פרויען זיינען דערפון ניט אפגעשטאנען.

עטליכע צעהנדליג יאהר פאר'ן חורבן בית ראשון האט זיך די לאגע גענצליך געענדערט. עס זיינען אפגעשאפט געווארען אלע הייליגע ערטער פון דער פראווינץ, און ירושלים איז דערקלעהרט געווארען די איין און איינציגע הייליגע שטאדט, וואו מען מעג מקריב זיין קרבנות.

די אידישע ימים טובים האבען דעמאלט אנגענומען א גאנץ נייעם כאראקטער. פון לאקאליזירטע, ריין דארפישע ימים טובים, זיינען זיי פארוואנדעלט געווארען אין נאציאנאל־רעליגיעזע פייערטעג, וואס יעדער איד האט געמוזט איינצייטיג אפהיטען. א באשטימטער דאטום איז אוועקגעשטעלט געווארען אלס געזעץ. און יעדער איד האט זיך געפונען פארפליכטעט עולי רגל צו זיין קיין ירושלים.

דער אידישער ניי־יאהר — דער יום טוב ראש השנה האט זיך ערשט אנגעהויבען שפעטער אין דער צייט פון גלות בבל. דעמאלט האבען די חכמים באשטימט דעם ערשטען טאג פון'ם זיבעטען חודש, תשרי, אלס דעם אנהויב יאהר.

דאס אידישע לעבען אין בבל איז געווען גאנץ אנדערש ווי אין ארץ ישראל. זייענדיג אוועקגעריסען פון זייער היים און פון זייער נאטור־לעבען, איז דער רעליגיעזער געפיהל געווארען שטארקער און ערנסטער. דער פרייליכער יום טוב פון איינזאמלען די תבואה האט זיך מעהר ניט אריינגעפאסט. עס איז געווען א דראנג זיך צו פארטיפען אין דער אמונה, און מען האט דעריבער געזוכט יעדען אידישען יום טוב אנצוטאן אין א רעליגיעזען מלבוש. דער ניי־יאהר וואס איז אויך א פרייליכען אופן געפייערט געווארען צוזאמען מיט דעם חג־

האסיף, סוכות, האט מעהר ניט געקענט אויפגעהאלטען ווע־רען. עס האט געפעהלט דערצו די פרייליכע שטימונג, די צוגעבונדענקייט צום אייגענעם באָדען, און די צערעמאָניאלע פייערליכקייט פון מקריב זיין קרבנות.

דער אידישער ניי-יאהר האָט געמוזט אפּגעטיילט ווערען און בלייבן א טאָג פון רעליגיעזער און מאראלישער דערקענט־ניש, א טאג וואס זאל זיין גאנץ אנדערש סיי אין תוכן און סיי אין פאָרם פון דעם באבילאָנישען ניי־יאהר, וועלכער איז אגב געפייערט געווארען אין אנהויב זומער מיט שכרות און הוליאנקעס.

פארוואָס די חכמים האָבען באשטימט דעם זיבעטען חודש אלס דעם אנהויב יאהר, זיינען פאראן נאך פיעלע טיבות, פיעלע געלעהרטע ווילען האבען, אז דאס קומט דער־פון וואס אידען האָבען תמיד פארהייליגט די צאהל זיבען, דער זיבעטער טאג פון וואך איז שבת, זיבען טעג זיינען די ימים טובים פסח און סוכות, זיבען וואכען איז צווישען פסח און שבועות, דער זיבעטער יאהר איז שמיטה, נאך זיבען שמיטות קומט דער שנת היובל.

דער זיכערסטער טעם איז אבער וואס די אידען האָבען ניט געוואלט פייערען זייער ראש השנה אין איין צייט מיט די באבילאנער.

אין אָנהויב איז דער רעליגיעזער ניי־יאהר באשטימט געווארען אויף דעם צעהנטען טאג תשרי, צוזאמען מיט יום כפור, ווי ס׳ווערט קלאָהר דערציילט אין יחזקאל: „בראש השנה בעשר לחודש" — אינ׳ם ניי־יאהר, אין דעם צעהנטען טאָג אין חודש. אויך די תורה הויבט אָן דעם יובל־יאהר מיט דעם צעהנטען טאג אין חודש תשרי, און דער געזעץ זאגט בפירוש, אז דעם צעהנטען טאג אין זיבעטען חודש זאל מען בלאָזען שופר און פראקלאמירען א יאהר פון באפרייאונג, ווען קנעכט קריגען צוריק זייער פערזענליכע פרייהייט און פארקויפטע גיטער קעהרען זיך צוריק צו זייערע ערשטע איי־גענטימער.

די לעצטע ענדערונג איז געמאכט געווארען ערשט א

קורצע צייט נאָך עזרא, פון דעם צעהנטען טאג אין זיבעטען חודש האט מען געמאכט א תענית און א יום כפור, א טאג פון פארגעבונג, און דער אידישער ניי־יאהר איז איבערגעטראגען געווארען אויפ'ן ערשטען טאָג אין הודש. אזוי ארום זיינען פון איין יום טוב אין ארץ ישראל געוואָרען דריי באזונדערע ימים טובים: ראש השנה, יום כפור און סוכות.

עס איז איינער פון די שעהנסטע סימבאָלען פון דער אי־דישער אמונה, וואס דוקא דער הארבסט ווען די נאטור פאר־בליט און פארוועלקט, איז דער סיגנאל צו רעליגיעזער דערוואַ־כונג, צו א חשבון הנפש און אייגענער אויסלייטערונג. אמונה איז ביידע: אהבה און יראה — פאר ביידען איז פאראן א גע־וויסער מאָמענט — און הארבסט איז דער מאמענט פון יראה, די פורכטבארע מורא וואס פארכאפט דעם מענשען ביים אָנ־בליק פון דער גרויסער פארענדערונג אין דער נאטור, אין אזא מאָמענט איז עס גינסטיג פאר דעם אידען זיך צו פארטראכ־טען וועגען א יום הדין.

לויט דעם תלמוד איז ראש השנה פעסט געשטעלט גע־ווארען אלס א טאָג אין וועלכען יעדער מענש ווערט גע'־משפט. דער איד איז פאראנטוואָרטליך צו גאָט פאר זיינע מעשים, און נאר גאָט אליין קען איהם דארויף מוחל זיין. דער איד האָט תמיד אין זיך דעם צלם אלוקים, און אפילו ווען ער זינדיגט לעבט אלץ אין איהם דער געטליכער פונק. מיט אלע זיינע שוואכקייטען און שלעכטע נויגונגען, האט דער מענש אין זיך א גייסטיגע קראפט זיך צו דערהויבען צו דער סאמער העכסטער מדרגה.

און ווען דער מענש וויל ווערען בעסער, טאן תשובה, דארף ער דערצו ניט האָבען קיין גייסטליכען אלס פארמיטלער, נאר קען זיך אליין פארווענדען צו גאט און די זינד וועלען איהם פארגעבען ווערען. די תשובה דארף אבער זיין א ריינע, אן ערנסטע, פול מיט אויפריכטיגקייט.

באמת דארף דער איד יעדען טאג זיך אפגעבען א חשבון הנפש, אבער ראש השנה דארף ער זיך געגצליך אויסטאן פון דעם אלטעגליכען און זיך דערהויבען צו א גייסטיגער וועלט.

דרייסיג טעג פאר ראש השנה הויבט שוין דער איד אן זיך צוצוגרייטן צום יום הדין. פון ראש חודש אלול אן הויבט מען אן צו בלאזען שופר כדי צו וועקען צו תשובה. די לעצטע וואך פאר ראש השנה גייט מען יעדע נאכט אין שול זאגען סליחות, די סליחות, וועלכע זיינען געשריבען געווארען מיט אידישע טרעהרען און בלוט פון מארטירער און קדושים. אין דער שטילקייט פון דער נאכט צושפרייט זיך א שרעקליכער וויי־געשריי פון דעם אייביגען וואנדערער — דאס איז דער שטורעמדיגער אויסגוס פון דעם אידישען פאלקס־צער.

דער שופר איז אן איינפאכער הארן פון א באראן און די טענער זיינען איינפאכע. אהן מוזיקאלישען קלאנג און אינהאלט. דאך איז דער שופר בלאזען די סאמע ערנסטע צערעמאניע אינ׳ם ראש השנה׳דיגען ריטואל. יעדער טאקט איז א סימבאל, א סיגנאל צום אידענ׳ס באוואוסטזיין, און דרינגט אריין טיעף אין דער נשמה.

דער שופר דערמאנט אן קבלת התורה ווען גאט האט זיך באוויזען אופ׳ן בארג סיני דורך קולות וברקים; דער שופר דערמאנט אן דער עקידת יצחק און אויך אן דער נבואה פון ישעיה הנביא, וועלכער רעדט פון באחרית ימים, וועגען דער צוקונפט ווען דער שופר וועט בלאזען און פראקלאמירען די דערלייזונג פון׳ם אידישען פאלק — והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול (ישעיה כ״ז, י״ג).

דער שופר איז בכלל אן אלטער אינסטרומענט מיט וועלכען מיר האבען זיך באנוצט ביי יעדער הייליגער געשעעניש. ווען גאט האט זיך באוויזען אויפ׳ן בארג סיני, האט זיך דער קול פון שופר געהערט פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערן, ווען משה רבינו איז צוריק ארויף אויפ׳ן בארג, נאכדעם ווי מען האט פארברענט דעם גאלדענעם קאלב, האט מען אין דער אידישער מחנה ווידער געבלאזען שופר. דעם יאהר פון יובל האט מען אויך פראקלאמירט דורך בלאזען שופר.

אין דער תלמודישער צייט האט מען זיך באנוצט מיט דעם שופר מודיע צו זיין יעדע וויכטיגע געשעהענים צו דער עדה, אז מען האט געוואלט אויסרופען אן איסור אדער א

היתור, איז עס געווען דורך שופר בלאָזען. אז מען פלעגט אי-מיצען ארייגלייגען אין חרם, איז אויך געווען דורך שופר בלאָזען. מקדיש זיין דעם נייעם חודש, פלעגט מען אויך דורך שופר בלאָזען, און אז אימיצער איז חלילה געשטאָרבען האָט מען עס ווידער מודיע געווען דורך שופר בלאָזען.

פרייטאג פארנאכט פלעגט מען בלאָזען זעקס תקיעות, נאָך דער ערשטער האבען די ארבעטער אין פעלד אוועקגע-לייגט די ארבייט. נאך דער צווייטער — האָט מען פאר-שלאָסען די קראָמען; נאך דער דריטער — האָט מען גע-בענשט ליכט, און עטליכע מינוט שפעטער האט מען געבלאָזען א תקיעה, תרועה און תקיעה מודיע צו זיין אז עס איז שוין שבת. מוצאי שבת נאָך שקיעת החמה האט מען ווידער נעבלאָזען שופר מודיע צו זיין אז מען מעג שוין טאן א מלאכה.

ראש השנה האָט די תורה פארזאגט צו בלאָזען שופר, כדי גאט זאל זיך דערמאנען אן דער עקידת יצחק פאר וועמען אברהם האָט מקריב געווען א באראן פון וואס דער שופר ווערט געמאכט, און דאס בלאָזען ווערט פאררעכענט ווי מיר אליין וואלטען זיך געלאָזט בינדען צו דער עקידה.

רבינו סעדיה גאון גיט אבער אן גאנצע צעהן טעמים פאר וואָס מען דארף בלאָזען שופר ראש השנה:

א) ווייל ראש השנה איז דער אנהויב פון בריאת העולם, און אזוי ווי דוד המלך האָט געזאגט: „מיט טרומ-פייטען און מיט דעם קול פון שופר זאלט איהר שאלען פאר גאָט", און אזוי ווי דער סדר העולם איז צו בלאָזען מיט טרומפייטען ווען א מלך בשר ודם ווערט געקרוינט, אזוי בלאָזען מיר מיט שופר קרוינענדיג דעם מלך חי וקים, דעם שעפער און קעניג פון דער וועלט.

ב) ראש השנה איז דער ערשטער טאָג פון תשובה, בלאָזט מען דאריבער כדי צו וואָרענען די זינדיגע זיי זאלען זיך נאָכדעם ניט האבען צו באקלאָגען.

ג) צו דערמאנען אן די עשרת הדברות, וועלכע זיינען נעגעליכען צו היטער וואס בלאָזען מיט טרומפייטען. אזוי

ווי עס שטייט געשריבען: „און דער וואס וועט הערען דעם קול פון שופר און זיך ניט היטען, און די שווערד וועט קומען און איהם אוועקנעמען, וועט זיין בלוט פאלען אויף זיין קאפ. ווער אבער עס וועט זיך היטען, דער וועט ראטעווען זיין לעבען".

ה) צו דערמאנען אין חורבן בית המקדש, און דעם מלחמה שאלען פון די שונאים, ווי עס שטייט געשריבען: „ווייל דעם קול פון שופר האסטו געהערט, דעם שאלען פון מלחמה", און דער בלאזען דעם שופר וועט אונז דערמאנען צו בעטען ביי גאט ער זאל צוריק אויפבויען דעם בית המקדש.

ו) צו דערמאנען אן עקידת יצחק און וויליגקייט זיך מקריב צו זיין פאר גאט. אט אזוי דארף יעדער איד ווען ער הערט שופר זיין גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין אויף קידוש השם.

ז) ארויסצורופען אינ'ם אידען מורא און חרטה, ווייל אזוי איז דער שטייגער פון שופר צו מאכען ציטערן, ווי עס שטייט געשריבען: „קען דען ווערען געבלאזען מיט א שופר אין א שטאדט און דאס פאלק זאל ניט ציטערען?"

ח) צו דערמאנען אן דעם גרויסען יום הדין און צו האבען מורא פאר גאט, ווי עס שטייט געשריבען: „גאט'ס גרויסער טאג איז נאהענט, ער איז נאהענט און אײלט זיך צום טאג פון שופר און שאלען".

ט) צו דערמאנען יעדען אידען בעטען גאט ער זאל צונויפקלייבען די צוזייטע און צושפרייטע אידען, ווי דער נביא ישעיה זאגט: „און עס וועט זיין אין יענעם טאג ווען עס וועט געבלאזען ווערען מיט דעם גרויסען שופר און עס וועלען קומען די פארלוירענע אין דעם לאנד אשור און וועלען זיך בוקען צו גאט אויף דעם הייליגען בארג אין ירושלים".

י) צו דערמאנען אן תחית המתים און צו גלויבען אין דעם ווי עס שטייט געשריבען: „אלע איינוואוינער פון דער וועלט, און אלע וואס וואוינען אין דער ערד, ווען די פאן וועט

אויפגעהויבען ווערען אויף די בערג וועט איהר זעהען, און ווען דער שופר וועט געבלאָזען ווערען וועט איהר הערען".

דער מדרש זאָגט: ראש השנה זיצט זיך כביכול אויפ'ן כסא המלוכה און משפט זיין פאָלק ישראל. ווען מען הויבט אָבער אן צו בלאָזען שופר, זעצט זיך כביכול אויפ'ן כסא הרחמים און דערבאַרעמט זיך אויף די אידען.

דער מדרש דערצעהלט אויך, אז ווען משיח וועט קומען און די מתים וועלען אויפשטעהן, וועט גאט ברוך הוא נעמען א שופר און בלאָזען זיבען תקיעות. ביי דער ערשטער וועט די וועלט ציטערען ווי א יולדת; ביי דער צווייטער וועט די ערד זיך אויסשפרייטען און די קברים וועלען זיך עפענען:

ביי דער דריטער וועלען די ביינער זיך צונויפקלייבען; ביי דער פירטער וועלען די אברים זיך אויסגלייכען; ביי דער פינפטער וועט די הויט זיך אָנקליידען; ביי דער זעקסטער וועט די נשמה און דער רוח חיים אריין אינ'ם מענשען און ביי דער זיבעטער תקיעה וועלען זיי שטעהן לעבעדיגע אויף זייערע פיס און זיין אנגעטאהן אין זייערע בעסטע קליידער.

צווייטער קאפיטעל

די באדייטונג פון די תפילות

דער הויפט מאָטיוו — דער אוניווערסאליזם — די לעגענדע וועגען ונתנה תוקף — מלכיות זכרונות און שופרות.

די ראש השנה'דיגע תפילות, הויפטזעכליך די וואס געפינען זיך אין דער מוסף'דיגער שמונה עשרה, צייכענען זיך אוים מיט זייער פאָעטיש־רעליגיעזען אינהאלט. די שעהנסטע אידייען פון יושר און אחדות זיינען איינגעוועבט אין זיי. דער הויפט מאָטיוו איז די פּראָקלאמירונג פון גאָט אלס אן איין און איינציגע איינינקייט, וואס באהערשט די וועלט און אלץ אין איהר.

די ראש השנה'דיגע תפילות זיינען די סאמע הייליגסטע און ווערדליג דעם מדרש פארנעמען זיי דעם אָרט פון דער כהונה, נבואה און בית המקדש. אין די אויגען פון רבי יהודה הלוי (כוזרי ד' ז') זיינען די ראש השנה'דיגע תפלות הייליגער פון אלע אנדערע. אזוי ווי ארץ ישראל איז הייליגער פון אלע לענדער, דער בית המקדש העכער פון אלע ערטער, אזוי זיינען די תפלות מעהר מרוצה אנגענומען צו ווערען ביי גאָט.

די חכמי התלמוד האָבען אין די דאזיגע תפילות אריינגעוועבט גרויסע און טיפע כונות, און אלע באטאָנען זיי די מורא'דיגקייט און הייליגקייט פון'ם טאָג, פון דער גרויסער מורא שפּראָצט אבער ארוים די פארזיכערונג פון אן אחרית הימים, פון א צייט ווען די גאנצע מענשהייט וועט זיין איין אגודה, גלייכע קינדער פון איין טאטען, און לעבען צווישען זיך ווי געטרייע ברידער.

אפילו אין די תפילות אין וועלכע דער איד דערמאָנט וועגען דער שלעכטסקייט צו איהם מצד די אנדערע פעלקער, טוט ער עם אויך אָהן כעס, „וכל הרשעה כולה כעשן תכלה— נאָר דאָס שלעכטס פון דער וועלט זאל פארשווינדען ווי דער

רויך". דער איד זוכט ניט קיין נקמה אן די וואס טוען איהם שלעכטס, נאָר בעט אז דאס שלעכטס זאל פארשווינדען.

— „ויעשו כלם אגודה אחת; די מאכט פון גערעכטיג־קייט—וכל הרשעה כולה כעשן תכלה און כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ; די אויסבעסערונג פון דער וועלט — לתקן עולם במלכות שדי.

דער תמצית פון דעם יום הזכרון איז: „היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים". אין דעם מאָמענט וואס דער איד באהעפט זיך מיט זיין באשעפער, זיין הארץ איז פארקלעמט פון צרות און זיין צעוויטיגטע נשמה גיסט אויס א תפילה, בעט ער אויך אויף „מעשים רבים והמון בריות". די ערשטע תפלה אין דער שמנה עשרה איז „ובכן תן פחדך על כל מעשיך, א תפלה פאר אלע פעלקער פון דער וועלט, און ערשט נאָכדעם בעט ער תן כבוד ה' לעמך — גיב גאָטעניו, כבוד צו דיין פאָלק". און ווען ער איז מתפלל מיט מורא פאר דעם שרעקליכען יום הדין, בעט ער ניט בלויז פאר זיך און זיין פאלק, נאָר איז אויך מתפלל אויף די לענדער און פעלקער: איזו לחרב ואיזו לשלום, איזו לרעב ואיזו לשובע.

די באריהמטסטע תפלה ראש השנה און יום כפור, איז דער ונתנה תוקף. אין דער דאָזיגער תפלה ווערט אויסגע־רעכענט וואס פאָר א פסק דין עס קען א מענשען אנגעשריבען ווערען אין דעם פאָרכטיגען יום הדין. די תפלה איז זעהר א ריהרענדיגע, און די דאווענער, די מענער ווי די פרויען, פאר־גיסען דערביי פיעל טרערען.

ווענען פארפאסער זיינען דאָ אהן א שיער לעגענדען, וואס ווערען דערציילט אין פילע וואריאציעס. עס איז אויך ניט געגוי באקאנט ווען דער מחבר האָט געלעבט. און דער איינציגער כתב יד וואָס איז ווענען דעם פאראן איז דער פון אפרים ב"ר יעקב מ'ווילנא, און דארטען ווערט די לע־גענדע דערציילען אויף פאלגענדען אופן:

עס האט אמאָל אין דער שטאָדט מאינץ, אין דייטש־לאנד, געלעבט א גרויסער רב מיט'ן נאָמען רבי אמנון, און ער איז געווען באקאנט אלס גרויסער צדיק און נדבן.

רבי אמנון איז געווען איינער פון די גדולי הדור און מען האט איהם אבגעגעבען כבוד ווי ער וואלט געווען א ריש גלותא. ער איז געווען געבענשט מיט גרויס חכמה און רייכ־טימער, און אין זיין הויז פלעגען זיך צוזאמענקומען די גרע־סטע געלעהרטע פון גאר דער וועלט. ער איז אויך געווען א מקורב למלכות, וואו מען האט איהם געליעבט און פיעל כבוד אפגעגעבען.

און שיין איז רבי אמנון געווען, אזוי שיין, אז די שטאל־צע אריסטאקראטקעס און הויף־דאמען האבען תמיד גע־גארט נאך איהם.

רבי אמנון איז אבער ניט געווען פארפיהרט פון דעם גרויסען כבוד און עשירות, נאר זיך געלעבט א צוריקגעצויגען לעבען און זיך עוסק געווען אין לערנען און אין תפלה.

צווישען זיינע געסט זיינען אויך געווען אנגעזעהענע גלחים און פירשטען, וועלכע פלעגען פיהרען מיט איהם בא־לעהרענדע וכוחים. רבי אמנון'ען זיינען די וכוחים ניט גע־ווען צום הארצען און ער פלעגט זיך שטענדיג היטען קיי־נעם ניט וויי צו טאהן, כאטש ער איז תמיד ארויסגעקומען דער זיגער.

„א שיינער בריליאנט וואלגערט זיך אין בלאטע — האבען די גלחים איינגע'טענה'ט מיט די פירשטען און פריי־צים — אזא גרויסער מאן טאר זיך ניט געפינען צווישען די נידעריגע, פארשטויסענע אידען, אזא לייכטענדיגער שטערן דארף זיין א קריסט".

און דער קעניג און אלע פירשטען האבען אנגענומען די עצה פון די גלחים, און אנגעהויבען רבי אמנונ'ען צו פארפאל־גען מיט זייערע וכוחים און נאר געזוכט איהם איבערצוריי־דען צום שמד.

אין דער שטאדט מאינץ האט אויך א שר א גרויסער, א קעניגליכער פירשט, געלעבט. און דער פירשט האט פיע־לע שפראכען גערעדט, געקענט אלע חכמות, און ליעב געהאט צו פארברייגגען מיט רבי אמנונ'ען אין וכוחים. אנגערעדט פון די גלחים און הויף־דאמען, איז דער פירשט צו רבי

אמנון׳ען צוגעשטאנען און כסדר געפאדערט ער זאל זיך שמד׳ען.

— א געיאגט און געפלאגט פאלק איז ישראל — האט דער פירשט צו איהם גע׳טענה׳ט — שפל׳דיג און נבזה׳דיג לעבען זיי צווישען די פעלקער, אומעטום ווי בעטלער, אומעטום ווי ווערים איבער וועמען יעדער מעג טרעטען, עס איז א בזיון פאר דיר צו זיין א איד.

רבי אמנון האט זיך איידעל אפגעזאגט פון דער טובה און מיט שטאלץ דערקלעהרט אז א איד איז ער געבוירען און א איד וועט ער שטארבען.

דער פירשט האט איהם אבער מעהר ניט צו־רוה גע־לאזט. טאג און נאכט, טריט נאך טריט, איז ער איהם נאכ־געגאנגען, געפיהרט מיט איהם רעליגיעזע וכוחים און כסדר געפאדערט ער זאל ווערען א קריסט.

פארצווייפעלט און געפייניגט פון די גייסטיגע יסורים, האט רבי אמנון זיך איינמאהל מעשה שטן געפילט פארלוי־רען און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען אויף די פילע פרא־גען מיט וועלכע דער פירשט האט איהם פארווארפען.

דער פירשט, דערזעהענדיג רבי אמנון׳ס פארלעגענהייט, האט ער זיך צו איהם אפגערופען:

— דו זעהסט דאך, אז דו האסט מיר ניט וואס צו ענט־פערן, פארלאנג איך פון דיר, אז דו זאלסט צוגעבען אז מיין אמונה שטייט העכער פון דיינער.

און רבי אמנון איז ביי זיך געבליבען געפאלען, דער־שלאגען, און ניט ווילענדיג ארויסגערעדט:

— לאז מיך צורוה אויף דריי טעג און איך וועל זיך די זאך איבערלעגען. אין דריי טעג ארום וועל איך דיר געבען אן ענדגילטיגען ענטפער.

ווען דער קעניגליכער פירשט איז פון איהם אוועק איז איהם א שווער געמיט באפאלען און א גרויסער טרויער האט איהם ארומגענומען: איבערלייגען זיך די זאך? זיך בא־דענקען? ווי קען דאס גאר א איד זיין אין ספקות!

און צובראָכען איבער זיין גרויסער זינד, האָט רבי אמנון זיך איינגעשלאָסען אין זיין חדר און אויף א רגע ניט פארלאָזען. מיט ביטערע טרעהרען האט ער געבעטען ביי גאָט, ער זאל איהם געבען כחות געגוג מקדש השם צו זיין בפרהסיא און באצאָהלען מיט זיין לעבען פאר זיין גרויסען חטא.

ווען די דריי טעג זיינען פאָראיבער און רבי אמנון איז צום פירשט ניט געקומען, איז ער אריינגעפאלען אין א שטארקען כעס און גלייך געשיקט שלוחים מיט א שטרענגען באפעהל.

ווען די שלוחים זיינען געקומען צו רבי אמנון'ען און געפאדערט ער זאל תיכף ומיד גיין מיט זיי, האָט רבי אמנון דעם באפעהל ניט געוואלט אויספאלגען.

האָט דער קעניגליכער פירשט געשיקט נייע שלוחים, און אויך דאס מאָל האָט רבי אמנון ניט געוואלט גיין.

איז דער פירשט שוין אויף אן אמת אריין אין כעס און באפוילען איהם ברענגען א געבונדענעם אין קייטען.

ווען רבי אמנון איז פארגעבראכט געווארען פאר דעם פירשט, האָט ער שטאָלץ אויסגערופען:

גרויסער פריץ, איך האָב געגען דיר געזינדיגט, און ווי־דערשפעניגט דיין ווילען. איך האָב אבער נאך א גרעסערע זינד באגאנגען געגען גאָט. איך האָב דיר מיט דריי טעג צו־ריק צוגעזאגט זיך מיישב צו זיין, און דאס איז געווען א ליי־גען, ווארים אין אזעלכע זאכען איז ניטאָ קיין ישוב הדעת— אן אמת'ער איד קאן קיינמאָל ניט זיין אין ספק וועגען זיין אמונה. איך ווייס אז איך האב זיך זעהר פארשולדיגט און איך וועל אליין איבער מיר א שופט זיין: מיין צונג וואס האָט געזאגט א ליגען, זאל פון מויל אויסגעשניטען ווערען.

און דער צאָרן פון דעם פירשט האָט אויפגעפלאקערט, און ער האט מיט ווילדער רציחה אויסגעשריען:

— ניין, אמנון, דיין שטראָף געפעלט מיר ניט. דיין צונג וועל איך ניט אויסשניידען, ווייל ער האָט גערעדט אמת. איך וועל אבער אפהאקען דיינע פיס דערפאר וואס זיי האבען

צו מיר ניט געוואלט קומען, אויך דיינע הענט וועל איך אפּ־האַקען, דיינע גלידער וועל איך איינציגווייז רייסען און דיין לייב וועל איך שניידען אין פּאסען ביז דו וועסט האָבען חרטה און אָננעהמען די קריסטליכע אמונה.

און די תליונים האָבען זיך ווילד גענומען צו דער אר־בייט. גליד נאָך גליד האָבען זיי פון איהם געריסען, און יע־דעם מאָל איהם געפרעגט צי ער האט ניט קיין חרטה.

— שניידט מיין לייב, טהוט מיט מיר וואס איהר ווילט —האָט פעסט געקלונגען זיין שטימע—איך וועל קיין קריסט ניט ווערען.

און אַט אזוי האט מען זיינע הענט צובראכען, די פיס אפּגעהאקט, דאָס לייב צוריסען מיט אייזערנע קאמען, און אוועקלייגענדיג ביי זיין זייט די אפּגעהאקטע אברים, האָט מען איהם אין א בעטעל אפּגעשיקט אַהיים.

און ווען די שטוב-מענשען האבען איהם דערזעהן א צע־האקטען און פארבלוטיגטען, האָבען זיי אלע אויסגעבראכען אין א יאָמערדיגען געוויין:

— וויי איז אונז וואס מיר זעהען עס, וויי איז אונז וואָס מיר האָבען אזוינס דערלעבט.

און רבי אמנון האָט מיט זיינע לעצטע כחות געענטפערט:

— וואויל און גוט איז מיר וואס איך בין אזוי בא־שטראָפט געווארען.

און דאָס דאָזיגע איז אַלץ פאָרגעקומען אין ראש השנה. ווען די גאנצע עדה איז געווען אין שוהל און געבעטען צו גאָט, האָט דער גרויסער מארטירער, רבי אמנון, אין ווען די נשמה האָט זיך נאך געהאלטען ווי דורך א נס, געבעטען מען זאָל אויף גיך איהם אין שוהל ארייננפיהרען.

אין שוהל האט א שטילער צער אַלעמען באהערשט, און יעדער איינער האָט מיט פארשטיקטע טרעהרען באוויינט דעם אומגליק וואס האָט זייער באליבטען פיהרער געטראפען. נאָר איין רבי אמנון האָט זיך געפרעהט, וואָס ער האָט זיינע זינד זיך אויסגעקויפט.

ווען מען איז געקומען צו קדושה, האָט רבי אמנון א

צייכען געגעבען און דער חזן איז שטיל געבליבען, האָט רבי אמנון דאמאָלט מיט א פייערליכער שטים אנגעהויבען זאגען:
— ובכן לך תעלה קדושה כי אתה אלהינו מלך. און באלד נאָכדעם האָט ער אנגעהויבען צו שאפען דעם ונתנה תוקף. אָהן אן אָבשטעל און אָהן אָפּהאלט האָבען די ווערטער געשטורעמט, און די עדה איז באפאלען אן אימה.

פון הימעל האט זיך א גאַס רעגען אראָפּגעלאָזט; די ווענט האָבען אנגעהויבען ציטערן, דונערן האבען געקראכט און די שוהל איז איינגעהילט געווארען אין א פינסטערניש פון וואָלקענס.

ווען עס איז אביסעל ליכטיג געווארען, האָט מען דער־זעהן אז רבי אמנון איז מעהר ניטא — גאָט האָט איהם צו זיך אין הימעל ארויפגענומען.

אויף דער דריטער נאכט איז רבי אמנון געקומען צו חלום צו ר' קלונימוס בן רבינו משולם און איהם אויסגעלע־רענט דעם פיוט, וואס ער האט געבעטען צו שיקען צו אלע אידען אויף דער וועלט.

אין דער פריה האט ר' קלונימוס עס אויפגעשריבען, און זינט דאמאָלס זאָגט מען די תפילה יעדען ראש השנה.

די מוסף'דיגע שמונה עשרה איז גאנץ אנדערש ווי די פון א גאנץ יאהר. אויסער איהר געוויינטליכע צאָהל ברכות פון „אבות, גבורות וקדושת השם", אנטהאלט זי דריי וויכ־טיגע הויפּט-טהיילען, באקאנט אלס מלכיות, זכרונות און שופרות. דער דאָזיגער נאָמען ווערט צום ערשטען מאָל דער־מאָנט אין דער משנה (ראש השנה פרק ה' משנה ו'). דאָרטען ווערט אויך אָנגעזאָגט צו בלאָזען שופר נאָך יעדען פון די דאָ־זיגע דריי טיילען. די גמרא גיט ניט אן דעם אינהאלט פון די דריי תפלות, און פון דעם איז קענטיג אז דער אינהאלט איז שוין געווען גוט באקאנט צו די ברייטע מאסען. די גמרא האָט קענטיג געזוכט פעסטצושטעלען דעם סדר און ארדע־נונג: מלכיות עם קדושת היום ותוקע, זכרונות ותוקע, שופרות ותוקע, ואומר עבודה והודאה וברכת כהנים (ראש השנה ל"ז). דער תלמוד ירושלמי זאגט אויך אן אז מען זאל צוגעבען די

פסוקים וועגען די קרבנות וואָס מען האָט ראש השנה מקריב געווען (ראש השנה פ"ד).

דער פאַרזאָג צו בלאָזען שופר נאָך יעדען פון די דריי טיילען ווערט ניט אומעטום גלייך אויסגעטייטשט, דער אשכנזישער עולם בלאָזט די תקיעות בלויז ביי חזרת הש"ץ, ביי דער הויכער שמונה עשרה. די חסידים אין פוילען און אין אוקראינע בלאָזען די תקיעות אפילו אין דער שטילער שמונה עשרה.

די תפלות פון מלכיות, זכרונות און שופרות באשטעהען הויפטזעכליך פון געקליבענע פסוקים אין תנ"ך. צוערשט קומען די פסוקים פון דער תורה, דערנאָך פון די כתובים און צום סוף פון די נביאים. דער סדר איז ניט קיין כראָנאָלאָגי־שער, און אין דער גמרא געהט וועגען דעם אָן א גרויסע חלוקי דעות.

יעדע תפלה באזונדער הויבט זיך אָן מיט א מין הקדמה, וואס ווערט אין תלמוד אנגערופען „תקיעתא דרב" (ירושלמי ראש השנה א' ג') און אויך „ספרי דבי רב" (יומא ע"ד). עס איז א סברא אז רב, דער תלמוד פון רבנו הקדוש, האָט די תפלות מחבר געווען און אליין פארשפרייט זיי צווישען פאלק. דער הויפט מאָטיוו אין זיי איז די מלכות שדי, די געטליכע קעניגרייך וואָס וועט געגרינדעט ווערען לעתיד לבא.

און אט ווי אזוי דאס ווערט פארגעשטעלט:

ווען עס וועלען זיך צופלאטערן די פאָהנען אויף די בערג פון יהודה און עס וועט זיך דערהערען דער קול שופר של משיח, וועלען זיך צוריק איינזאמלען די פארלוירענע און פאר־שטויסענע פון מצרים און זיך בוקען פאר גאָט אויף זיין היי־ליגען באָדען אין ירושלים.

דער טייל מלכיות סימבאָליזירט דעם וועלטליכען גאָט בשעת דער מלכות שדי. דער טייל זכרונות רעדט וועגען דעם בונד צווישען גאָט און זיין פאָלק און די הבטחות וואָס ער האָט זיי געמאכט. דער דריטער טייל, די שופרות, סימ־באָליזירט דעם שופר של משיח וואס וועט זיך הערען פאר דער גאולה.

די דאָזיגע תפלות זיינען דער פּראָדוקט פון דער גרויסער אפּאָקאליפּטישער קולטור, וועלכע איז געווען אין איהר ליי־טעראַרישען גלאַנץ פון דניאל ביז רבי עקיבא. גלייך נאָכ'ן ערשטען חורבן ווען אינ'ם לעבען פונ'ם אידישען פאָלק האָט זיך אריינגעריסען א שרעקליכער יאוש, האָבען די מנהיגים, די טרייע אויפהאַלטער פונ'ם אידישען קיום, בשום אופן נים געוואָלט מוותר זיין דעם אידישען נאַציאָנאַליזם, און אָנגעהויבען קולטיווירען דעם רעיון פון נצח ישראל, אז די צייטווייליגע יסורים זיינען בלויז כדי זיך אליין צו לייטערן און קריסטאַליזירען בכח צו זיין אויפצונעמען די הייליגע מיסיע פון א ליכט פאר די פעלקער. דורך דעם רעיון פון נצח ישראל איז מען שוין לייכט געקומען צום רעיון משיחי ביז דער רעיון ווערט רעפלעקטירט אין די טעגליכע און יום טוב'דיגע תפילות אלס א הייליגע באַשטרעבונג צו א נייער וועלט אָרדנונג אין די אחרית הימים.

דריטער קאפיטעל

די ראש השנה׳דיגע מנהגים

סליחות און שופר בלאָזען — התרת נדרים — די ווינ־שעוואָניעס — די מוצא מיט האָניג — דער מערך־ציגועס — תשליך.

די הכנות צום מורא׳דיגען יום טוב זיינען גרויסע און אויסערגעוועהנליכע. שוין ערב ראש השנה ווערט דער איד אָנגעפילט מיט דער הייליגקייט, און זוכט פון זיך אראָפּ־צעוואַרפען דאָס וואָכענדיגע און גשמיות׳דיגע.

שוין דעם גאנצען חודש אלול איז דער איד געווען צו־געגרייט און דערהויבען צום יום הדין, דעם טאָג אין וועל־כען יעדער איינער ווערט געמשפּט. דער איד איז געוואָרען פרומער, אָפּגעהיט צו דאוונען בצבור, צו זאָגען עטליכע קאפּיטלעך תהילים, אריינצוכאפּען א פרק משניות, און בכלל צו זיין מעהר אָפּגעהיטען מיט די מצוות. דער שופר בלאָזען יעדען טאָג נאָכ׳ן דאווענען האָט אויך מיטגעהאָלפען מעורר צו זיין צו תשובה און חרטה צו האָבען אויף אלע מעשים פון א גאנץ יאָהר.

נאָך מעהר געריהרט איז דער איד געווען די לעצטע וואָך אין אלול, די וואָך פון ראש השנה. אָנגעהויבען האָט זיך די וואָך מיט „אויפשטיין צו סליחות”, וואָס קיינער האָט חלילה ניט פארפעהלט. דער רוב איז געגאנגען צו די ערשטע סליחות שבת צו נאכטס. אנדערע אָבער זיינען אויפגעשטאנען פארטאג און דאמאָלט געגאנגען צו סליחות. אין די קלענערע שטעדטלעך איז דער שמש ארומגעגאנגען מיט א לאנטערען און שטעקען אין האנט און געקלאפּט אין די פענסטער אויסשרייענדיג אין זעהר א מאנאטאנעם ניגון: „שטעהט אויף צו סליחות!” „שטעהט אויף צו עבודת הבורא!”. די גאָר פרומערע פלעגען אויך אויפשטעהן פרי די גאנצע וואָך און געהן זאָגען סליחות.

ערב ראש השנה באגינען איז מען געגאנגען צו „זכור ברית", דער נאָמען פון די ערב ראש השנה'דיגע סליחות. די דאָזיגע סליחות איז א סך אן ערנסטערע ווי די ערשטע, און דער פרומער עולם פארגיסט דערביי א היבש ביסעל טרערען. די ערשטע סליחות ווערט געזאָגט ביים חזן, דעם בעל מוסף, מיט א פארנעם פון א יום כפור'דיגען דאווענען; די „זכור ברית" אָבער ווערט געזאָגט ביי א געוועהנליכען בעל תפילה.

ערב ראש השנה איז מען זיך נוהג מתיר נדר צו זיין, כאָטש אנדערע טוען עס בעסער ערב יום כפור. דריי מענשען פאָרמירען זיך אין א בית דין, און דער פערטער איז דער וואָס איז זיך מתיר נדר. מען געהט אויך יענעם טאָג זיך טובלען אין מקוה און אויף קברי אבות.

אין שול נאָכ'ן דאווענען, ווינשט זיך איינער דעם אנ־דערען „לשנה טובה תכתבו לאלתר לחיים טובים" און דאָס איינגענע חזרט זיך אויך איבער ביים אריינקומען אין הויז. דער געוויינטליכער, פשוט'ער עולם פארקירצט די באגריי־סונג און באנוגענט זיך מיט בלויז „לשנה טובה"!

ביים עסען ראש השנה ביינאכט איז א מנהג צו באַ־שמירען די „מוצא" מיט האָניג און צו זאָגען: „יהי רצון שתהי שנה טובה ומתוקה — עס זאָל זיין א גוט און זיס יאָהר". אזוי איז אויך א מנהג צו עסען צימעס געמאכט פון מערן, כדי מען זאָל זיך מערן. די דאָזיגע מנהגים זיינען שוין אודאי עטליכע הונדערט יאָהר אלט און געפינען זיך אין א סך ספרים פון פערצעהנטען יאהרהונדערט. צו־ליבע די דאָזיגע מנהגים היט מען זיך אויך אויס ניט צו עסען ראש השנה קיין זויערע זאכען.

מען פירט זיך אויך ניט צו שלאָפען ראש השנה ביי־טאָג, כדי חלילה ניט צו פארשלאָפען דעם יאָהר. מען געהט אויך ניט צו געסט, נאָר מען פארברענגט דעם נאכמיטאג אין שול און אין בית המדרש.

די פערסישע אידען האָבען זיך זייערע אייגענארטיגע מנהגים, וואָס זיינען ווייט אנדערש פון אונזערע.

א גאנץ יאָהר זיינען די אידען אין פערסיע מתפּלל יעדער אויף זיין ארט, אָבער אויף ראש השנה זיינען זיי אלע עולי רגל קיין לאנזשאן, וואו זיי האָבען אן אונטערערדישע הייל וואָס דינט זיי ווי א מין בית המקדש.

די גרעסטע אידישע קהלה געפינט זיך אין איספאהאן, דאָרטען האָבען זיי אויך די גרעסטע שולען און דאָך פאָהרען זיי אלע דאווענען אין דער הייל. רייכע פאָהרען אויף מוילאייזלען און אָרימע גייען, ווי דער שטייגער איז, צופוס.

ראש השנה איז ביי זיי דער גרעסטער און פרעהליכסטער יום טוב אין יאָהר, און אין דער הייל קומען זיך צונויף קרוב צו צעהן טויזענט אידען, כמעט די פולע צאָהל אידען וואָס געפינט זיך אין פערסיע.

ניט תמיד קלויבען זיי אוים די זעלבע הייל, און בכלל ווערט די הייל־שול אויסגעקליבען מיט גרוים פאָרזיכטיגקייט און באוואָרענט אז קיין פרעמדער זאָל חלילה ניט וויסען וואו זיי פּראווען דעם יום טוב.

דער ארייננאנג צו דער אונטערערדישער הייל איז פאַר־דעקט מיט גרויסע שטיינער און גראָז, און קומט מען שוין אהין אריין, דארף מען נאָך לאנג קריכען דורך פארשידענע לאבירינטען, וועלכע זיינען אָפט באדעקט מיט מצבות און קברים, ווייל אויך זייערע מתים באהאלטען זיי אין די היי־לען. די ווענט זיינען אויך באדעקט מיט אלטע העבּרעאישע אויפשריפטען און אנדערע הייליגע צייכענס, וואָס די אידען אליין פארשטעהן גאנץ ווייניג אָדער גאָרניט.

צוזאמען מיט דער גרויסער ערנסטקייט און סודות׳־דיגקייט מיט וועלכער זיי פּראווען דעם ראש השנה, זיינען זיי זיך אויך משמח, מאכען זיך לוסטיג ארום די פלאמען פון אָנגעצונדענע פאקעלן, טאנצען און זינגען, מאכען אלער־ליי קונצען, פונקט ווי מיר פּראווען שמחת תורה.

תשליך איז א מנהג און באשטעהט פון דעם, וואָס דעם ערשטען טאָג ראש השנה נאָך מנחה געהט מען צום טייך אדער צו א פליסענדיג וואסער, און מען זאָגט דאָר־טען עטליכע תפילות. אויב דער ערשטער טאָג ראש השנה

פאלט אויף א שבת, געהט מען צו תשליך דעם צווייטען טאָג און אויב עס איז ניטאָ דערביי א טייך, איז א פּשוט'ער ברונים אָדער וואסער־לייטונג אויך גוט. אויב אָבער מען געהט יאָ צו א טייך, דארף עס זיין אזא וואָס האָט אין זיך פיש, ווייל דאָס איז א רמז אז אויך מיר אידען זיינען אריינגעכאפּט ווי די פיש אין א נעץ.

פון וואנען דער מנהג האָט זיך גענומען און ווען מען האָט איהם אָנגעהויבען צו פּראקטיצירען, איז ניט גענוי באקאנט. אין דער תורה אָדער אין דער גמרא ווערט דער מנהג ניט דערמאָנט, אפילו ניט אין די מדרשים אָדער אין די פּוסקים אחרונים. דער ערשטער וואָס דערמאָנט דעם דאָזיגען מנהג, איז דער מהרי״ל, און שטאמט דעריבער פון דייטשלאנד אָדער פראנקרייך. אָנגעהויבען האָט זיך דער מנהג וואהרשיינליך ערשט אין אָנהויב פונ'ם פופצעהנטען יאהרהונדערט.

דער מהרי״ל אין זיין ספר מנהגים געדרוקט צום ערש־טען מאָל אין פראנקפורט אם מאין, אינ'ם יאָהר 1717, זאָגט: מה שנוהגין לילך בר״ח אחר הסעודה אצל ימים ונהרות לחשליך במצולות ים כל חטאתינו, משום דאיתא במדרש זכר לעקדה שעבר אברהם אבינו בנהר עד הצואר ואמר הושיעה ה׳ כי באו מים עד נפש, והוא השטן שנעשה כמו נהר לעבב אותו מן העקדה — וואָס מען איז זיך נוהג צו געהן ראש השנה נאָכ'ן עסען צו א ים אָדער טייך דאָרטען אריינצוווארפען אלע זינד, איז דאָס צום אנדענקען פון דער עקדה ביי וועלכען אברהם אבינו איז אריבערגעגאנגען דעם טייך ביזן האלז און אויסגעשריען: גאָטעניו, העלף מיר, די נויט איז שוין גרויס. ווי עס ווערט געבראכט אין מדרש (תנחומא פרשת וירא, פיסקא כ״ב) אז ווען אברהם אבינו האָט געפיהרט יצחקן צו דער עקדה, האָט דער שטן זיך פאר־שטעלט פאר א טייך כדי איהם ניט צו דערלאָזען דורכ־פיהרען די עקדה ביז גאָט האָט אויפ'ן שטן זיך אָנגעבייזערט און דאָס וואסער איז פארשוואונדען.

דער רמ״א אין זיין ספר תורה העולה (ח״ג, פנ״ו) זאָגט,

אז א אידישער מנהג איז פונקט ווי א דין פון דער תורה, און אזוי איז אויך דער מנהג צו געהן ראש השנה צום טייך אריינצוווארפען די זינד, ווייל ווען א מענש זעט די טיפע־נישען פון׳ם ים, דערקענט ער גוט דעם ענין פון דער וועלט־באשאפונג. גאט האט באשאפען די ערד איבער׳ן וואסער און באפוילען די ערד זי זאל דינען דער מענשהייט. געהען מיר ד׳אריבער ראש השנה, אינ׳ם יום הדין, צום וואסער, כדי מיר זאלען זיך פארטראכטען וועגען דער וועלט באשאפונג און חרטה קריגען אויף אונזערע זינד.

א רמז איז אויך פאראן אין ספר נחמיה, ח׳ אהג׳, און עס איז גאנץ מעגליך אז דער מנהג האט שוין עקזיסטירט אין יענער צייט. נחמיה מוסר׳ט דארטען די אידען און באפעהלט זיי אבצוגעבען צוריק דאס אייגענטום וואס זיי האבען פארכאפט פאר ניט באצאהלטע חובות, און דערביי טרייסעלט ער אפ די עקען פון זיינע בגדים און זאגט: „אזוי ווי איך האב אפגעשאקעלט די פאלעס פון מיינע קליידער, אזוי זאל גאט אויסשאקלען יעדען איינעם וואס וועט ניט האלטען וואס ער האט צוגעזאגט ביז ער וועט זיין אויסגעטרייסעלט און ליידיג״.

פונ׳ם פסוק דארטען: ויאספו כל העם כאיש אחד על הרחוב אשר לפני שער המים, ווערט אבגעלערענט אז עס איז געווען ראש השנה, און באווייזט אז שוין דאמאלט האט מען זיך נוהג געווען צו געהן צום וואסער און אב־טרייסלען די פאלעס פון די קליידער.

דער ר״י הקדוש, א מקובל פונ׳ם זעכצעהנטען יאהרהונ־דערט, זאגט, אז ביי יעדער מצוה וואס א איד טוט קומען די שלעכטע גייסטער און זויגען אויס א טייל פון דער געטוענער מצוה, דארף מען דאריבער א טרייסעל געבען מיט די עקען פון די קליידער צו וועלכע די רוחות און קליפות טשעפען זיך צו, כדי זיי זאלען פון דארטען ארונטערפאלען.

אנדערע ספרים זאגען, אז דער טעם וואס מען געהט צום וואסער אום ראש השנה איז נאכצוטאן די אנדערע פעל־קער וועלכע זיינען זיך נוהג צונויפצוקלייבען ביי א פלי־

סענדיג וואסער צו פּראָקלאַמירען דאָס אויפנעהמען אַ נייעם מלך. ראש השנה נעמען מיר אויף אונזער גאָט אַלס דעם מלך ישראל און מיר געהען דאריבער צום טייך און זאָגען, אַז אַזוי ווי דאָס וואסער ציט זיך אָן אָן אויפהער, אַזוי זאָל זיך ציהען אָן אָן אויפהער גאָטס מלוכה.

נאָר אַמאָל פלעגט מען געהן צו תשליך אפילו ווען ראש השנה איז אויסגעפאַלען שבת, אָבער איצטער איז דער דין אַז מען טאָר עס ניט, ווייל עס איז אַ חילול שבת. דער רמ״א איז אפילו דאגעגען דעם מנהג אריינצעוואַרפען ברעק־לאַך שפּייז פאַר די פיש אין וואסער, ווייל אויך דאָס איז, זאָגט ער, אַ חילול יום טוב.

אין גאַליציע, איבערהויפּט אין די חסידיש הויפען, איז אַ מנהג צו געהן צו תשליך דעם אַכטען טאָג אין תשרי ווען מען זאָגט די סליחות פון שלש עשרה מידות, און אויב יענער טאָג געפאַלט אין אַ שבת, איז מען זיך מקדים און מען נעהמט צו תשליך דאָנערשטאָג, צוויי טעג פריער.

צום גדליהו

צומאָרגענס נאָך ראש השנה איז צום גדליה — דער תענית פון גדליה. מען זאגט יענעם טאָג סליחות, מען לייענט „ויחל״ און מען היט אָפּ אלע אנדערע דינים אקוראט ווי אין אלע אנדערע פאלקס אומגליקען, ווייל מיט׳ן טויט פון גדליה איז פאר׳חתמ׳עט געווארען דער פולשטענדיקער חורבן פון יהודה.

גדליה, דער זון פון אחיקם, איז געבוירען געווארען אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם זיבעטן יאהרהונדערט און דער־מאָרדעט געווארען אין יאהר 586 פאר דער איצטיקער צייט־רעכענונג.

ער האָט געשטאמט פון א גאר געהויבענער פאמיליע. זיין זיידע, שפן, איז געווען דער בארימטער סופר וואס האָט פארגעלייענט פאר׳ן קעניג יאשיהו די געפונענע ספר תורה. זיין פאָטער, אחיקם, איז געווען דער ענערגישסטער באַשיצער פונ׳ם רעוואָלוציאָנערן נביא ירמיהו ווען די פאטריאָטישע כהנים האָבען איהם געשטעלט צום משפט פאר פארראט.

גדליה אליין איז אויך געווען א הייסער אנהענגער און ווארימער חבר פון ירמיהו. אויך ער האָט לכתחילה געהערט צו דער פאלקס פארטיי און געקעמפט קעגען דער פאליטיק פון דער אריסטאָקראטישער און הערשענדיגער קאסטע. נאָך דעם ווי בבל האָט פארוויסט ארץ ישראל און די הערשענדיקע פארטיי וואס האָט געהאלטען מיט מצרים איז אוועקגעפיהרט געווארען אין געפאנגענשאפט, איז גדליה באַשטימט געווארען אלס פארשטייער.

דער פאראויסזאגער פונם חורבן, דער נביא ירמיהו, האָט איצט צוזאמען מיט גדליה׳ן גענומען דערמוטיקען די איבער־געבליבענע ארימע מאסען און זיי באוואויגען ווידער אויפ־צובויען זייער היים און לאנד. די מאסען האָבען צו גדליה׳ן געהאט דעם פולסטען צוטרוי, און זיך מיט גרויס ענערגיע ווידער גענומען צו פארפלאנצען זייערע גערטנער און פארזיי־ען די פעלדער.

גדליה האָט געלעבט בשלום מיט אלעמען, אפילו מיט זיינע פריערדיקע קעגנער, די איבערגעבליבענע קריגספירער און פרינצען. אויך צו דער באבילאָנישער מאכט איז ער געווען פריינטלעך, און די מאכט האָט גערן געזעהן א פלייסיקע פויערנשאַפט וואס גיט זיך בעסער אָפּ מיט ארבייט איידער מיט מלחמה.

די אידען האָבען זיך שוין ביסלעכוויז אנגעהויבען באַרוהיקען. די ארדענונג איז געווען פעסט, אָבער פרידליך איינגעשטעלט, און די אידען וואס זיינען געווען אנטלאָפען קיין עמון, מואב און אנדערע דערבייאיקע לענדער, האָבען זיך מיט פרייד צוריקגעקערט און פארשטארקט די אויפבויאונגס ארבייט.

גוט און עהרליך איז גדליה געווען, און ער האָט זיך גארניט געקענט פארשטעלען, אז פונקט דאמאָלט ווען ער איז אזוי שטאַרק באַשעפטיגט אין איינפיהרען א נאָרמאלען לעבען, זאלען זיך געפינען מענשען, וואס טראכטען פון אייגענעם כבוד און זאלען זיין גרייט צו שטעלען אלע אידען אין קאָן, אבי צו דערגרייכען די אייגענע אמביציעס.

אומזיסט האָט איהם געווארנט דער גרויסער קריגסהעלד און באַליבטער פיהרער פון די מאסען, יוחנן בן קרח, קעגען די פילע אינטריגעס מצד די געוועזענע פרינצען און די רויבערישע שכנישע פעלקער.

— ס'איז ניט מעהר קיין סוד — האָט גע'טענה'ט דער געטרייער יוחנן — אז דער קעניג פון עמון האָט אָנגערייצט קעגען דיר דעם פרינץ ישמעאל בן נתניה, און אויב דו וועסט מיר ניט דערלויבען איהם צו טויטען, וועסטו אודאי פאלען א קרבן פון זיינע הענט.

גדליה האָט אָבער די אלע ווארנונגען ניט גענומען ערנסט, און דער שרעקליכער טאָג איז טאקע געקומען. געווען איז עס אויף מאָרגען נאָך ראש השנה און דער פרינץ ישמעאל און אנדערע חשוב'ע לייט זיינען געווען פארזאמעלט ביי גדליה'ן אין הויז. ישמעאל און זיינע מיטהעלפער האָבען דאמאָלט געטוידט גדליה'ן מיט א גרויסען צאָהל אומבאוואַ-

פענטע אידען, און אנטלאָפען צום קעניג פון עמון איהם העל־
פען פארבאפען דאָס װיסטע לאנד.

די דערמאָרדונג האָט אנטמוטיגט די אידישע מאסען און
געשאפען א װילדען כאאָס אין לאנד. מען האָט פארלאזען
דאָס ביסעל האָב און גוטס און אנטלאפען װאו די אויגען
האָבען נאָר געטראגען. דער אלטער נביא ירמיהו האָט אין
נאָמען פון גאט זיך געבעטען ביי די אידען ניט צו פארלאזען
ארץ ישראל, אָבער די מורא פאר בבל און עמון איז געווען
צו גרויס צו האָבען װעלכע האפענונג.

דורך דעם מאָרד איז דאָס אידישע לאנד גאר גיך גע־
װארען א פולשטענדיגע װיסטעניש, און דער טרויער טאָג
איז פראקלאמירט געװארען לדורות.

ערשטער קאפיטעל

יום כפור

די אנטשטעהונג — די פארשער און די טראדיציע — די פייערונג פון דער יונגווארג — דער געדאנק וועגען פארגעבונג.

איבער דער אנטשטעהונג פון דעם יום טוב זיינען פא־ ראן גאר גרויסע חלוקי דעות צווישען די פארשער און קרי־ טיקער פון אידישער געשיכטע און יודאאיסטישער וויסענ־ שאפט.

קיינער פון די אידישע יום טובים איז ניט אנטשטאנען אין דער איצטיגער פארמע. די חכמי התלמוד זיינען געוועזן די ערשטע צוצופאסען דעם יום טוב צו דער צייט און סביבה, און כאטש זיי האבען הויפטזעכליך זיך באגרינדעט אויף דער תורה און אויסגעטייטשט די פסוקים וועדליק די איינ־ געפיהרטע רעגולאציעס, דאך האט זיך דער ריטואל גאנץ אפט געענדערט.

נאר אויב אלע אנדערע יום טובים האבען נאך באוויזען ווי עס איז אנצוהאלטען א טייל פון דער אנטשטעהענדער פארמע און אייגענארטיגקייט, איז אבער די פארענדערונג אין דעם סאמען גרונד געדאנק פון יום כפור, געבליבען א פולשטענדיגע.

אין זיין ערשטער אנטשטעהונג איז יום כפור געוועזן ווי אלע אנדערע אידישע פייערטעג א פרייליכער פאלקס יום־ טוב, נאר שפעטער איז ער פארוואנדעלט געווארען אין א מורא׳דיגען טאג פון דין און משפט.

דער אופן פון דער איצטיגער יום כפור פייערונג איז א רעלאטיוו יונגער, כאטש עס קען בשום אופן ניט אנגע־ וויזען ווערען גענוי ווען די פארמע איז אנגענומען געווארען. די פארמע איז פון אנהויב אן געוועזן א ריינע פאלקס־שאפ־ פונג, און די מורא׳דיגקייט איהרע איז געקומען אלס אויס־

דרוק פון דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט זיך געשאַפֿען פון דער סביבה און שווערער היסטאָרישער צייט פון דעם פינסטערן מיטעלאַלטער.

יום כפור אַלס אַ קולט און רעליגיעזער יום טוב, איז אַ גאַנץ אַלטער און איז אפשר נאָך עלטער פון די אַנדערע פייערונגען פון די פּאַרצייטיגע עברים. דער גאַנצער ריטואַל פון יום כפור ווי ער ווערט פעסטגעשטעלט אין דער תורה מיט צוויי שעירים, די צוויי ציגלעך איינער צו גאָט און איינער צום עזאזל, זאָגט עדות אויף דער אוראַלטקייט פון דעם דאָזיגען קולט.

די געלערענטע יודאאיקער פון דייטשען חדר ווי וועלהויזען, וועקסלער און אַנדערע זיינען מיט דער מיינונג, אַז יום כפור איז אַנשטאַנען ערשט ווען די אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון גלות בבל און האָבען אָנגענומען דעם מאָטיוו פון תשובה און חרטה דורך דער לעהרע פון עזרא הסופר.

די סביבה און אומשטענדען זיינען געווען אַמפּאַסענדיקסטען פאַר דער דאָזיגער פאָרמע. דאָס אידישע פאָלק איז דאַמאָלט געווען אויפגעטרייסעלט פון׳ם חורבן און זיך געפונען אין אַ פּאַראַרימטער און הילפלאָזער לאַגע. אין אַזאַ צייט איז דאָס פאָלק געווען אַמבעסטען מסוגל אויפצונעהמען דעם געדאַנק פון רייניגען דעם גייסט דורך פאַראייניגען זיך מיט גאָט און פאַסטען ווי אַן אויסדרוק פון חשבון הנפש.

קיין גאָר נייע איינפיהרונג, טענה׳ען די יודאאיקער, איז עס ניט געווען, ווייל אַלע אַנדערע אַנטיק פעלקער האָבען געהאַט אַזאַ עהנליכען טאָג פון רייניגען זיך פון זינד. די גריכען און די רוימער האָבען געהאַט אַזאַ טאָג און אָט דער יום טוב איז געווען גאַנץ גוט באַקאַנט צו די אידען. עזרא האָט איינפאַך צוגעפּאַסט דעם יום כפור צו די מיסטישע אַנשויאונגען און איינגעשאַפטען פון די אידען און עס געמאַכט פאַר אַ רעליגיעזען געזעץ.

געגוי וועלכער טאָג אין חודש עס איז געווען יום כפור

ווייסען מיר ניט, ווייל אין די נביאים און כתובים ווערט עס ניט דערמאָנט. בלויז אין נחמיה ווערט אין געציילטע ווערטער דערמאָנט, אַז יום כפור איז געפייערט געוואָרען דעם 24־טען טאָג פון זיבעטען חודש. אָט דאָס אליין וואָס אין די נביאים ווערט ניט דערמאָנט ווי אַזוי דער יום טוב איז געפייערט געוואָרען, גיבען די יודאאיקא פאָרשער פון דער זעלבער שולע אָן ווי אַ באַווייז, אַז יום כפור האָט זיך אָנגעהויבען ערשט מיט עזרא הסופר.

דער נביא יחזקאל גיט אויך אָן וועגען טעג פון רייני־גונג און הייליגונג, אָבער אויך דאָרטען, אין דער עקספּרע־סיאָניסטישער שילדערונג פון דער עתיד־לבא׳דיגער געטלי־כער צייט, איז פאַר אָט דער דאָזיגער רייניגונג אנגעוויזען דער ערשטער און זיבעטער טאָג פונם ערשטען חודש, אין קעגענזאַץ צום איינציגען טאָג אָנגעוויזען אין נחמיה.

אַ צווייטע גרופּע פון יודאאיקא פאָרשער זאָגען ארוים אַ סברא, אַז יום כפור איז אַן איינפאַכער פאָלקס־מנהג וואָס זיין אָנהויב איז ערשט אינ׳ם אָנהויב פון דריטען יאהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער ערא, און זיי באַגרינדען זייער סברה אויף דעם ספר בן סירא, וואו עס ווערט דערמאָנט וועגען א טאָג פון עינוי הגוף, תשובה און חרטה. אידען האָבען דעמאָלט איבערגעלעבט זעהר אַ קריטישען מאָמענט פון פאַר־צווייפלונג און דערשלאָגענקייט, און אַזעלכע געשיכטליכע מאָמענטען פיהרען געוויינליך צו אַן ענגערער צונויפבינדונג מיט גאָט און חשבון הנפש פול מיט חרטה און תשובה.

מעהר וואַרשיינליך איז אָבער די מיינונג פון פאָרשער, אַז די הקדמה פון יום כפור ציהט זיך ביז תורת משה. דער אופן פון פייערן דעם יום טוב האָט זיך געוויס אין פאַרלויף פון יאהרהונדערטער געוויסערמאַסען געענדערט, און אָפּ־ווייכונגען פון דעם פעסטגעשטעלטען סדר זיינען בלי ספק געמאַכט געוואָרען, אָבער אין גאַנצען גענומען איז דער יום טוב מיט איהר ריטואל געשאַפען געוואָרען איינצייטיג מיט אלע רעליגיעזע איינפיהרונגען און איז אַן הלכה למשה מסיני דערציילט די גמרא:

האָט ר' שמעון בן גמליאל געזאָגט: אידען האָבען ניט געהאַט אַזעלכע ימים טובים ווי חמשה עשר באב און יום כפור, ווייל אין די דאָזיגע טעג פלעגען די טעכטער פון ירושלים זיך אָנטאָן אין פשוט'ע קליידער כדי ניט צו פאַרשעהמען די אָרימע; זיי פלעגען דאַמאָלט ארויסגעהן און טאַנצען אין די ווייגגערטנער. און וואָס פלעגען זיי זאָגען? — „בחור, הויב אויף דיינע אויגען און זעה וואָס דו קלייבסט זיך אויס! קוק ניט אויף שיינקייט, קוק בע־סער אויף יחוס — שקר החן והבל היופי, אשה יראת ה' היא תתהלל."

האָבען אונזערע רבנן געלערנט: די שיינקייטען וואָס פלעגען זאָגען? „קוק אויף שיינקייט, ווייל די פרוי איז צו דעם געשאַפען". די מיוחסת וואָס פלעגט זאָגען? „קוק אויף משפחה, ווייל אַ פרוי איז בלויז צו האָבען קינדער". די רייכע וואָס פלעגען זאָגען? „געדענק, אַז געלד איז אַלץ".

יום כפור איז געווען דער שעהנסטער יום טוב. אַלע זיינען יענעם טאָג געווען גלייך. די טאָכטער פונם כהן גדול אַזוי ווי די טאָכטער פונם הדיוט בשהדיוטים, די טאָכ־טער פונם מלך ווי די טאָכטער פונם גרעסטען קבצן — אַלע זיינען געווען גלייך, און אפילו די וואָס האָבען געהאַט די שעהנסטע קליידער, האָבען זיך יענעם טאָג געליהען אַלטע צוריסענע קליידער כדי ניט צו פאַרשעהמען די אָרימע.

יום כפור איז געווען דער יום טוב פון דער יוגענט, און אפילו אין דער צייט וואָס דער כהן גדול האָט געפּראַוועט די עבודה און אַרונטערגעוואָרפען דעם שעיר לעזאזל פונם שפּיץ בארג, איז אַלץ די יוגענט געווען פאַרנומען אין די ווייגגערטנער און זיך פאַרוויילט.

עס קען ניט גענוי פעסטגעשטעלט ווערען ווען די פאָר־מע ווי מיר פייערן דעם יום כפור אַצינד, איז איינגעשטעלט געוואָרען. עס איז אָבער מעהר ווי זיכער, אַז אחוץ גאַנץ קליינע דעטאַלען וועלכע זיינען אין פאַרלויף פון יאָהרען גע־ענדערט געוואָרען, איז די פאָרמע די זעלבע וואָס איז איינ־געפיהרט געוואָרען נאָך אין די צייטען פון די גאונים.

אָבווייכונגען פון דעם פעסטגעשטעלטען סדר זיי־

נען אין איינצעלנע קהלות אין משך פון דער צייט געווים געמאכט געוואָרען, אָבער אינגאַנצען גענומען איז די פייע-רונג אין די לעצטע דרייצעהן הונדערט יאָהר אומעטום גע־ווען די זעלבע.

אפילו די מורא׳דיגקייט וואָס איז דעם טאָג צוגעגעבען געוואָרען, איז אויך געקומען אַלס אויסדרוק פון דער פאָלקס־פסיכאָלאָגיע אין שייכות מיט דער סביבה און שווערען היס־טאָרישען מאָמענט וואָס די אידען האָבען דורכגעלעבט אינם מיטעלאַלטער.

דער מחילה און סליחה געדאַנק האָט שוין געלעבט אין פאָלק פון פריהער. טיילווייז צוליב דער דערמאָנונג אין דער תורה און טיילווייז אפשר דערפאַר וואָס מען האָט אין די גאַנץ אור־אַלטע צייטען יום כפור געפייערט ווי אַ יום הדין, אַ טאָג אין וועלכען דער שיקזאַל פון יעדען מענשען ווערט אויפגעשריבען און גע׳חתמ׳עט.

צו מאַכען די מורא׳דיגקייט דעם הויפּט־מאָטיוו פאַר יום כפור איז דאריבער געווען אַ גאַנץ לייכטע זאַך, און דאָס פאָלק האָט עס אויך גאַנץ גערן אָנגענומען. די צייט און סביבה האָט דאַצו פיעל גורם געווען, און מה יעשה הזמן, לא יעשה השכל, זאָגט אַן אַלט ווערטעל.

די חכמי התלמוד באַציהען זיך זעהר קריטיש צו דער אַמאָליגער פייערליכקייט פון יום כפור. דער טאָג פון תשובה און אידישע טרעהרען גראַמט זיך ניט מיט אַ פאָלקס־קאַר־ניוואַל פון אידישע טעכטער אין די וויינגערטנער, וואו זיי האָבען זיך אָפּגעזוכט חתנים. די פאַסירונג האָט אין זיך אָבער אויך פילע לאָגישע מאָמענטען.

יום כפור איז אויך געווען הארט פאַר דעם חג האסיף, ווען אַלע האָבען עולי רגל געווען קיין ירושלים און געדאַנקט גאָט פאַר דער גערעטעניש אין די וויינגערטנער און פאַרן אויסבעטען זיך אַ יאָהר פון שפע און ברכה. דאָס פאָלק איז דאריבער געווען דורכגעזאַפּט מיט פרייד און צופרי־דענהייט.

און ווען אַ פאָלק איז דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פון פרידען און זיכערקייט, פון אלגעמיינעם גליק און יום טוב׳־דיגקייט, צעברענט זיך שטארקער זיין געפיהל און נויגונג צום לעבען, זיינע פארלאנגען ווערן יוגענטליכער און בלוטיגער.

אונטער די ריחות פון טל השמים ומשמני הארץ, פון רוב דגן ותירוש, וואקסט ביים פאָלק די יום טוב׳דיגע שטי־מונג, דער ווילען צו בליהען און זיך פרוכפערן מיט דער ברכה פון גאָט.

צווייטער קאפיטעל

כל נדרי

די באדייטונג און אנטשטייאונג — די אנוסים און אינ־קוויזיציע — דער ניגון און מוזיקאלישע הארמאָ־ניע — די מעשה'לעך וועגען באשאפונג פון ניגון.

כל נדרי איז די ערשטע תפילה אין דעם יום כפור ריטואל, און כאָטש זי איז פון קנאפער באדייטונג, דרינגט זי דאָך אריין טיף אין די אידישע הערצער און דערשיטערט זיין געמיט. צו כל נדרי קומען אין שוהל אפילו אזעלכע אידען וואָס א גאנץ יאָהר זעהט מען זייער געביין ניט אָן. יעדער איילט זיך צו זיין אנוועזענד ביי דער דאָזיגער תפילה, און יעדער איינער איז דורכגעדרונגען מיט א שטימונג פון אומגעהויערער עהרפורכט.

און מערקווירדיג, צווישען די יום כפור'דיגע תפילות זיינען פאראן אזעלכע וואָס זיינען באמת אָנגעהויכט מיט פאָ־טעטישער שעהנקייט, מיט פילאָזאָפישען אינהאלט, מיט הארצרייסענדיגען געבעט, און דאָך שיינט כל נדרי צו זיין די סאמע איינדרוקספולע און ריהרענדיגע, וואָס ווערט אויס־געהערט מיט פארהאלטענעם אָטעם.

און כל נדרי איז ניט קיין געבעט צו גאָט, ניט קיין תפילה פון דאנק און לויב, נאָר פשוט א התרת נדרים, א דערלויבניש מיטצודאווגען מיט די איבעריגע אידען.

כל נדרי — אַלע נדרים, איסורים, שבועות, פאָרזאגונ־גען, באפעהלען, פארשפרעכונגען און אַלערליי אויסדריקע מיט וועלכע מיר וועלען נעהמען אויף זיך א וואָסער עס איז נדר, שבועה, חרם אָדער פארבאָט פון היינטיגען יום כפור אָן ביז דעם קומענדיגען יום כפור וואָס וועט קומען מיט מזל, אויף זיי אַלע האָבען מיר חרטה, אַלע זאָלען זיי זיין דערלויבט, פארגעבען, בטל ומבוטל, זיי זאלען קיין שום באַ־דייטונג ניט האָבען. די נדרים זיינען קיין נדרים ניט, די איסורים קיין איסורים ניט און די שבועות קיין שבועות ניט.

אין דער תורה שטעהט בפירוש: „ווען א מענש טוט א נדר אדער שווערט א שבועה, זאל ער ניט ברעכען זיין ווארט". דער תלמוד איז אויך גאר שטרענג צו א נדר אדער א שבועה, און רעכענט עס פאר אן עבירה צו טאן א נדר אפילו ווען מען איז איהם מקיים, בפרט נאך ווען מען ברעכט דעם נדר. די חכמים האבען איינגעפיהרט א התרת נדרים אבער נאר בלויז אויף נדרים וואס זיינען נוגע זיך אליין. אויף א נדר וואס איז נוגע א צווייטען קען אפילו דער התרת נדרים ניט חל זיין.

ר' עמרם גאון אין זיין סידור האט זיך אפילו דער־לויבט צו זאגען אז כל נדרי איז א פשוט'ע נארישקייט. די גאונים אין וועמענס צייטען דער מנהג פון כל נדרי איז געווען פאפולער צווישען די ברייטע אידישע מאסען, האבען זיך צו דער גאנצער זאך באצויגען זעהר נעגאטיוו. די אחרונים האבען גאר אפען געפריידיגט אז מען דארף אפשאפען דעם כל נדרי צערעמאניאל, ווייל באמת האבען זיך טאקע פיעלע פונם המון דערלויבט צו באנוצען מיט דעם כל נדרי ניט מקיים צו זיין זייערע פארשפרעכונגען. און דאך האט דער דאזיגער „מנהג שטות" באוויזען זיך איינצופלאנצען אינם אידיש רעליגיעזען לעבען און צו ווערען דער וויכטיגסטער טייל אינם אידישען ריטואל.

דעם ענטפער צו דער דאזיגער הארבער קשיא קען מען געפינען אין דעם גאר קורצען כרוז וואס מען רופט אויס דריי מאל נאכאנאנד פאר כל נדרי: „על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה, אנו מתירים להתפלל עם העברינים — מיט דעם וויסען פון גאט און מיט דעם וויסען פון דער געמיינדע, מיט דער צושטימונג פונם געטליכען בית דין און מיט דער צושטימונג פון אונזער בית דין, דערלויבען מיר זיך צו דאווענען צוזאמען מיט די עברינים".

עברינים מיינט מען די אידען וואס האבען עובר גע־ווען אויף די הויפט פרינציפען פון דער אידישער אמונה. און מיט דעם דאזיגען אויסדרוק האט מען עס אין זינען

די אנוסים — מאראנען — אידען אין שפאניע, וואס זיינען מיט גוואלד געצוואונגען געווארען זיך אפצוזאגען פון דער אידישער רעליגיע. די אינקוויזיציע אין די שפאנישע לענדער פלעגט צווינגען די אידען אנצונעהמען די קריסטליכע אמונה אונטער דער דראהונג פארברענט צו ווערען אויפ'ן שייטער הויפען. די אידען האבען אבער ניט געוואלט אויפגעבען זייער אמונה, האבען זיי פאר דער עפענטליכקייט געשווארען אז זיי נעהמען אן מיט זייער אייגענעם ווילען דעם קריסטליכען גלויבען, און אין הארצען זיינען זיי פארבליבען גאנץ געטרייע אידען ווי פריהער.

די אינקוויזיציע האט געהאלטען א שארף אויג אויף יעדען אידען און אריינגעדרונגען אין יעדען באהאלטענעם ווינקעלע. פון אפהיטען אידישקייט אונטער אזעלכע אומשטענדען און געפאהרען האט גאר קיין רייד ניט געקענט זיין. איינמאל א יאהר אבער, יום כפור, האבען זיי ריזיקירט מיט זייער לעבען און זיך צונויפגעקומען דאווענען בציבור. צווישען די מתפללים זיינען געווען אזעלכע וואס האבען שוין גענומען אויף זיך די שבועה פון קריסטליכער אנגעהעריגקייט און אזעלכע וואס האבען נאך ווי עס איז באוויזען אויסצומיידען די אינקוויזיציע, כדי זיי צו קענען פארדעכענען פאר אידען און מצרף זיין צו קהל, האט מען זיי געמוזט פריהער מתיר נדר זיין. אגב האט קיינער ניט געוואוסט אויב ער וועט אין פארלויף פונם יאהר אויך ניט דארפען נעהמען אויף זיך אט די דאזיגע שבועה, האט מען שוין דאדיבער אויסגעביטען דעם געוועהנליכען התרת נדרים אויף דעם צערעמאניאל פון כל נדרי, וואס האט אזוי ארום באקומען א גרויסע באדייטונג פאר די אידען אין יענער צייט.

די אידען פון שפאניע האבען דעם כל נדרי צערעמאניאל אריבערגעפיהרט מיט זיך אין די נייע גלות לענדער און זיך געהאלטען דארין ווי א שעהנע טראדיציע. די רבנישע וועלט האט עס דווקא ניט געוואלט ליידען, אבער קענטיג דווקא דערפאר וואס מען האט צוליב דער כל נדרי געליטען א היבש ביסעל צרות כמעט אין יעדען לאנד און אין יעדען

גלות, איז די תפילה געוואָרען ליבער און טייערער און זיך אזוי איינגעבאַקען אין הארצען.

ניט איין שונא ישראל האָט שוין געשטאָכען די אויגען מיט דער דאָזיגער תפילה. אינם כל נדרי האָבען זיי געזעהן א היתור צו באַטריגען דעם קריסט און צונישט צו מאַכען אַלע פאַרשפּרעכונגען. אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר זיינען די רדיפות אויף אידען צוליב דעם דאָזיגען בלבול געווען אין לשער. א סך ריכטער האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו געבען א אידען א שבועה, ווייל זיי האָבען גע'טענה'ט אַז דער כל נדרי דערלויבט דעם אידען בטל מאַכען אַלע זיינע שבועות און נדרים.

די גרעסטע צרות האָבען אידען דערליטען אין אַלטען רוסלאַנד. אין יאָהר 1799 האָבען זיך די אידען פון קור־לאַנד פאַרווענדעט מיט א בקשה צו דער רוסישער רעגירונג זיי צו געבען בירגער רעכט. האָט אָבער דער מיניסטאָרען קאַבינעט אָפּגעזאָגט די בקשה מחמת קריסטען קאָנען אידען ניט גלויבען אויף זייער שבועה צוליב דעם כל נדרי.

אין 1811 האָט דער רוסישער סענאַט ווידער אויפ־גענומען די פראגע צי מען קאָן אידען צולאָזען צו שווערען אין געריכט. עס האָבען זיך דאַמאָלס אפילו געפונען עט־ליכע קריסטליכע פאַרטיידיגער, וואָס האָבען אָנגעוויזען אַז אויך די קריסטליכע קירכע באַפרייט דעם גלויביגען פון לייכטזיניגע נדרים און פאַרשפּרעכונגען. אָבער אויך די דאָזיגע פאַרטיידיגער האָבען געפאָדערט פון די רבנים ארויס־צולאָזען א דערקלערונג צו די אידישע מאַסען, אַז דער־כל נדרי באַפרייט קיינעם ניט פון זיינע פאַרפליכטונגען און פאַרשפּרעכונגען. דער סענאַט האָט אויך אויפגעפאָדערט די רבנים אין גאַנצען מבטל צו מאַכען די תפילה און איהר ארויסצונעהמען פון מחזור.

עס איז מעגליך אַז די רבנים וואָלטען אודאי געצוואונ־גען די תפילה מבטל צו מאַכען. האָט אָבער פּאַסירט א גליק וואָס אין א קנאַפּען יאָהר שפּעטער, אין 1812, איז

אויסגעבראָכען געוואָרען די מלחמה קענען נאַפּאָלעאָנ'ען און די גאַנצע זאַך איז פאַרגעסען געוואָרען.

זינט דאַמאָלט האָבען די דייטשע רבנים אויף אַ קאָנ־פערענץ באַשלאָסען יאָ מבטל צו מאַכען די כל נדרי תפילה. אויך אין אַמעריקא האָט זיך געפונען אַ ראַביי וואָס דער־לאָזט ניט זאָגען כל נדרי ביי איהם אין שוהל. אָבער קיין גרויסען איינפלוס האָבען ביידע באַשלוסען ניט געלאָזען. כל נדרי איז נאָך אַלץ איינע פון די שעהנסטע תפילות בכל תפוצות הגולה, וואו נאָר אַ איד געפינט זיך.

אין גלות איז דער כל נדרי ניגון געוואָרען די נשמה פון דער יום כפור שטימונג. דער גלות האָט אין דעם דאָ־זיגען ניגון אַריינגעהויכט אַזוי פיל אידישען צער, אַזוי פיעל טראַגיזם און ווייטאָג, אַז די תפילה מיט איהר גאַנץ באַ־שרענקטען אינהאַלט אַפּעלירט אַמשטאַרקסטען צום אידי־שען האַרץ און רופט אַרויס געפיהלען פון חרטה און נאַציאָ־נאַלער צוגעבונדענקייט.

אפשר איז עס דערפאַר וואָס דער ניגון איז אַזאַ האַרצ־רייסענדיקער און אַרומגעוועבט מיט אַזוי פיעל שעהנע לע־גענדעס און געשיכטעלעך.

איין לעגענדע, למשל, דערצעהלט, אַז דער ניגון איז געשאַפען געוואָרען דוקא ביי זעהר אַ פרומען קריסט, וועל־כער האָט צופעליג ביינעוואוינט אַ פּלוצימדיגען איבערפאַל אויף אנוסים יום כפור ביינאַכט. דער פרומער קריסט, זאָל עס הייסען, איז אַזוי געריהרט געוואָרען פון די אידישע ליי־דען און זייער איבערגעבענהייט צו זייער גאָט און אמונה, אַז ער האָט אויפן אָרט באַשאַפען דעם ניגון.

אַן אַנדער ווערסיע איז, אַז צווישען די אנוסים האָט זיך געפונען דער שעהנסטער זינגער אין לאַנד, וועלכער איז געוועזען שטאַרק באַליבט ביים קעניג און דער קירכע, און ער האָט עס געשאַפען די מוזיק צום כל נדרי.

די לעגענדען וועגען דער באַשאַפונג פונם כל נדרי ניגון זיינען פאַראַן אומצעהליגע, און יעדע איינע האָט זיך איהר שעהנקייט. די מעהר פּאָפּולערע איז אָבער די דאָזיגע,

וועלכע דערצעהלט אגב מעהר באריכות און בפרטיות ווי אזוי דער ניגון איז געשאפען געוואָרען:

אין די צייטען פון פערדינאנד און איזאבעלא — דער־צעהלט די לעגענדע — האָט אין שפּאנישען קייזערליכען הויף געלעבט דער איד דאָן מאנועל דע טעקסיירא. ער איז געווען זעהר חשוב און באליבט ביים קעניגליכען פּאָר, און ביים ארויסגעבען די גזירה פונם גירוש האָט דער קעניג און די קעניגין איהם געצוואונגען צו פארבלייבען אין לאנד.

דאָן מאנועל האָט לפנים וועגען אָנגענומען די קאטוי־לישע אמונה, אָבער באהאלטענערהייט האָט ער שטרענג אָפּ־געהיט אידישקייט. ניט אלץ האָט ער און די איבעריגע געהיימע אידען געקענט אָפּהיטען, אָבער יום כפור האָבען זיי אלע מיט גרוים מסירת נפש אָפּגעהיט. דאָן מאנועל האָט אין טיפען וואלד איינגעאָרדענט א הייהל, וואָס איז געווען ווייט פון א מענשליכען אויג און דאָרטען זיינען די אנוסים זיך צונויפגעקומען בעטען צו גאָט.

די אינקוויזיציע און איהרע כיטרע שפּיאָנען האָבען אָבער די הייהל געפונען און אלע אנוסים פארמשפּט צום שייטערהויפען. צווישען זיי איז אויך געווען דאָן מאנועל, וועלכער איז נאָך אלץ געווען באליבט ביים קייזערליכען פּאָר. זיי האָבען דאריבער אויסגע׳פּועל׳ט ביי דער אינקוויזיציע איהם צו שענקען דעם לעבען בתנאי ער וועט עפענטליך האָבען חרטה אויף זיין גרויסער זינד. דער קעניג אליין איז געקומען צו דאָן מאנועל אין תפיסה, און איהם איבער־געגעבען דעם באשלוס פון דער אינקוויזיציע. דאָן מאנועל האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען דעם פארלאנג, איהם האָט זיך בעסער געוואָלט שטארבען דעם זעלבען מארטירער טויט ווי אלע איבריקע, אָבער דער קעניג האָט איהם שטארק גע־[illegible]־טען, איהם אויך צוגעזאָגט צו מאכען פאר זיין ראטגעבער, און דאָן מאנועל האָט מיט א צעבראָכען הארץ איינגעשטימט.

זיין עפענטליכע חרטה האָט דאָן מאנועל באדארפט אויסדריקען ביי אן עפענטליכען פּאראד אינם טאָג ווען מען וועט די איבריקע פארברענען לעבעדיגערהייט אויפן שיי־

טערהויפען. אין יענעם טאָג האָבען זיך ביים שייטערהויפען פארזאמעלט די העכסטע בעאמטע, דער גאנצער שפאנישער אדעל, טויזענטער און טויזענטער גלחים און נאָך מעהרער פונם פּראָסטען המון, וואָס איז זיך צונויפגעקומען פון אלע עקען לאנד.

פריהער האָט מען איינעם נאָכן אנדערן פארברענט די אנוסים, און ווען מען איז שוין פארטיג געוואָרען מיטן שויד־דערליכען אקט איז דער הויפּט אינקוויזיטאָר צוגעקומען צו דאָן מאנועל און געפאָדערט ער זאָל זיך עפענטליך בקול רם מתודה זיין אויף די זינד, ווי ער האָט עס פארשפּראָכען צום קעניג.

דאָן מאנועל האָט אָבער זיך ניט מתודה געווען, און אויפן אָרט פון חרטה האָט ער גאָר מקדש השם געווען און אויסגעשריען מיט אלע זיינע כחות:

„שוין דריי טויזענט יאָהר אז מיר אידען לעבען מיט אונזער תורה וואָס מיר האָבען באַקומען אויפן בארג סיני. וועלכער איז דאמאָלט געווען ווי איין שטיק פייער, און אזוי ווי מיר האָבען די תורה געקראָגען אין פייער, מוזען מיר זי אויך אויפגעבען אין פייער".

און אזוי ריידענדיג, איז ער צו דער פארוואונדערונג פון אלעמען אליין ארייגעשפּרונגען אין שייטערהויפען און אויסגעהויכט זיין אטעם מיט שמע ישראל אויף די ליפּען.

צווישען די וואָס האָבען עס צוגעזעהן איז געווען א באַגאבטער מוזיקער, וועמענס פיינפיהלענדיגע נשמה האָט אויפגעציטערט פון דער שוידערליכער געשעהעניש, און ער האָט עס פאראייביגט אין מוזיקאלישע טענער. אָט די דאָזיגע קאָמפּאָזיציע איז עס דער כל נדרי ניגון, וואָס איז צו אונז טראַדיציאָנעל איבערגעגאנגען פון יענער צייט.

געניי פון וואַנען דער ניגון שטאַמט איז ניט באַקאַנט. אין דער געשיכטע פון מוזיק איז ניטאָ קיין שפּור נאָך וועלכען מען זאָל קענען אויסגעפינען ווער עס איז דער פארפאַסער פון דער דאָזיגער שעהנער מעלאָדיע; עס איז אפילו שווער פעסטצושטעלען אין וואָסער עפּאָכע מען האָט איהר

אָנגעהויבען צו געברויכען. א טייל היסטאָריקער זאָגען, דער ניגון איז צוזאמען מיט דער כל נדרי תפילה געשאפען געוואָרען פון די אנוסים, און ווי די זעלבע היסטאָריקער דער־קלעהרען, שטאמט דער ניגון פון אַן אַלטער קאטוילישער קירכען־מאָטיוו. דאס לייגט זיך שטאַרק אוף'ן שכל, ווייל די אנוסים, וועלכע האָבען זיך תמיד געפונען אין געפאהר גע־כאפט צו ווערען פון די אינקוויזיציע שפיאָנען, האָבען צו זייער דאָזיגער וויכטיגער תפילה ניט געקענט געפינען קיין מעהר פאסענדיגע מעלאָדיע ווי פון א קירכען מאָטיוו, כדי דערמיט אָפצונארען זייערע פארפאָלגער.

די מוזיק אויטאָריטעטען, צווישען זיי אונזער אייגע־נער י. פיראָזשניקאָוו, לייקענען קאטעגאָריש אָפּ די דאָזיגע באהויפטונג. זיי באווייזען, אז די עהנליכקייט עקזיסטירט בלויז צווישען די ערשטע פראזען און דאָס דערקלעהרען זיי האָט בלויז צופעליג געטראָפען פונקט אזוי ווי עס איז פאראַן אַן עהנליכקייט צווישען דער שפאנישער סימפאָני פון דעם מאָדערנעם קאָמפאָזיטאָר לאָלאָ און דעם לאנגזאמען טייל פון כל נדרי. אזא עהנליכע צופעליגקייט, ווייזען זיי אָן, איז אויך צו מערקען צווישען פילע אַנדערע מאָדערנע קאָמפאָ־זיציעס. אגב, דערקלעהרען זיי, איז בלויז דער ערשטער טייל פון דעם כל נדרי ניגון עהנליך און איז פון א ריין קלאסישען כאראַקטער. דאַגעגען די איבעריגע טיילען זיינען אזוי עכט אידיש, אז עס קאָן גאָר קיין צווייפעל ניט זיין דאָס עס איז אַן אייגענאַרטיגע ריין־אידישע מעלאָדיע.

באמת קען מען זיך אויף די מוזיקאַלישע סברות ניט פארלאָזען, ווייל כל נדרי ווערט ניט אומעטום גלייך געזונ־גען. כאָטש דער אָנהויב איז אומעטום דער זעלבער, זיינען דאָך פאראַן אזוי פיעל וואריאציעס אז עס איז שווער צו זאָגען וועלכער עס איז דער ריכטיגער.

דער ניגון פון כל נדרי הויבט זיך אָן מיט א שטילען געבעט, איינגעהאַלטען, קוים וואָס מען קען הערען, און דער־נאָך קומט א פּלוצימדיגע שרעק, וואָס ווערט שטאַרקער און מורא'דיגער. דאָס דערהערט מען דעם פּלוצימדיגען אָנקומען

פון די אינקוויזיטאָרען, וועלכע דערנעהענטערען זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער; דער וואַרפען די אנוסים צו דער ערד, דער שליסען זיי מיט אייזערנע קייטען, און ענד־ליך, ווי זיי ליגען שוין געבונדענע, ווי שעפּעלאַך פאַר דער שחיטה, מיט אויסגעלאָשענע האָפנונגען און פאַרשוואונדע־נע חלומות.

דער צווייטער טייל פון דעם כל נדרי ניגון דריקט אויס אַן אומדערוואַרטעטע בשורה: דער לעבען ווערט זיי גע־שאָנקען בתנאי זיי זאָלען שווערען ביים צלם, אַז מהיום והלאה וועלען זיי שוין זיין אמת געטרייע קריסטען, און צום סוף דער ענטפער פון די אנוסים: דער געשריי פון שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד און — אריין אינם ברע־נענדיגען שייטער הויפען.

דער ניגון פון כל נדרי איז בלי ספק איינע פון די טיפ־סטע און זינרייכסטע היסטאָרישע מעלאָדיען. אין דעם סי־נאַגאָגאַלען ריטואַל זיינען דאָ נאָך אַלגעמיין אָנגענומענע שעהנע מעלאָדיעס, אָבער קיינע פון זיי קען זיך מוזיקאַליש פאַרגלייכען מיט כל נדרי. די מוזיקאַלישע באַארבייטונג פון כל נדרי פאַר וויאָלין אָדער טשעלאָ מיט פּיאַנאָ באַ־גלייטונג פון דעם באַוואוסטען קאָמפּאָזיטאָר מאַקס ברוך איז פּאָפּולער ניט בלויז אין דער אידישער, נאָר אפילו אין דער קריסטליכער וועלט. די גרעסטע וועלט־ווירטואָזען שלי־סען כל נדרי איין אין זייער רעפּערטואַר און מאַכען דערמיט גרויס פורור.

דריטער קאפיטעל

די יום כפור'דיקע תפילות

ונתנה תוקף — עשרה הרוגי מלכות — מלכיות זכרונות, שופרות — מפטיר יונה.

יום כפור זיינען אידען פארזאמעלט דעם גאנצען טאג אין שוהל פאסטענדיק און זאגענדיג תפילות. דער דאוונען ווערט איינגעטיילט אין פיער חלקים: שחרית, מוסף, מנחה און נעילה. יעדער טייל אנטהאלט שעהנע פיוטים, שירים און סליחות. דער סאמע וויכטיגסטער טייל איז דער מוסף, וועלכער דויערט טאקע לענגער ווי די איבעריגע טיילען.

אינם מוסף חזר'ן זיך איבער א סך פון די ראש השנה'־דיקע תפילות, צווישען זיי די אזוי ריהרענדיקע תפילה פון ונתנה תוקף. דאך, אבער, דער העכסטער און ערענסטער מאמענט יום כפור איז דער אפריכטען די עבודה און די תפילות פון „כתר מלכות" און „עשרה הרוגי מלכות". די לעצטע איז די טרויעריגסטע און טראגישסטע, און ניט אי־בער אין פשוט'ע אבער הארצרייסענדיקע ווערטער א קאפי־טעל אידישע געשיכטע אונטער דער טיראנישער הערשאפט פון די רוימער.

דער אינהאלט אין פרייער איבערזעצונג איז אזוי:

ווען די רוימישע רעגירונג האט באשלאסען אויסצור־ראטען די גייסטיגע פיהרער פון די אידען, כדי דאדורך מבטל צו מאכען די תורה און דעם אידיש נאציאנאלען קיום, האבען זיי זיך פארווענדט צו ר' ישמעאל דעם כהן גדול און איהם באפוילען: „געה ארויף אין הימעל און געפין אויס אויב די גזרה איז דארטען פאר'חתמ'עט".

ר' ישמעאל האט זיך געריינינגט, באפרייט פון אלעם נשמיות'דיקען, איינגעהילט זיך אין טלית און תפילין, און ארויסזאגענדיג דעם שם המפורש, גאט'ס נאמען, איז ער ארויף אין הימעל.

דאָרטען האָט ר׳ ישמעאל׳ן באַגעגענט דער מלאך גבריאל, דער שטענדיגער מליץ יושר פון די אידען, און איהם געפרעגט: „ביסטו עס דער דאָזיקער ר׳ ישמעאל מיט וועמען גאָט באַרימט זיך, אַז ער האָט אַ קנעכט וועמענס פּנים עס איז ענליך צו זיין פאָרם און געשטאַלט?"

האָט ר׳ ישמעאל געענטפערט: „יאָ, איך בין עס". האָט דער מלאך איהם ווידער געפרעגט: „צו וואָס ביסטו אַהער געקומען?" האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט: „איך בין געקומען דערגעהן צי די גזירה איז שוין פון גאָט גע׳חתמ׳עט".

דאַרויף האָט דער מלאך גבריאל געענטפערט ר׳ ישמעאל׳ן: „איך האָב געהערט אין הימעל, אַז צעהן תלמידי חכמים, די גרעסטע פונם איצטיקען דור, זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענט פון די רוימער".

האָט ר׳ ישמעאל ווייטער געפרעגט: „פאַרוואָס?" און דער ענטפער איז געווען: „צוליב מכירת יוסף. דער מידת הדין שרייט יעדען טאָג פאַר׳ן כסא הכבוד און זאָגט: האָסטו דען געשריבען אין דיין תורה־אַן איבריקען וואָרט? עס שטעהט אין דער תורה געשריבען, ווער עס גנב׳עט אַ מענשען און פאַרקויפט איהם קומט איהם דער טויט. און די צעהן שבטים האָבען פאַרקויפט יוסף׳ן פאַר אַ קנעכט און האָבען נאָך ביז איצט ניט געקראָגען זייער שטראָף".

האָט ר׳ ישמעאל ווידער געפרעגט: „האָט דען גאָט ניט געקענט ביז איצטער אויפמאָנען דעם חוב?" און דער מלאך גבריאל האָט געענטפערט: „ביז איצטער האָט גאָט ניט געקענט געפינען אין איין איינציגען דור אַזעלכע פולשטענדיקע צדיקים".

ווען דער הויפּט פון די מלאכי חבלה, דער רשע סמאל און אַלע זיינע שלעכטע חברים, די מחבלים, האָבען דערזעהן אַז די גזירה איז שוין אונטערגעשריבען, האָבען זיי זיך שטאַרק דערפרעהט און אויסגערופען: „מיר האָבען באַזיגט דעם שר מיכאל". גאָט איז אָבער דערפאַר געוואָרען אין גרויס גרימצאָרן און ער האָט גערופען מטטרון, דעם הויפּט איבער אַלע מלאכים און איהם באַפוילען: „שרייב און פאַר־

זיגעל! פייער און שוועבעל איבער דער רוימישער הער־שאפט, אלע זאלען זיי פארניכטעט ווערען פון פייער און שוועבעל".

ר' ישמאל, דערזעהענדיק אז ער קאן מעהר גארניט אויפטאהן אין הימעל, איז ער צוריקגעקומען צו זיינע חברים און זיי אלץ דערצעהלט. האבען זיך אלע זעהר געפרעהט וואס אויף זיי איז געפאלען דער גורל.

די ערשטע האט מען געכאפט טויטען ר' שמעון בן גמליאל און ר' ישמעאל הכהן גדול. האט ר' שמעון גע־וויינט א גרויס געוויין און ר' ישמעאל האט איהם גע־טרייסט: „אין איין רגע וועסטו זיין אינם שוים פון די צדיקים אין גן עדן, און דו וויינסט נאך?" האבעןביידע זיך גענומען בעטען ביים תליון דער ערשטער געטויט צו ווערען. איינער האט גע'טענה'עט: „איך בין א כהן גדול בן כהן גדול ביז אהרן הכהן, הרג'ע מיך דעם ערשטען כדי איך זאל ניט צוזעהן דעם טויט פון מיין חבר". און דער צווייטער האט גע'טענה'עט: „איך בין א נשיא בן נשיא ביז דוד המלך, הרג'ע מיך פריהער כדי איך זאל ניט זעהן דעם טויט פון מיין חבר". האבען ביידע געווארפען גורל און עס איז געפאלען אויף ר' שמעון בן גמליאל. האט דער תליון איהם גלייך אפגעהאקט דעם קאפ, און ר' ישמעאל האט דעם אפגעהאקטען קאפ גענומען אין זיין שוים און געשריען: „הייליק מויל, טייער מויל, אט דאס איז די באלוינונג פאר דיין תורה!"

דערוויילן האט דעם קעניג'ס טאכטער ארויסגעקוקט דורכן פענסטער און דערזעהן די שעהנקייט פון ר' ישמעאל'ן, וואס האט ניט געהאט קיין גלייכען אין דער וועלט. איז זי אוועק צו איהר פאטער דעם מלך און געבעטען איהם לאזען לעבען. האט דער קעניג איהר געענטפערט, אז ער האט שוין געשווארען און קאן זיין שבועה ניט ענדערען. האט זי דאמאלט געבעטען, אז מען זאל ביי ר' ישמעאל'ן אראפ־ציהען די הויט פון זיין פנים כדי זי זאל זיך דארין שפיגלען.

פון גרויס ווייטאג האט ר' ישמעאל א שרעקליכען זיפץ

געטאָן און דער הימעל און די ערד האָבען אזא ציטער געטאָן, אַז דער כסא הכבוד האָט זיך גענומען שאָקלען. האָבען די מלאכים געזאָגט צו גאָט: „אַזא גרויסער מענש און צדיק וועמען דו האָסט געוויזען אַלע שעהנקייטען פון די הימלען און אַלע געהיימניסען פון דער ערד, זאָל שטאַרבען מיט אזא שרעקליכען טויט? אָט דאָס איז די תורה און דאָס איז איהר שכר? האָט גאָט געענטפערט: „עס איז שוין פארפאלען, איך האָב אַזוי גוזר געווען. אויב איך וועל הערען נאָך איין איינציגען געשריי, וועל איך צוריק צושטערען די גאַנצע וועלט און מאַכען פון איהר אַ תהו ובהו. אַז ר' ישמעאל האָט דאָס דאָזיגע דערהערט, איז ער שטיל געוואָרען און זיין נשמה איז איהם אויסגעגאַנגען.

דערנאָך האָט מען געכאַפּט ר' עקיבא'ן, וועלכער האָט איין מינוט ניט אויפגעהערט צו לערנען און צו אנטדעקען די טיפסטע סודות פון דער תורה. ווען מען האָט ר' עקיבא'ן אַרויסעפיהרט צו דער תליה, איז אָנגעקומען א בריף צום רוימישען קעניג, אַז אַן אַראַבישער מלך רייסט זיך אַריין אין זיין לאַנד מלחמה צו האַלטען. האָט דער קעניג באַפוילען צו בינדען רבי עקיבא'ן אין אייזערנע קייטען און איהם אַריינזעצען אין תפיסה ביז ער וועט צוריקקומען פון מלחמה. ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט ער באַפוילען רייסען ר' עקיבא'ס פלייש מיט אייזערנע קאמען, און ביי יעדען ריס האָט רבי עקיבא מיט פרייד דערצעהלט וועגען גאָט'ס גרויסקייט ביז ער האָט זיין נשמה אויסגעהויכט.

דעם פיערטען האָט מען אַרויסגעפיהרט ר' חנינה בן תרדיון. אויף איהם האָט מען געזאָגט, אַז גאָט און מענש האָבען זיך מיט איהם געפרעהט און שטאָלצירט, און אַז זיין גאַנץ לעבען האָט ער ניט אַרויסגערעדט קיין שלעכט וואָרט פון מויל. מען האָט איהם געכאַפּט זיצענדיג אין א מסובה פון אַ סך אידען לערנענדיק מיט זיי תורה. זיין ווייב האָט מען דער'הרג'עט, די טאָכטער האָט מען אַוועקגעפיהרט אין א בית זונות, און איהם האָט מען איינגעוויקעלט אין א ספר תורה, אַרויפגעלייגט אויף זיינע בריסטען און האַריץ

נאַסע שטיקער וואָל, כדי ער זאָל ניט גלייך שטאַרבען, נאָר ביסלעכווייז פאַרברענט ווערען. האָט די טאָכטער צו איהם געזאָגט: „פאָטער, צו אזא מדרגה ביסטו געקומען?" האָט ער איהר געענטפערט: „ווען איך וואָלט אַליין פאַרברענט, וואָלט מיך אפשר ניט געאַרט, אָבער אז די ספר תורה ווערט צוזאַמען מיט מיר פאַרברענט, איז דער וואָס וועט זיך נוקם זיין פאַר דער תורה וועט זיך אויך נוקם זיין פאַר מיין אומשולדיג בלוט". האָבען איהם די תלמידים געפרעגט: „רבי, וואָס זעהסטו?" האָט ער געענטפערט: „איך זעה ווי די גבילין, דער פאַרמעט, ווערט פאַרברענט אָבער די אותיות פליהען אין הימעל אריין". דער תליון האָט מעהר ניט געקענט צוזעהן זיינע ליידען, האָט ער אַראָפּגענומען די נאַסע שטיקער וואָל פון זיין הארצען און ר' חנינא איז אויסגעגאַנגען.

דערנאָך האָט מען גע'הרג'עט ר' יהודה בן בבא. דאַמאָלט האָט די רוימישע רעגירונג ארויסגעגעבען א גזירה, אז יעדער רב וואָס וועט ארויסגעבען סמיכה זאָל געטויט ווערען צוזאַמען מיט דעם וואָס וועט די סמיכה קריגען, און די שטאָדט וואו מען וועט די סמיכה אַרויסגעבען זאָל פאַרניכטעט ווערען. האָט ר' יהודה בן בבא זיך אוועקגעזעצט צווישען צוויי ווייסע בערג און האָט געגעבען סמיכה צו פינף זקנים: ר' מאיר, ר' יהודה, ר' שמעון, ר' יוסי און ר' אליעזר בן שמוע. ווען די רוימער זיינען איהם באַפאַלען, האָט ער געגומען שרייען די תלמידים זאָלען אַנטלויפען. אַליין איז ער געבליבען אויפן אָרט און דאָרטען האָט מען איהם דערשטאָכען מיט דריי הונדערט אייזערנע שפּיזען.

ווען מען האָט געפיהרט ר' יהודה בן דמא צו דער עקזעקוציע, האָט ער זיך געבעטען ביים קייסער מען זאָל איהם נאָך לאזען מקיים זיין די מצוה פון שבועות, ווייל עס איז דאַמאָלט פונקט געווען ערב שבועות. האָט דער קעניג צו איהם געזאָגט: „שוטה, גלויבסט נאָך אַלץ אין דער תורה און אינם גאָט וואָס האָט די תורה געגעבען? וואָס איז דען דער שכר פון דער תורה?"

דארויף האָט איהם ר׳ יהודה געענטפערט: „דו ביסט דער נאַר, ווייל דו לייקענסט אין לעבעדיגען גאָט און וועה און ווינד איז דיר, ווארום וועד ביסטו דען? היינט דאָ און מאָרגען אין קבר. מיר אָבער וועלען ערשט האָבען דעם אמת׳ן לעבען".

איז דער קעניג שטאַרק אין כעס געוואָרען און געהייסען איהם צובינדען פאַר די האָר צום עק פון אַ ווילדען פערד, זיי לאָזען לויפען איבער די גאַסען פון רוים, און דערנאָך ערשט איהם צושניידען אויף שטיקלעך און ברעקלעך.

איז געקומען אליהו הנביא און האָט צוזאַמענגעקליבען אַלע שטיקלעך און זיי געבראַכט צו קבורת ישראל אין אַ הייל. האָט זיך פון דער דאָזיגער הייל יעדען טאָג געהערט אַ שרעקליך געוויין, און ווען מען האָט עס דערצעהלט דעם קעניג, האָט ער געשוואָרען ניט צו רוהען ביז ער וועט אומברענגען אַלע אידען.

ווען מען האָט געפאַנגען ר׳ הוצפית המתורגמן, איז ער שוין אַלט געווען הונדערט און דרייסיג יאָהר ווייניגער אַ טאָג. האָט איהם דער קעניג געפרעגט: „וואָס איז דיר שוין פאַר אַן אונטערשייד צי דו וועסט לעבען נאָך אַ טאָג אָדער ניט?" האָט ער דאַרויף געענטפערט: „איך וויל נאָך מקיים זיין צוויי מצוות". האָט דער קעניג ווילד אַ געשריי געטאָן: „אומפאַרשעהמטע, ווי לאַנג נאָך וועט איהר האָפען אויף אייער גאָט? ער איז שוין אַלט און קאָן אייך ניט העלפען, ווען ניט וואָלט ער זיך נוקם געווען פאַר זיין פאָלק און הויז".

ווי ר׳ חוצפית המתורגמן האָט דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער צעריסען אויף זיך די קליידער און אויסגעשריען: „מלך אביון, געדענק דעם טאָג ווען גאָט וועט נקמה נעהמען פון רוים!"

איהם האָט דער קעניג געהייסען פאַרשטיינען.

דערנאָך האָט מען געבראַכט ר׳ חנינא בן חכינא. אויף איהם האָט מען געזאָגט, אז ער האָט געפאַסט אַלע זיינע פינף און ניינציק יאָהר. פונקט ערב שבת ווען מען האָט אָנגעהויבען זאָגען „ויכלו השמים והארץ" האָט מען אים

געטויט. דאמאלט איז ארויס א בת קול פון הימעל: „וואויל איז דיר, ר' חינא בן חכינאי, וואס דו ביסט געווען א היי ליגער און דיין נשמה איז דיר אויסגעגאנגען אין קדושה.

ווען מען האט ארויסגעפיהרט ר' ישבב הסופר, האבען די תלמידים איהם געפרעגט: „רבי, וואס וועט איבטער זיין מיט דער תורה וואס די רשעים ווילען פארניכטען?" האט ער זיי געענטפערט: „הלואי זאל איך אויסלייזען דעם גאנ־צען פאלק, און איהר האלט זיך ברידערליך און האט ליעב איינער דעם אנדערען.

ווען דער קעניג האט איהם געפרעגט ווי אלט ער איז, האט ער געענטפערט אז ניינציג יאהר און אז זינט ער איז געבוירען געווארען האט ער געוואוסט אז ער וועט אמאל שטארבען על קידוש השם, אבער גאט וועט פאדערן א חשבון פארן אומשולדיגען בלוט.

האט איהם דער קעניג געהייסען פארברענען.

דער לעצטער פון די צעהן מארטירער איז געווען רבי אלעזר בן שמוע. זיין גאנצען לעבען האט ער קיינעם ניט באליידיגט, קיינמאל ניט ארויסגעזאגט אן אומפאסיג ווארט און זיך געהאלטען זעהר נידריג און באשיידען. ווען מען האט איהם גע'הרג'עט איז ער אלט געווען הונדערט און פינף יאהר און עס איז פונקט געווען יום כפור. פארן טויט האבען די תלמידים איהם געפרעגט וואס ער זעהט, און ער האט זיי געזאגט: ער זעהט ווי רבי יהודה בן בבא טראגט זיין בעט און רבי עקיבא'ס אוןביידע שפארען זיך איבער א דין; ער זעהט אויך ווי די נשמות פון אלע צדיקים רייניגען זיך אינ'ם טייך שילו אריינצוגעהן הייליקע אין דער ישיבה של מעלה, און יעדער מלאך ברענגט גאלדענע קמיעות פאר יעדען צדיק.

די דריטע תפילה, אויף וועלכער אידען פארגיסען יום־כפור אין די שוהלען, א סך טרעהרען, איז דער פיוט „כתר מלכות" פארפאסט פון גרויסען משורר ר' שלמה בן גבירול. די לעגענדע דערצעהלט, אז דורך דער דאזיגער תפילה זיינער איז בן גבירול געשטארבען פאר דער צייט, ווארים גלייך ווי

די תפילה איז פאָפולער געוואָרען, האָט זיך איינער פון די דאַמאָלסדיגע אַראַבישע דיכטער מתקנא געווען אין איהם און דערפאַר וואָס ער איז אַזוי צווישען אַלעמען געליבט געוואָרען, האָט ער זיך איינמאָל, בעת ר׳ שלמה בן גבירול איז געגאַנגען פאַרטראַכט אין זיינע רעיונות, אונטער־גע׳־גנב׳עט הינטער איהם און איהם דערשטאָכען.

נאָכ׳ן דער׳הרג׳ענען ר׳ שלמה בן גבירול האָט דער אַראַבישער דיכטער אויסגעגראָבען אַ קבר אונטער אַ פייגענבוים און איהם באַגראָבען.

פון דאַן אָן האָט דער פייגענבוים אָנגעהויבען הערליך צו בליהען און האָט אַרויסגעגעבען די פּרעכטיגסטע פרוכטען.

ווער עס האָט אָנגעקוקט דעם דאָזיגען פייגענבוים האָט זיך געוואונדערט און ניט געקאָנט פאַרשטעהן, וואָס דאָ איז געשעהן. און מען האָט אומעטום גערעדט וועגען דעם וואונ־דער.

ווען די ידיעה וועגען דעם וואונדערליכען פייגענבוים איז אָנגעקומען צום קעניג, האָט ער געשיקט רופען דעם איי־גענטימער פון דעם בוים, ער זאָל איהם אויסזאָגען דעם סוד פון דעם דאָזיגען וואונדער.

נאָך פיעל דראָהונגען, האָט זיך דער מערדער מודה געווען, און ווען מען האָט אויפגעגראָבען דעם קבר, האָט מען ווירקליך דאָרטען געזעהן ליגען דעם טויטען קערפּער פונ׳ם באַריהמטען דיכטער ר׳ שלמה בן גבירול!

פאַרשטעהט זיך, אַז דער רוצח איז באַשטראָפט געוואָ־רען מיטן טויט, און דער קערפּער פון דעם דיכטער איז מיט גרויס כבוד געבראַכט געוואָרען צו קבורה.

יום כפור צו מנחה לייענט מען די געשיכטע פון יונה הנביא אַלס הפטורה. יונה איז איינער פון די צוועלף קלע־נערע נביאים, און דאָס גאַנצע ספר׳ל פאַרנעהמט בלויז פיער קליינע קאַפּיטלאַך. דאָך איז עס אַזוי וויכטיג, אַז מען האָט עס פון גאַנצען תנ״ך אויסגעקליבען פאַר דעם סאַמע הייליג־סטען טאָג אין יאָהר.

דער אויבענאויפ׳דיגער טעם פאַר וואָס מען לייענט יונה

איז, וואָס דאַרט רעדט זיך וועגען תשובה און גאָט'ס פאַר־געבונג. דער דאָזיגער טעם איז אָבער ניט קיין צופרידענ־שטעלענדיגער, ווייל אויך די אַנדערע נביאים האָבען גע־רעדט וועגען תשובה און מחילה. דער טעם ליגט גיכער אין דעם עצם געשיכטע אַליין, וועלכע איז אַ גאַנץ אונגעוועהנ־ליכע, אָבער דערפאַר פול מיט אינטערעסאַנטע אָנווייזונגען. דער מוסר השכל דאָרטען איז אַ פול באַדייטענדיגער און פּאַסט זיך גוט אריין אין דער יום כפור'דיגער שטימונג פון תשובה און פאַרגעבונג.

די מעשה מיט יונה הנביא דערצעהלט וועגען דעם מענ־שענס כאַראַקטער, שוואַכקייטען און ליידענשאַפטען, פון וואָס מען דאַרף זיך אינם סאמע הייליגסטען טאָג, אינם טאָג פון חשבון הנפש, באַמיהען צו באַפרייען. פון דער מעשה יונה לערענט מען, אַז די גרעסטע צרות און מחלוקת צווישען מענשען קומען אַרויס דערפון וואָס יעדער איז אין אַ גע־וויסער מאָס אַן עגאָאיסט, האָט ליעב בלויז זיך, זוכט בלויז דורכצופיהרען זיינע אייגענע אמביציעס, וויל בלויז צופרי־דענשטעלען דעם אייגענעם עגאָ, און קימערט זיך ניט וועגען דעם שיקזאַל פון דעם אַנדערען. גוטע פריינד ווערען זיך דה־שינאים, פאַמיליעס ווערען צוריסען, געשעפטען ווערען רואינירט בלויז דערפאַר וואָס איינער זוכט אייגענע יאַטיס־פאַקציעס, אויסצופיהרען דאָס זייניגע, הגם ער איז דוקא אומ־גערעכט.

אַזאַ עבירה ווערט יום כפור ניט פאַרגעבען, און אין דער מעשה פון יונה הנביא געפינען מיר גאָט'ס ענטפער און יאַרנונג צו אַזעלכע אמביציעס אין וועלכע מען האָט קיין אייגזעהעניש מיט אַנדערע.

יונה בן אמתי איז געווען אַ געטליכער נביא, און אַז גאָט האָט איהם געשיקט קיין נינוה צו שטראָפען דאָרטען די מענשען זיי זאָלען טאָן תשובה, איז ער גאָר אַנטלאָפען פון גאָט און זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף. יונה האָט נביאות געזאָגט אַז נינוה וועט אין פערציג טעג אַרום אונטערגעהן, און ער האָט געוואָלט אַז זיין נבואה זאָל דוקא מקוים ווערען.

אַ שטאָדט זאָל חרוב ווערען, מענשען זאָלען אונטערגעהן אָבי זיין נבואה זאָל מקוים ווערען.

עס איז ניט געווען קיין שנאת חנם; עס זיינען געווען געפיהלען פון נקמה און שנאה צו אשור און נניה, וועלכע האָבען גאַנצע שבטים עוקר מן השורש געווען. גרויס דאַרפען זיין די געפילען פון נקמה און שנאה ווען זיי קענען פאַרטונקלען דעם שכל פון אַ געטליכען נביא צו מאַכען אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפען פון גאָט.

און אָט די דאָזיגע קנאה האָט אויך אַרויסגערופען דעם אייגענעם עגאָ, אויפגעפלאַקערט די אייגענע אַמביציע חלילה ניט צו פאַרבלייבען אַ פאַלשער נביא, און ער אַנטלויפט פון גאָט. יונה באַזעצט זיך ווייט אַוועק צו מזרח פון נניה, צו זעהען וואָס עס וועט געשעהען. ער האָט אַליין געהאָפט אַז נניה וועט אונטערגעהן און זייער תשובה וועט ניט אָנגענומען ווערען.

ווען די פערציג טעג זיינען געווען פאַרביי און נניה איז ניט אונטערגעגאַנגען, האָט יונה געהאַט אַ טענה צו גאָט ברוך הוא:

„איך בעט דיך, גאָטעניו — האָט ער געשריען — איך ווייס אַז דו ביזט אַ באַרעמהערציגער גאָט, אַ גאָט פול מיט חסד, און דו נעהמסט צוריק די צרה וואָס דו אַליין באַשטימסט, טאָ נעהם בעסער צו מיין נשמה, און לאָז מיך שטאַרבען; בעסער טויט איידער אַזאַ לעבען".

דער ים הויבט אָן צו שטורמען און די שיף אויף וועלכער ער אַנטלויפט איז אין געפאַהר געזונקען צו ווערען. ווען אַלע שיפסלייט קניען פאַר זייערע געצקעס און בעטען אַז די שיף זאָל ניט אונטערגעהן, ליגט ער אַליין ערגעץ אין אַ ווינקעל און דרימעלט. ער בעט ניט צו גאָט, צו זיין גאָט וואָס קאָן זיכער אַלעמען ראַטעווען. ער לייקענט ניט פאַר די שיפסלייט, אַז ער אַנטלויפט פון גאָט און אַז צוליעב איהם טרינקט זיך די שיף. פאַרקעהרט, ער בעט זיך אַז מען זאָל איהם אַריינוואַרפען אין וואַסער וועט דער ים זיך שטי־

לען. אויב ער קען זיינס ניט אויספיהרען, וויל ער בעסער שטארבען.

מען ווארפט איהם אריין אין וואסער און ער ווערט איינגעשלונגען פון א פיש. די דריי טעג און נעכט אין די געדערים פונ'ם פיש, האבען זיין עקשנות געבראכען און ער באשליסט שוין צו געהן דערפילען גאט'ס שליחות און שטראפען די מענשען פון ננוה.

ננוה איז געווען א גרויסע שטאדט, דריי טעג גאנג. יונה געהט איבער די גאסען און שרייט: „נאך פערציג טעג און ננוה וועט חרוב ווערען. די מענשען דערשרעקען זיך און זיי טוען תשובה. דאס גאנצע פאלק פון ננוה און אפילו די בהמות פאסטען א לאנגען תענית, און גאט האט אויף זיי רחמנות.

ליידעט דערפון די רעפוטאציע פון יונה'ן. ער וויל נקמה און דערביי אויך דורכפיהרען זיין אייגענע אמביציע פון אן אמת'ן נביא וועמענס ווערטער ווערען תמיד מקוים. יונה געהט מעהר ניט אהיים נאר באזעצט זיך ווייט הינטער־ רען שטאדט. ערגיץ וואו טליעט נאך אין איהם א האפענונג, אז זיין נבואה וועט דאך מקוים ווערען און די שטאדט וועט חרוב ווערען.

גאט שיקט איהם צו א קיקיון, א פלאנצונג אזא, וואס באשיצט איהם פון דער ברענענדיגער זון, צו מארגענס שיקט גאט אונטער א ווערימעל וואס כאפט זיך אריין אין דעם קיקיון און טריקענט איהם אויס. ווען די זון הויבט ווידער אן צו ברענען, לאזט גאט בלאזען א שטארקען מזרח ווינט און יונה פאלט אין חלשות. יונה ווערט פארצווייפעלט און בעט אויף זיך דעם טויט.

זאגט גאט צו יונה'ן: יונה, עס ארט דיך שטארק?

ענטפערט יונה: — עס ארט מיך שטארק ביז צום שטארבען.

זאגט ווידער גאט צו יונה'ן: דיך ארט דער טויט פונם קיקיון, וואס דו האסט ניט געפלאנצט, עס ניט געמאכט וואק־ סען, און וואס איז בלויז א נאכט אלט, טא פארוואס זאל

איך ניט זאָרגען וועגען דער שטאָדט נגוה, וואָס פאַרמאָגט הונדערט און צוואַנציג טויזענט מענשען וועלכע ווייסען ניט פון רעכטס ביז לינקס, און פונקט אַזוי פיעל בהמות.

און אָט אין דעם דאָזיגען ענטפער פון גאָט ליגט עס דער גרויסער מוסר השכל וואָס איז אַזוי נויטיג פאַר יעדען מענשען צו וויסען אינם טאָג פון יום כפור.

די מעשה מיט'ן פיש איז אויך אַ מוסר השכל, וואָס דערצעהלט אַז אַ מענש קען ניט אַנטלויפען פון זיין שיק־זאַל. אָט איז יונה שוין געווען איינגעשלונגען אינם פיש, געווען דאָרטען דריי טעג און נעכט, און דאָך איז ער פון דאָרטען ארויס, ארויס כדי דורכצופיהרען זיין שליחות.

סוכות דער זמן שמחתנו

דער יום טוב פון איינזאמלען די תבואה — דער עולי רגל זיין קיין ירושלים — די היסטארישע באדייטונג —

אין דער תורה ווערט סוכות אנגערופען דער חג האסיף, דער יום טוב פון איינזאמלען די תבואה. ביי די אידען פאר־צייטען איז סוכות געוועזן דער פרייליכסטער יום טוב.

אלע אונזערע ימים טובים זיינען ענג פארבונדען מיט אמאליגע זכרונות, איבערהויפט מיט דעם זכר לציאת מצרים. סוכות איז אין דעם דאזיגען פרט ניט קיין אויסנאהם, אבער קיין אנדער יום טוב איז ניט באצירט מיט זעלכע שעהנע סימבאלען ווי סוכות, און אלע ווייזען זיי אן אויף איין איינ־ציגען אידעאל — די דערהאלטונג און גאנצקייט פון דעם פאלק.

אין דער תורה ווערען אלע דריי גרויסע אידישע ימים טובים: פסח, שבועות און סוכות, מיט זייער נאציאנאלער און אגריקולטורעלער באדייטונג, באטראכט אלס הייליגע טעג. ביי אלע דריי ימים טובים ווערט דער איד אנגעזאגט עולי רגל צו זיין קיין ירושלים, און דאך זיינען ניט אלע גלייך אבגע־היט געווארען.

אין תנ"ך ווערט בלויז דערצעהלט וועגען סוכות, אז דאס פאלק פלעגט זיך פארזאמלען אין ירושלים. ווען שלמה המלך האט באדארפט באנייען דעם בית המקדש האט ער אויסגעקליבען דעם יום טוב סוכות, ווייל דאס פאלק האט זיך דאמאלט סיי ווי פארזאמעלט אין ירושלים. אפילו אין דער מלכות בית ישראל, וואו די מצוות זיינען ניט אזוי שטרענג אבגעהיט געווארען, און די ימים טובים זיינען אפט פארביטען געווארען אויף פרעמדע פייערטעג, איז אלץ דער יום טוב סוכות געוועזן אן אויסנאם. אמת ירבעם בן נבט, וועלכער ווערט באצייכענט אלס רשע, האט באשטימט דעם יום טוב סוכות אויף דעם פופצענטען טאג פון אכטען חודש, דרייסיג טעג שפעטער ווי ער איז געפייערט געווארען אין

יהודה, אבער אין גאנצען אומברענגען דעם יום טוב האָט ער ווי עס ווייזט אויס ניט געקענט.

פארוואס דער יום טוב סוכות איז אין אלע צייטען גע־ ווען מעהר אנגעזעהן, איז לייכט צו פארשטעהן. עס האָט דארין געשפיעלט די הויפּט ראָל, דער נאציאנאליזם און די פּאליטיש־געזעלשאפטליכע באדינגונגען.

עס איז דער יום טוב פון איינזאמלען די תבואות. אזא צייט איז עלול צו שאפען א פּירוד הלבבות, וואס קומט דורך אן אומפארמיידלאכער קנאה צו די וואס האָבען געהאט א גרעסערע גערעטעניש. אזא קנאה קאָן אויך צוזאמענברעכען די גאנצקייט און איינינקייט פון דעם פאלק.

דערפאר האָט עס די תורה אזוי געזארגט פאר דער איינזאמלונג פון דעם גאנצען פאָלק, און פארזאגט אז יעדער איינער זאל עולי רגל זיין קיין ירושלים און דארטען דורך קרבנות און מתנות אבדאנקען פאר זיין חלק אין דער שפע.

ביי אן אגריקולטורעל פאלק ווי די אידען זיינען עס גע־ ווען אין די צייטען פון דעם בית ראשון, האָט סוכות דארי־ בער געמוזט זיין דער גרעסטער פון אלע ימים טובים. עס איז געווען דער אידישער „טהענקסגיווינג דעי", און ערשט נאך דער איינזאמלונג פון אלע תבואות, האָט דער אידישער פּוי־ ער זיך געקענט פארגינען עולי רגל צו זיין קיין ירושלים און דארטען פארברענגען אין פרעהליכקייט מיט זיינע ברידער. עס איז געווען א גרויסע סאציאלע פּאסירונג, און שטארק מיטגעווירקט אין דער צעמענטירונג פון א פאראייניגט און אידייאיש פאלק.

אפילו ירבעם בן נבט האָט איינגעזעהן די דאזיגע וויכ־ טיגע באדייטונג, און ער האָט דאריבער באשטימט די סוכות פייערונג אויף א חודש שפּעטער ווי אין יהודה, כדי דאמיט אבצוציהען די שבטי ישראל פון מלכות בית דוד און בית המקדש אין ירושלים.

אז דער יום טוב סוכות איז ביי די אידען געווען פיעל חשוב'ער פון די אנדערע, באווייזט אויך דער פאקט וואס דער יום טוב ווערט אויך אנגערופען איינפאך חג ה", החג

אדער גאר חג—יום טוב, און מען האָט שוין געוואוסט אז דאס מיינט מען דעם יום טוב סוכות.

די חשיבות פון דעם יום טוב איז אויך פארגרעסערט געווארען דאדורך וואס ער האָט אויך געהאט א נאציאנאל־געזעלשאפטליכע און היסטארישע באדייטונג. אין דער תורה ווערט די סוכה אנגעגעבען אלס דערמאנונג, אז ארויסגעהענדיג פון מצרים און ארייגקומענדיג אין דער מדבר זיינען די אידען געזעסען איןביידלאך. ביי א וואנדער פאלק דינט די סוכה תמיד פאר א הויז, און נאך היינט פיהרען די בעדואי־נער, וועלכע וואנדערען מיט זייערע סטאדעס פון איין ארט צום צווייטען, מיט זיך א סוכה.

די היסטארישע באדייטונג פון דעם יום טוב איז קענטיג אין די צייטען פון בית ראשון ניט געווען איבעריג פאפולער ביים פאלק. פאר זיי איז וויכטיגער געווען די פייערליכקייט פון „חג האָסיף“ איידער דער חג הסוכות. אין נחמיה ח" ווערט דערצעהלט, אז די אידען האָבען ביים צו־ריקקעהר פון בבל געפייערט דעם חג הסוכות וועדליג דער אנווייזונג פון דער תורה, א זאך וואס זיי האָבען ניט געטאָן זינט דער צייט פון יהושע בן נון.

די אידען זיצענדיג אויף זייער אייגענעם באדען און שע־פענדיג מיט דער פולער האנד פון דער ערד'ס שפע און ברכה, האָבען אין די רייד פון דער תורה דערזעהן א פיעל וויכטי־גערע באדייטונג, א באדייטונג וואס האָט פיעל מעהר ווערט אלס די היסטארישע און וועלכע קען א סך שטארקער מיט־העלפען אין דער גאנצקייט פון דעם פאלק.

די תורה, וועמענס צוועק עס איז געווען איינצואָרדענען דעם פאלק אויף א געזונטען יסוד, האָט תמיד באטאנט די שיינקייט פון ערד ארבייט און דארפיש לעבען. דער העכ־סטער גליק פון דעם מענשען ווערט פארגעשטעלט אין האָ־בען „רעגען אין צייט, ווען די ערד וועט געבען איהרע תבואות און די בוימער זייער פרוכט און אידען וועלען זיצען יעדער אונטער זיין וויינשטאק און אונטער זיין פייגענבוים“.

די העכסטע קללות זיינען: „דיין ערד וועט זיין ווי איי־

זען און דיין הימעל — ווי קופער: די ערד וועט ניט געבען איהר פרוכט פאר דיר און ניט קיין גראז פאר דיינע בהמות".

די גרעסטע צאל מצוות אין דער תורה האָבען צו טאן מיט ערד ארבייט. אפילו די בילדליכקייט פון דער תורה איז אויך באזירט אויף ערד ארבייט. ווען די תורה וויל אנזאגען מען זאל ארויסהעלפען דעם שונא אין א נויט, אילוסטרירט זי עס מיט די דאזיגע ווערטער: „ווען דו וועסט דערזעהן דיין שונא'ס אייזעל ליגט אונטער זיין שווערער משא און קען זיך ניט אויפהויבען, זאלסטו דעם שונא העלפען באפרייען דעם אייזעל פון דער משא כדי ער זאל זיך קענען אויפהויבען, און נאָכדעם איהם העלפען צוריק אנלאדען."

און אויף וויפיעל די תורה האָט טייער געהאלטען די ערד ארבייט באווייזט די שווערע שטראף וואס זי האָט ארויפגעלייגט אויף יעדען וואס שיקט זיינע בהמות זיך פאַשען אויף א פרעמד פעלד באוואקסען מיט תבואה. מיטב שדהו ומיטב כרמו ישלם — מיט דעם בעסטען פון זיין פעלד און מיט דעם בעסטען פון זיין וויינגארטען זאל ער דעם שאדען באצאָהלען. די תורה זאגט אויך אָן, אז ווען אידען וועלען געהן אין מלחמה און באלאגערען דעם שונא, זאלען זיי ניט פארניכטען די פרוכטבוימער וואס וואקסען ארום דער שטאָדט.

אין דער פארשטעלונג פון די אידען איז די סוכה געקומען צו באדייטען א פאלק אין זיין גאנצקייט — מיט זיין לאנד, זיין זיכערקייט אויפ'ן באדען און זיין ניט פארפעלשטען גלויבען אין גאט.

דער יום טוב סוכות איז בכלל געווען א מעהר צייטיגער. ער האָט באהארציגט און דערמוטיגט מיט דער גרויסקייט פון דער נאהענטער פארגאנגענהייט און אויך געוועקט מיט האפנונג אין דער צוקונפט, אפילו די תורה האט סוכות באקרוינט מיט א יום טוב פון שמחה און חדוה. אין יעדען אידישען יום טוב האָט מען זיך באדארפט פיהלען פרעהלאך און האפערדיג, אבער אין סוכות מעהר ווי ביי אלע אנדערע.

ושמחת בחגיך — פרעה זיך, אידעלע, מיט דיין יום טוב, אבער סוכות זאל דיין פרייד זיין אן אומבאגרענעצטע. והית אך שמח — זאלסט נאר לוסטיג זיין און — ושמחת לפני ה׳ אלהיך — אין סוכות זאל זיין א דאפעלטע פרייד, און זאלסט זיין פריילאך, לוסטיג, חדוה׳דיג און מונטער.

ביי קיין יום טוב האט די תורה ניט איבערגעחזרט אזוי פיעל מאל דעם באפעהל צו זיין פרעהלאך ווי ביים יום טוב סוכות, און די אידען זיצענדיג אויף זייער אייגענעם באדען האבען טאקע דעם אנזאג געפיהלט און בארעכטיגט. עס איז געווען א געבאט פון דער תורה און א רוף פון דעם לעבען אליין.

פלעגען טאקע אונזער אבות דערפאר זיך ארויסקלייבען פון זייערע הייזער און זיך באזעצען אין סוכות, די שוואכענקעביידלאך, איינגעטינקט אין גרינס און באדעקט מיט צווייגען פון דעם לבנון. פון אלע עקען לאנד פלעגען זיך ציהען קאראוואנען לאנגע, קעמלען און מוילאייזלען, באלאדען מיט כל טוב פון די בעסטע פירות און תבואות. אידען, אלטע און יונגע — אלע פלעגען עולי רגל זיין קיין ירושלים. יעדער איינער האט געשטרעבט אהין צו דעם שטאלץ פון אידישען לאנד און צירונג פון דער אידישער אומה, דארטען וואו דער בית המקדש איז געשטאנען, דער שעהנסטער פון אלע טעמפלען אין דער וועלט.

און אין בית המקדש פלעגט דאמאלט אזוי פרעהלאך זיין. מיט די לולבים און אתרוגים פלעגט מען איבער די גאסען שפאצירען, און די לויים האבען מיט זייערע אינסטרומענטען אלערליי שירים געזונגען. אין בית המקדש האט מען דעם קרבן מקריב געווען און די אידען האבען דערביי געטאנצט, זיך געפרעהט, און די שטאדט איז פול געווען מיט זייערע פריידענס־געשרייען, אז אפילו די פרעמדע זיינען דערפון פארכאפט געווארען און זיך מיטגעפרעהט.

סוכות אין און נאָכ׳ן גלות בבל

די רעליגיעזע פארטיפונג — די גלייכשטעלונג מיט די איבעריגע ימים טובים — דער סימבאליזם — די נאַציאנאלע באדייטונג.

„און זיי האָבען געפונען געשריבען אין דער תורה, וואס גאט האָט פארזאגט דורך משה׳ן, אז די קינדער פון ישראל זאלען זיצען אין סוכות אין דעם יום טוב פון דעם זיבעטען חודש.

„און ווי נאר זיי האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי צו־טראגען א שטים אין אלע זייערע שטעדט און אין ירושלים אזוי צו זאגען: געהט ארויף אויפ׳ן בארג און ברענגט אָליווען בלעטער און פאלמען בלעטער און הדסים און מירטען־בלעטער צו מאכען סוכות אזוי ווי עס שטעהט געשריבען״.

אזוי ווערט דערצעהלט וועגען די צוריקגעקערטע פון גלות בבל, וועלכע האָבען צווישען פיעלע אנדערע זאכען אויך פארלוירען די אריגינעלע אידייע און פארם פון יום טוב סוכות. בלויז זיבעציג יאהר האָט געדויערט דער גלות בבל און שוין איז פארלארען געגאנגען פון אידישען זכרון איינער פון די וויכטיגסטע און פונדאמענטאלסטע אידישע ימים טובים. סוכות האָט פארלארען זיין אגריקולטורעלע באַ־דייטונג, און איז געוואָרען מעהרער א רעליגיעזער יום טוב, א חג הסוכות.

די סיבה איז הפנים א פשוטע: אין גלות האָבען די אי־דען אויפגעגעבען דעם נאטירלאכען לעבענס־שטייגער, און דער חג האָסיף האָט מעהר ניט געקענט ארויסרופען די פרי־הערדיגע פרייליכקייט. דער יום טוב האָט דאריבער גע־קראגען א גאנץ נייע באדייטונג. אויב עס איז שוין מעהר ניט געווען יענע אמאליגע געזונטע פויערישקייט פון פאר׳ן חורבן, איז אבער דאמאלט פארגעקומען א גרויסע פארטיפונג אין דעם רעליגיעזען דענקען און אויפלעבונג פון דעם אי־דישען גייסט.

יחזקאל, וועלכער האָט געלעבט אין ערשטען דור פון חורבן, רופט נאָך אן סוכות אלס יום טוב פון איינזאמלונג, אבער נחמיה, וועלכער האָט געלעבט עטליכע דורות שפע־טער, דערמאנט שוין גארניט וועגען דעם חג האָסיף.

דאָס איז אויך צו זעהן פון זכריה׳ן, דער לעצטער פון די נביאים, וועלכער גיט דעם יום טוב נאָך פיעל העכערע באדייטונג און זאגט נביאות, אז סוכות וועט אמאָל ווערען אן אוניווערסאלער יום טוב אין וועלכען אלע פעלקער פון דער וועלט, וועלען זיך בוקען פאר׳ן אידישען גאט און די פעלקער וואס וועלען עס ניט טאָן וועלען באשטראפט ווערען און אין זייערע לענדער וועט ניט געהן קיין רעגען. (זכריה י״ד).

נאָכ׳ן גלות בבל האָבען די אידען פארשטארקט די רע־ליגיעזע באדייטונג פון דעם יום טוב און אנגעהויבען צו באַ־נוצען דעם לולב מיט דעם אתרוג און די אנדערע מינים אלס דעקאראציע צו דער סוכה. אנהויבענדיג מיט דעם בית שני האָבען די אידען זיך נאָך מעהר דערנעהענטערט צו דער אל־טער טראדיציע און צוריק איינגעפיהרט דעם מנהג צו מאר־שירען אין א פראצעסיע מיט די לולבים אין די הענד. די צדוקים האָבען שפעטער אנגעפיהרט א ביטערען קאמף קעגען דעם מנהג. זיי האָבען דעם באפעהל פון דער תורה „ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר״ אויסגעטייטש, אז עס דארף אויפגעהאנגען ווערען אין דער סוכה.

די גמרא דערצעהלט, אז אלכסנדר ינאי, דער כהן גדול פון דער חשמונאים פאמיליע, איז אין בית המקדש באמבא־דירט געווארען מיט אתרוגים ווען ער האָט נאָך דער יום טוב׳דיגער עבודה ניט געוואלט אויפהויבען די הענד אלס צייכען אז ער האָט דורכגעפיהרט די צערעמאניע שטרענג טראדיציאנעל.

די חכמי התלמוד האָבען זיך פיעל אבגעגעבען מיט דער־קלעהרונגען וואס אזוינס עס איז א סוכה און ווער עס איז מחויב אין איהר צו זיצען. די אלע פירושים אויף דער תורה

און איינפיהרונג פון די דינים האָבען באצוועקט אבצוהיטען די סוכות פייערונג בלויז ווי א רעליגיעזער יום טוב.

שמאי הזקן, דער חבר און בעל פלוגתא פון הלל'ן, האָט געלאזט מאכען א סוכה ארום דעם בעט פון זיין שנור, וועלכע איז געוועזן א קינדבעטארין, כדי דאס נייגעבוירענע קינד זאל מקיים זיין די מצוה פון זיצען אין סוכה.

מיט דעם אנהויב פון דער חשמונאים עפאכע איז סוכות מעהר ניט געוועזן דער הויפט יום טוב ווי אין די צייטען פון דעם ערשטען בית המקדש, נאר איז גלייכגעשטעלט געוואָרען מיט די אנדערע צוויי ימים טובים פסח און שבועות.

קודם כל ווערט דער עצם ענין פון סוכה פילזייטיג באַהאנדעלט און פארשידענע השערות און דערקלעהרונגען ווערען דאריבער געמאכט. איין תנא זאגט, אז די סוכות וואס ווערען דערמאנט אין דער תורה זיינען די ענני ה" כבוד, די וואלקענס וואס גאט האָט אראפגעשיקט אין דער מדבר זיי צו באשיצען פון דער ברענענדיגער זון. רבי עקיבא זאגט, אז „סוכות ממש" — די אידען אין דער מדבר זיינען טאַקע געזעסען איןביידלאך.

די גאר שפעטערדיגע פוסקים בויען אויך זייערע טעמים אויף סימבאליסטישע בנינים און גיבען אן טעאלאגיש־פילאַזאפישע דערקלעהרונגען. עס זיינען אבער אויך פאראן ריין מאראל־פילאזאפישע אינטערפרעטאציעס, און זיי שיינען צו זיין מעהר אריגינעל און צופאסענדיג.

אין זייער פארשטעלונג איז די סוכה געקומען צו באדייטען א פאלק אין זיין גאנצקייט — מיט זיין לאנד, זיכערקייט פון באדען און אומקאמפראמיסליכען גלויבען אין גאט. דאס ווארט סוכה אין העברעאיש באדייט פשוט שוץ, די סוכה דארף שטעהן פעסט אויף זיין באדען ניט הענגען אין דער לופט און דארף קענען באשטעהן קעגען געוויינליכע שטורמווינטען.

א סוכה, זאגט די גמרא, וועלכע האָט מעהר זון ווי שאָטען, איז ניט קיין כשרע, ווייל זי סימבאליזירט ניט דעם באגריף פון געבען שוץ. א סוכה, וועלכע הענגט אין דער לופט אדער שווימט אויפ'ן וואסער, איז אויך ניט קיין כשר'ע

סוכה ווייל זי סימבאליזירט ניט קיין פעסטקייט און שטאנד־האפטיגקייט. א סוכה דארף קענען אויסהאלטען שטורמווינ־טען און דארף געניסען פון זונשיין, אבער זי מוז האָבען מעהר שאָטען אין וועלכען זיך צו שיצען ווען די זון ברענט צו שטארק.

צא מדירת קבע, ושב בדירת עראי, לערענט די גמרא, געה ארויס פון דיין שטענדיגער דירה, און געה אריין אין דער ארימער, צייטווייליגער דירה. א רייכע און שטארק באפעס־טיגטע דירה מיט איהרע פארגעניגענס זיינען ניט קיין איי־ביגקייטען. סוכה שהיא גבוה למעלה מעשרים אמה פסולה, לערענט די גמרא ווייטער, א סוכה וואס איז העכער פון צוואנציג איילען איז פסול. קלעטער ניט, ר׳ איד, צו הויך אפילו ווען די שמש הצלחה, די זון פון גליקזעליגקייט שיינט פאר דיר. אין לעבען דארף אויך זיין שאָטען, און שאָטען איז תמיד מעהר פאראן ווי זון.

אין דער צייט ווען שטורעמס האָבען באדראָט דעם אידישען פאלק, האָבען די חכמי התלמוד באהאנדעלט די דינים פון סוכה און אנגעגעבען איהרע כללים: אזוי לאנג ווי זי שטעהט אויף דער ערד און פאלט ניט כאטש זי וואקעלט זיך, איז זי א כשר׳ע סוכה. א פאלק וואס האלט זיך אויף אונטער גרויסע סכנות, איז נאך אלץ א פאלק.

בסוכות תשבו — אין די סוכות זאלט איהר זיצען — פארטייטשט עס די גמרא: תשבו כעין תדורו — זיצען מיינט וואוינען: עסען אין דער סוכה, שלאָפען אין דער סוכה, און בכלל איהר פארוואנדלען אין אן אמת׳ער וואוינונג.

דער סימבאליזם פון דער סוכה איז — אויסהאלטען אונ־טער די סאמע שווערסטע באדינגונגען. די זון ברענט אדער עס קאפעט א רעגען אדער עס בלאזען גאר קאלטע ווינטען, טאר מען אלץ ניט אנטלויפען פון דער סוכה.

אָט דער דאזיגער סימבאליזם פון דער סוכה ווערט אויסגעדריקט אין דער גמרא און אין מדרש, אפטמאל אויף א גאנץ וואונדערליכען און שעהנעם שטייגער.

ווען די אומות העולם — זאגט דער מדרש — קומען צו

הקדוש ברוך הוא מיט דער טענה פארוואס ער האט דוקא אויסגעקליבען די אידישע אומה זיי צו געבען די תורה, גיט זיי דער אויבערשטער די מצות סוכה אלס א פראבע. ער זאגט צו זיי: איין קליינע מצוה איז פאראן און זי הייסט „סוכה". געהט און זייט מקיים די מצוה.

געהען די אומות העולם אוועק צופרידען מיט דער פראבע און יעדע איינע פון זיי בויט זיך אויף א סוכה און קלייבט זיך אין איהר אריין. פאסירט אבער אז די זון קומט ארויס פון איהר פוטערפאס און הויבט אן אומברחמנות'דיג צו ברענען. קענען עס די סוכה־זיצער ניט פארטראגען און כאפען האק־און־פאק און אנטלויפען. עס פעהלט זיי די אידישע געדולד און ווילינקייט אויסצוהאלטען אלערליי שווערינקייטען און אונבאקוועמליכקייטען.

ר' יצחק אבוהב אין זיין באוואוסטען ספר מנורת המאור דערקלעהרט דעם סימבאליזם אויף א גאנץ אייגענארטיגען אופן:

אין הארבסט ווען דער מענש זאמעלט צונויף זיינע תבואות, ווערט ער ביי זיך אביסעל צו־האפערדיג, הויבט אן צו קוקען אויף זיך ווי אויף א קראפט, א כח וואס קען זיך פארשאפען אלדאס גוטס און דעם חסד פון גאט. דערפאר האט די תורה פארזאגט צו זיצען זיבען טעג אין א סוכה, א שוואך ביידעל, כדי איהם צו באווייזען אז אויך דער מענש איז ניט מעהר ווי א שוואכע באשעפעניש וואס קאן פון קלענסטען ווינט אוועקגעריסען ווערען. דער צוזאמענהאנג מיט יציאת מצרים ווערט בארעכטיגט דאמיט וואס אויך יציאת מצרים באווייזט, אז דער מענש קען זיך ניט פארלאזען אויף די אייגענע כחות. דער דין אז מען זאל צודעקען די סוכה מיט סכך אז מען זאל קענען ארויסזעהן די שטערען איז אויך סימבאליסטיש און גיט אן אנדייטונג אויף די ניצוצות החסדים, די פונקען פון גאט'ס גענאד, וועלכע זיינען געגליכען צו די שטערען אין הימעל.

דער מיסטישער באגריף פון דער סוכה איז, אז א איד דארף ניט טראכטען וועגען דער דירת עראי, די סוכה, ווי

בכלל וועגען דעם צייטוויילינען קורצען לעבען אויף דער וועלט נאר וועגען עולם הבא, די סוכה פון די צדיקים לעתיד לבא וואו מען איז נהנה מזיו השכינה. רבי יוחנן זאגט טאקע אין דער גמרא, אז לעתיד לבא וועט הקדוש ברוך הוא מאכען פאר די אידען א סוכה פון דער פעל פון דעם לויתן, וואס מיינט א זיכערע און שטארקע סוכה.

איינע פון די תפילות וואס מיר זאגען סוכות איז באזירט אויף דעם נאציאנאלען סימבאל, אז דאס אידישע לאנד וועט ווידער אמאל אויפגעבויט ווערען און פארבלייבען אייביג און שטארק, אין עמוס ווערט דערמאנט וועגען דער סוכת דוד הנופלת און מיר בעטען דאריבער ביי גאט אז ער זאל ווידער אויפריכטען די סוכה פון דוד, וועלכע האלט אין איין פאלען.

די ארבעה מינים

דער ארויסטייטש פון פסוק — די נאציאנאל־געזעל־שאפטליכע באדייטונג — די פיעלע קאבאליסטי־שע רמזים — דער שאָקלען מיט'ן לולב און די אנ־דייטונגען.

אין דער תורה ווערט אנגעזאגט: „ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפות תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל — איהר זאלט אייך נעהמען דעם ערשטען טאג סוכות א פרי וואס וואקסט אויף א שעהנעם בוים, בלעטער פון טייטעל־בוימער, א צווייג פון א דיק־געפלאכטענעם בוים און ריטלאך וואס וואקסען ביים וואסער.

די דאזיגע ווערטער זיינען אויסגעטייטשט געווארען צו מיינען, אז מען זאל זיך נעהמען אן אתרוג, א לולב, א הדס און אן ערבה. די שווערינקייט איז געווען וועגען אתרוג, ווייל די תורה האָט דייטלאך דארויף ניט אנגעוויזען. די גמרא האָט זיך אבער ליידיט אן עצה געגעבען און געדרשנ'ט, אז פרי עץ הדר מיינט: פרי שדר על האלון משנה לשנה, א פרי וואס וואוינט אויפ'ן בוים עטם גאנצען יאהר. דאס איז א שפיל־ווארט אזא, חדר מיט א קמץ אונטער'ן „ה" און „ד" מיינט שיין, און הדר מיט א פתח אונטער „ה" מיינט: וואס וואוינט.

די זעלבע פיר מינים זיינען באנוצט געווארען נאך ביים ערשטען בית המקדש, און דער מדרש דערצעהלט אפילו אז אברהם אבינו האָט זיך שוין מיט זיי באנוצט און געפייערט דעם יום טוב מיט א סוכה און קרבנות.

אז אזוי ווי דער יום טוב איז אין תוך געווען אן אגרי־קולטורעלער, זיינען די אידען אנגעזאגט געווארען צו פייערען מיט אן אתרוג, וואס איז די שעהנסטע פרי פון לאנד, און מיט'ן לולב, הדס און ערבה, וואס זיינען אויך פון די שענסטע צווייגען. אלץ איז קאנטיג נעטאן געווארען צו פארשעהנערען די פראצעסיע און צו זיין א סימבאל פון פרעהליכען חג האָסיף.

ארום די פיער מינים זיינען געשאפען געווארען אין א צאל סודות און רמזים, וואס געפינען זיך צעווארפען אין מדרש און קבלה ספרים. די רמזים זיינען פון פארשידענער באדייטונג, אבער אמשטארקסטען איז דער נאציאנאל־געזעל־שאפטליכער רמז מיט וועלכען די מגידים און רבנים באנוצען זיך אין זייערע דרשות.

דער מדרש זאגט, אז די פיער מינים זיינען אנטקעגען די פיער קלאסען אידען. דער אתרוג האט א טעם און א ריח און איז געגליכען צום קלאס אידען וואס באזיצט אי תורה און אי מעשים טובים. דער לולב איז א צווייג פון א טייטעל־בוים, און א טייטעל האט בלויז א טעם אבער ניט קיין ריח, און איז דאריבער געגליכען צו דעם קלאס אידען וואס פאר־מאגט תורה, קאן א סך לערנען, אבער האט ניט קיין מעשים טובים. דער הדס האט א ריח, שמעקט זעהר גוט, אבער האט קיין טעם ניט, און איז געגליכען צו דעם קלאס אידען וואס פארמאגט מעשים טובים אבער האבען ניט קיין תורה. די ערבה, די הושענא, האט ניט קיין טעם און ניט קיין ריח, און איז געגליכען צום קלאס אידען וואס האט ניט קיין תורה און ניט קיין מעשים טובים. טא וואס קען דער אויבערשטער טוען מיט אזעלכע מינים אידען? זאגט ער דאריבער אן, אז מען זאל אט די אלע פיער מינים צונויפבינדען אין איין בונד, וועלען זיי מכפר זיין איינער אויפ׳ן אנדערען.

אין דעם דאזיגען שעהנעם געדאנק איז איינגעוויקעלט די נאציאנאל־געזעלשאפטליכע גאנצקייט פון דעם אידישען פאלק. מען דארף צונויפבינדען די פיער מינים צוזאמען און איבער זיי מאכען א ברכה, ווייל אין דער צונויפגעבונדענ־קייט, אין דער אחדות, ווערט קיינמאל ניט זיין קיין מזל ברכה.

דער זעלבער געדאנק נאר אביסעל אויף אן אנדער אופן ווערט אויך אויסגעדריקט אין דער גמרא: דער לולב און דער אתרוג קומען פון בוימער, וועלכע גיבען פון זיך ארויס פירות. דער הדס און די ערבה זיינען פון בוימער וואס גיבען ניט קיין פירות. די ערשטע צוויי זיינען געגליכען צו תלמידי חכמים, און די לעצטע צוויי צו פשוטע בעלי בתים, און די

תורה האָט דערביי מרמז געווען אַז ביידע עלעמענטען זיי־נען שטאַרק נויטיג און קענען ניט עקזיסטירען איינע אָן די אַנדערע.

רב אבין זאָגט: די ארבעה מינים זיינען גלייך צו אַ משפט ביי וועלכען פילע מענשען זיינען פאַראינטערעסירט אין׳ם אויסגאַנג. קוקט מען אויף די צוויי בעלי דין און מען זעהט: דער וואָס קומט ארויס פון בית דין אַ פרעהליכער איז דער געווינער, און דער וואָס קומט ארויס פאַראומערט איז דער פאַרשפּילטער. אַזוי קומען אין סוכות די אידען מיט די גויים צום משפט פאַר גאָט. ווייסען מיר ניט ווער פון די צוויי צדדים עס איז דער געווינער און מיר קוקען זיך דאַריבער איין אין די פנים׳ער פון די צוויי צו זעהען אַ סימן פון פרייליכקייט. גייען די אידען ארויס מיט די שיינע פיר מינים אין די הענד, פרייליכע און לוסטיגע וואָס זיי האָבען מקיים געווען אַ מצוה און זיך געהאַלטען אין אחדות, ווייסען מיר אַז זיי זיינען די זיגער.

אַן אַנדערער פון די חכמים האָט געגעבען אַזאַ דערקלע־רונג: דער אתרוג איז געגליכען צו די סנהדרי גדולה; דער לולב, דער כפות תמרים איז געגליכען צו די תלמידי חכמים, און אַזוי ווי „כפות" מיינט אויך „בויגען", אַזוי בויגען זיך די תלמידי חכמים צו די איבריגע פונ׳ם פאָלק, וועלכע זיינען געגליכען צו די הדסים און ערבות.

די אַלע רמזים ווייזען אָן אויף דער נויטיגקייט פון אחדות און גאַנצקייט אינ׳ם פאָלק ישראל. אחוץ זיי זיינען אָבער אויך פאַראַן מאָראַליש־רעליגיעזע רמזים:

אין ספר החנוך ווערט געזאָגט: די פיר מינים זיינען געגליכען צו די איברים פונ׳ם מענשליכען קערפּער. דער אתרוג איז געגליכען צום האַרצען; דער לולב איז געגליכען צו דער הויט השדרה; דער הדס — צו די אויגען, און די ערבה איז געגליכען צו די ליפּען, און אַלע צוזאַמען באַווייזען אַז מען דאַרף דינען דעם בורא מיט דעם גאַנצען קערפּער און ניט פאַרפיהרט ווערען דורך די אויגען און די ליפּען, וואָס פיהרען תמיד דעם מענשען אַראָפּ פונ׳ם דרך הישר.

אין אן אנדער אָרט ווערט דערקלערט, אז דער אתרוג איז געגליכען צום הארץ און דאריבער בענשט מען איבער איהם, כדי דאָס זאָל מכפר זיין אויף די עבירות וואָס מען איז מהרהר מיט דעם הארץ. א הדס און אן ערבה זיינען געגלי־כען צו די אויגען און ליפּען כדי מכפּר צו זיין אויף די עבירות וואָס מען טוט מיט די דאָזיגע איברים, און דער לולב האָט בלויז איין הארץ פון וועלכען אלע זיינע בלעטער שפּראָצען ארויס, און אזוי האָבען די אידען נאָר איין הארץ פאר'ן רבונו של עולם'ס וועגען.

אויך אין דער צערעמאָניע פון שאָקלען דעם לולב און אתרוג, זיינען ארייננעוועבט געוואָרען פילע סודות און רמזים. דעם לולב שאָקעלט מען מיט'ן פּנים צו מזרח און מען מאכט דריי הלכות און הבאות, דריי מאָל אהין און צוריק געווענדט צו אלע פיר זייטען פון דער וועלט, מזרח, מערב צפון און דרום, און מעלה און מטה (מנחות דף ס"א). אין וועלכען סדר מען זאָל שאָקלען זאָגט ניט די גמרא. דער מהרי"ל האָט זיך גע־ווענדעט צו מזרח, דרום, מערב, צפון, מעלה און מטה. אין אנדערע חסידישע קהלות איז מען זיך נוהג צו ענדערען דעם סדר, אָנהייבענדיג מיט מעלה און מטה.

די נענועים מאכט מען נאָכ'ן בענשען אתרוג און אויך ביים זאָגען הלל די פּסוקים הדו לה' און אנא לה' הושיעה נא. ווערליג ר' יוחנן שאָקעלט מען דעם לולב אין אלע פיער זייטען צו דאנקען גאָט פאר באשאפען די פיער ווינקלען פון דער וועלט, וועלכע געהערען אלע צו איהם. מען שאָקעלט דעם לולב ארויף און אראָפּ צו באווייזען אז די הימלען מיט דער ערד, אויבען און אונטען, געהערען צו גאָט.

די גמרא (סוכה ל"ז) זאָגט אויך, אז מען שאָקעלט דעם לולב אין אלע פיר זייטען אלס א סגולה אָפּצוהאלטען די שלעכטע ווינטען, און אויבען און ארונטער כדי אָפּצוהאלטען די שלעכטע טומאנען און נעבלען זיי זאָלען ניט שעדיגען די תבואות.

דער אבודרהם זאָגט, אז מען שאָקעלט כדי זיך אָנצור־בייזערען אויף דעם שטן און דערפאר טאקע טוט מען עס

ביי אנא ה׳ הושיעה נא כדי דער אויבערשטער זאָל רחמנות האָבען און אונז העלפען געגען די מזיקים און שדים.

דער מדרש דערקלערט אז דערפאר שאָקעלט מען מיט דעם לולב, ווייל בעת גאָט האָט ארויסגעפיהרט די אידען פון מצרים האָבען זיך די בערג געשאָקעלט און אזוי וועט עס זיין אויך לעתיד לבא ווען משיח וועט קומען.

מען שאָקעלט ניט דעם לולב ביים זאגען אנא ה׳ הצליחה נא, ווייל עס איז איין פסוק מיט אנא ה׳ הושיעה נא, און מען שאָקעלט ניט קיין צוויי מאָל ביי איין פסוק. מען מאכט די נענועים ביי הודו לה׳ כי טוב, ווייל עס שטעהט אז ירננו כל עצי יער, און אזוי ווי סוכות גייען מיר ארויס ריין פון דעם משפט פאר גאָט זינגען מיר מיט הודו, וואס איז א לויבגע־זאנג.

נאָך א צערמאָניאל וואָס האָט צו טאָן הויפּטזעכליך מיט קבלה און מיסטיציזם, איז דער אושפיזין, דער מנהג אויפצו־נעמען אָנגעזעהענע געסט אין דער סוכה. דער וואָרט „אוש־פיזין" איז אן אראמעאישער און מיינט טאקע: געסט.

איינגעפיהרט דעם מנהג האָט דער אר"י הקדוש, דער בעל מקובל ר׳ יצחק לוריא, און ער האָט עס באזירט אויף אן אָנדייטונג אין זהר. ער האָט באפוילען איינצולאדען אין סוכה זיבען אָרימע תלמידים חכמים און זיי זאָלען רעפּרעזענ־טירען די זיבען פירער פון אידישען פאָלק: אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד המלך.

אין זהר ווערט געזאָגט: „ווען עמיצער זיצט אין סוכה, שפּרייט די שכינה פאנאנדער איהרע פליגלען און אברהם אבינו און נאָך פינף צדיקים מיט דוד המלך קומען אין דער סוכה און זיצען דאָרטען מיט דער שכינה". דארויף האָט דער אר"י צוגעגעבען, אז יעדער איד מוז איינלאדען צו זיך אין סוכה זיבען תלמידי חכמים כדי די אומזעבארע געסט זאָלען זיך פרייען מיט דער מצוה פון הכנסת אורחים.

פיערטער קאפיטעל

קהלת

דער עפילאָג פון דער טרילאָגיע — די אידישע און גריכישע וועלט־אנשויאונג — די פילאָזאָפישע שיטה — די מחלוקה וועגן פארפאסער.

דער מנהג צו זאגען אדער לייענען קהלת שבת חול המועד סוכות, איז ניט קיין גאנץ אלטער. אין מחזור ויטרי פון רבנו שמחה בר' שמואל, רשי'ס א תלמיד מובהק, ווערט צום ערש־טען מאל דערמאנט וועגען דעם דאזיגען מנהג, און דעם בע־סטען טעם דארויף גיט דער מגן אברהם. סוכות, זאגט דער מגן אברהם, איז דער חג האסיף, דער יום טוב פון איינזאמלונג און זמן שמחתנו — די צייט פון פרייד און צופרידענהייט, לייענט מען דאריבער קהלת כדי דער מענש זאל ניט פאר־שכור'ט ווערען פון דער עשירות און פרייד נאָר זאל זיך פאר־טראכטען איבער דעם מהות פון'ם מענשליכען לעבען, איבער דער עטיק און פילאזאפיע, און דערזעהען דעם פועל יוצא פון זיין לעבען אויף דער זינדיגער ערד.

וואס לערענט אונז קהלת ?

קודם כל מוז מען אונטערשטרייכען, אז אין קהלת ווערט ארויסגעבראכט איינע פון די גרעסטע און טיעפסטע פילא־זאָפישע שיטות. זי איז געשריבען אין א לייכטער און פאלקס־טימליכער פאָרם, און שפרודעלט מיט אן אונגעהויער שטאר־קער קראפט און גרויסע צאָל בליציגע געדאנקען.

יעדער זאץ און יעדער אויסדרוק איז דורכגעדרונגען מיט טיעפען ערענסט, מיט ביטערער לעבענס־דערפארונג, מיט דעם סוד היצירה, וואס ליגט אינ'ם עצם פון מענשענ'ס לעבען.

קהלת איז טראדיציאנעל דער עפילאג פון דער גרויסער אומשטערבליכער טרילאָגיע פון שלמה המלך, וועלכע בא־שטייט פון משלי, שיר השירים און קהלת. משלי איז א מין טראקטאט פון קינדער דערציהונג און מענשליכען לעבענס־

שטיינגער, א זאמלונג פון מוסר, פאָלקס־לערע און פסיכאָלאָגיע. שיר השירים איז איינע פון די שטאַרקסטע ווערק אויפ'ן געביט פון ראָמאַנטיק און העכסטער באַגייסטערונג, וואָס שלאָגט מיט ליעבע און לעבען, מיט אפּטימיזם און ווירקליכקייט, מיט פּלאַסטיק און קונסט. קהלת, דאַגעגען, איז א קוואַל פון טיפסטען פּעסימיזם, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצען קאָמפּלעקס פון לעבענס כּללים, וועלכע ענדערען זיך קיינמאָל ניט און וועלען זיך ניט ענדערען עד סוף כל היקום.

„הבל הבלים — ס'איז אלץ נאַרישקייט. אויב דו ביזט הונגעריג און יאַגסט זיך נאָך רייכטימער, כּבוד און גאוה, געדענק, אַז דער לעצטער רעזולטאַט פון אלע באַמיהונגען איז: הבל הבלים — נאַרישקייט".

„אויב דו אַרבייטסט פאַר דיין נאָכפאָלגער, פאַר דיין יורש, צו ווייסטו וואָס ער וועט מיט דיין פּראַצע טאָן? און קוקסטו בכלל אריין אינ'ם סוף, דערזעהסטו, אַז עס איז גאָר קיין חילוק ניט צווישען מענש און בהמה, מקרה אחד להם!"

קהלת איז דער רוי־שטאָף מיט וועלכען עס האָבען זיך באַנוצט די גרעסטע דענקער און פילאָזאָפען פון דער וועלט. די אמת'ן פון קהלת, וועלכע זיינען אייגענטליך די אמת'ע גרונד געזעצען פון לעבען, זיינען געוועזען די גרויסע לייוועגטע אויף וועלכע עס האָבען דורות לאַנג געוועבט און געשאַפען אזעלכע גרויסע גייסטער און דענקער ווי שאָפּענהויער, קאַנט, ניטשע, שפּינאָזאַ, העגעל און אַנדערע.

קהלת איז געוועזען דער קוואַל פון אינספּיראַציע, וועלכער האָט באַוויזען טויזענדער טרוימער, סאָציאָלאָגען, פּעדאַגאָגען און שריפטשטעלער צו פאַרטראַכטען זיך ערנסטער איבער דעם מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש, וואָס עס פאַרבלייבט דעם מענשען פון זיין גאַנצער אַרבייט און מיהונג.

נאַטירליך, איז יעדע פילאָזאָפישע שיטה זעהר אן אייגעלע מאַטעריע, וועלכע מוז טויזענדער מאָל געלייטערט ווערען אויב זי וויל זיך ניט אנשטויסען אן סתירות, און דאָס טרעפען מיר טאַקע אויך אין קהלת אזוי גוט ווי ביי אַנדערע

שפּעטערדיגע פילאָזאָפען. אזוי קען מען לייכט אָנווייזען אויף דעם דואַליזם אין קהלת, באַזונדערס אין באַצוג צו פרויען. אין איין ארט זאָגט קהלת: „ומוצא אני מר ממות את האשה", אָדער „אחת מאלף לא מצאתי" — איך האָב געפונען די פרוי צו זיין ביטערער פון'ם טויט, צווישען טויזענדער פרויען האָב איך איינע קיין גוטע ניט געפונען. אין א צווייטען ארט אבער זאָגט ער שוין — ווארשיינליך צוליב דעם וואס קיין אנדער אויסוועג איז גאר ניט פאראן און דאס לעבען פאָדערט דאס זייניגע — ראה חיים עם אשה אשר אהבת, לעב גליקליך און צופרידען מיט דער פרוי וואס דו האסט ליב.

ווער איז עס דער קלוגער, פארצווייפעלטער און פילאזאָ־פישער קהלת?

ווי קהלת אַליין דערצעהלט אין סאמע אנהויב, איז ער דער זון פון דוד דער מלך פון ירושלים, און אזוי ווי צווישען דוד'ס קינדער האט זיך ניט געפונען אזא נאָמען, איז ביי אלע־מען אנגענומען געווארען אז קהלת איז ניט קיין אנדערע ווי שלמה המלך.

ווערליג דער זעלבער טראַדיציע, האט שלמה געשריבען דעם שיר השירים ווען ער איז נאָך געווען יונג, זאָרגלאָז און לוסטיג; ווען דער געראַטענער, קלוגער און צוקונפטיגער מלך ישראל האָט נאָך באטראכט די וועלט מיט ראָזעווע שפּאקולען און געזעהען דעם רייץ פון נאַטור און פרויען. אין יענע יאה־רען, זאָל עס הייסען, האט ער אין פלאמענדיגע און אונפאר־גלייכבארע מליצות באזונגען די שיינקייט פון פרויען און באַ־שאפען דאָס בעסטע אין אלע ליטעראַטורען, דאס ליד פון אלע לידער — דעם שיר השירים.

ווען שלמה איז געקומען אין די מיטעלע יאהרען, אין די יאהרען פון ארבעים לבינה, און אָנגעהויבען צו פּרעדיגען מוסר און זאגען משלים. דאָ, אין זיין ספר משלי, פארגעסט ער זיך שוין אן זיין באַצויבערענדיגער שולמית און עצה'ט יעדען איינעם ניט מיטגעריסען צו ווערען פון פרויען שיינקייט. שקר החן והבל היופי — שיינקייט איז גארניט ווערט און רייץ איז בלויז נארישקייט.

עס גייען אוועק נאָך יאָהרען, דער קלוגער מלך טרעט אריין אין דער עלטער, פאלט ער אריין אין טיעפען פעסימיזם און הויבט אָן זיין קהלת מיט ביטול היש און אפשטאמונג פון אלץ און עלעמען. אלץ האט ער שוין דורכגעמאכט, אלץ איבערגעלעבט, געגאָסען פון יעדען פארגעניגען, זיך ארומגערינגעלט מיט טויזענד פון די שעהנסטע פרויען, מיט אהן א צאהל קנעכט און באדינער, מיט די טייערסטע פאלאצען, מיט א סך כבוד און באריהמטקייט און צום סוף דערזעהען אז אלץ איז ניט מעהר ווי הבל הבלים. אין כל חדש תחת השמש — עס איז ניטא קיין נייע זאך אונטער דער זון, און אלץ איז גאר ניט ווערטה.

קהלת מאלט די עלטער מיט די שווארצעסטע פארבען די זון, לבנה און שטערען ווערען אויסגעלאשען; די פיס און די הענד ווערען אפגענומען; די ציינער ווערען פארדאָרבען; דער אפעטיט פארשווינדט; די אויגען מאכען זיך צו — אלץ ווערט בטל ומבוטל ביז וואנען דער גוף קערט זיך צוריק צו דער ערד און דער גייסט, די נשמה, גייט ארויף אין הימעל.

אזוינס זאגט ער אויך וועגען תענוגי עולם הזה. איז דען געוועזען איינער, זאגט ער, וואס זאל אזוי פיעל געניסען פון לעבען? גאָלד, זילבער, איידעלשטיינער, שאַף, רינדער, פאלאצען און העלפאנדביין, גן עדן־גערטנער, און וואס נאָר א מויל קען ארויסריידען — אלץ האָט ער געהאט, אבער וואס קומט דען פון דעם אלעמען ארויס? נאָך א ביסעל וויין, נאָך מעהר אוצרות, נאָך א גוטען טאָג. דאס לעבען שעפט זיך אבער אויס, דער סוף דערנעהענטערט זיך, טא פאר וועמען האָט ער עס אלץ אנגעזאמעלט? — הבל הבלים, ס'איז אלץ נאַרישקייט!

בעסער גיי באזוכען אן אבל, עצה'ט ער, איידער די הייזער וואו מען פראוועט הוליאנקעס, פארוואָס? ווייל דארטען, ביים אבל, וועט דער מענש קענען א טראכט טאָן וועגען זיין אייגענעם סוף.

„זאל יעדער איינער תמיד טראגען ווייסע, ציכטיגע קליידער און די האָר באשמירט מיט גוטען בוימאויל, דאָס בחור'ל

זאל פריילאך זיין — אבער זאלסט בשעת מעשה ניט פארגע־סען אן גאָט, ווייל דו וועסט פאר איהם דארפען אפּגעבען א חשבון".

זאגט די גמרא (שבת דף ל׳ עמוד ב׳), אז די חכמים האָ־בען געוואלט באהאלטען דעם ספר קהלת דערפאר וואס זיינע רייד זיינען סותר איינע די אנדערע, נאר פארוואָס האָבען זיי עס ניט געטאהן? ווייל קהלת הויבט זיך אָן און פארענדיגט זיך מיט דברי תורה, אז מען זאל מורה האָבען פאר גאט און אָבהיטען אלע זיינע מצוות וואס איז דער עיקר פון׳ם מענ־שענ׳ם לעבען.

גאָר א סך פון די ביבעל קריטיקער און היסטאָריקער גלויבען, אז קהלת איז פארפאסט געווארען אין דריטען יאהר־הונדערט פאר דער איצטיגער צייטרעכנונג, אן עפּאָכע וואס איז געלעגען שטארק אונטערען איינפלוס פון עפיקור׳ס גרי־כישער פילאָזאָפיע מיט איהר שיטה פון גענוס און לע־בענס ־ פרייד.

די אידישע קולטור האָט זיך שוין דאמאָלסט געהאט צו־זאמענגעשטויסען מיט דער גריכישער קולטור. און דער אי־דישער דיכטער האָט זיך קאנטיג געראנגעלט צווישען די צוויי אנטקעגענגעזעצטע וועלט אנשויאונגען, די אידישע און די גריכישע. געזיגט האָט, נאטירליך, די אידישע וועלט אנשוי־אונג, וואס איז ניט גוט צו דער מיינונג אז דער העכסטער זין אינ׳ם לעבען זיינען די עולם הזה׳דיגע פארגעניגענס. אויב קהלת זאגט יא אמאָל „שמח בחור בילדותיך", איז עס אפשר בלויז אוים פארצווייפלונג און גייסטיגען צער.

דער אידישער היסטאריקער גרעץ גלויבט גאר, אז קהלת איז פשוט א סאטירע אויפ׳ן בלוטדורשטיגען טיראן, קעניג הורדוס, וועלכער האָט סוף כל סוף דאָך געהאט חרטה אויף אלע זיינע חטאים. דער דיכטער האט אודאי מורא געהאט ארוים־צוטרעטען אפען נעגען זיין קעניג, האט ער די סאטירע פאר־מאסקירט און פארדרייט און בלויז איבערגעלאזען די שארפע מוסר רייד.

אייזיק הירש ווייס אין זיין דור דור ודורשיו ווייזט אבער

אָן, אז שוין דער תנא שמעון בן שטח וועלכער האט געלעבט בערך פופציג יאהר איידער הורדוס, האָט שוין ציטירט א סך אויסדריקען פון קהלת.

כאראקטעריסטיש איז וואס קהלת אליין ווארענט ניט צו שרייבען קיין סך ספרים. די גמרא דערציילט אויך, אז הרבה נביאים עמדו להם לישראל — אידען האבען געהאט א סך נביאים, מעהר נאָך ווי די צאהל ארויסגעגאנגענע פון מצרים, און אלע האבען זיי געלאזען שריפטען און כתבים, אבער פאר־באהאלטען האט מען בלויז די וואס האבען געהאט א ווערטה פאר דור דורות.

קהלת איז ארייגענומען געווארען אין די כתבי קודש און געווארען א טייל פון דער ביבעל, בלויז דערפאר וואס עס איז א געניאל ווערק און געהערט צו אלע פעלקער און צו אלע צייטען. ווער עס זאל ניט זיין דער פארפאסער, באווייזט עס אלץ אז אין ארץ ישראל האָט אמאָל געבליהט א הויך אנטוויקעלטע ליטעראטור און אז קהלת האָט אודאי געהאט א צו־זאמענשטוים מיט אסך אנדערע אזעלכע ווערק אין יענער צייט.

פינפטער קאפיטעל

חול המועד און די לעצטע טעג יום טוב

שמחת בית השואבה — הושענה רבה — שמיני עצרת — שמחת תורה

נאָך די ערשטע צוויי טעג סוכות הויבען זיך אן די פיער וואכענדיגע טעג, דער חול המועד, וואס איז האלב וואָך און האלב יום טוב. בלויז צוויי ימים טובים, פסח און סוכות, האבען א חול המועד, און ביידע מאל זייענן די חול המועד טעג היבשליך יום טוב'דיג און די הויפט מצוות ווערען שטרענג אפגעהיט. חול המועד פסח מוז מען עסען מצה, און חול המועד סוכות מוז מען עסען אין סוכה און בענשען אתרוג.

די רבנישע ליטעראטור באציהט זיך שטרענג צום חול המועד און פאדערט א מעהר יום טוב'דיגען אינהאלט. אודאי זיינען וועגען דעם פאראן אנטקעגענגעזעצטע מיינונגען. דאָך האָבען די רבנן איינשטימיג פארבאָטען גאר א סך זאכען, מעהרער נאָך ווי ראש חודש, חנוכה און פורים. חסידים לייגען נימ קיין תפילין חול המועד, ווייל זיי היטען זיך אויס צו טאָן געוויסע מלאכות און באטראכטען די טעג ווי יום טוב'־דיגע. ווייבער היטען זיך אויס נימ צו וואשען און נימ צו נייען. מען היט זיך אויך אויס נימ צו שרייבען חול המועד, און טאָמער דארף מען יא שרייבען טוט מען עס מיט א שינוי, אבי צו ווייזען אז דער טאג איז אנדערש ווי אלע אנדערע וואָ־כעדיגע טעג.

די גרעסטע שמחה אין בית המקדש פלעגט פארקומען דעם אווענט פון'ם צווייטען טאג סוכות. דאס איז געווען דער צערעמאָניאל פון שמחת בית השואבה, דאָס גיסען וואסער אויף דעם מזבח. דאמאָלט פלעגען פארקומען אזעלכע פייער־ליכקייטען, אז אפילו איצט מוזען זיי נאך ארויסרופען באַ־גייסטערונג.

שמחת ביז השואבה איז געווען דער לעצטער אויסגוס

פון דעם זמן שמחתנו. און די גמרא זאגט וועגן דעם צע־רעמאָניאָל, אז „כל מי שלא ראה שמחת בית השובאה, לא ראה שמחה מימיו — ווער עס האט ניט געזעהן די שמחה פון בית השואבה, האָט קיין שמחה אין לעבען ניט געזעהן".

מוצאי דעם ערשטען יום טוב פלעגען די כהנים און לויים געהן אין עזרת נשים, אין דער ווייבערישער אבטיילונג, און פלעגען דאָרטען מאכען הכנות צום יום טוב. זיי פלעגען צו־שטעלען ברעטער־עטאזשען צו די ווענט פון דער עזרה כדי צו מאַכען אָרט פאר די פיעלע מענשען, וואס פלעגען אהין אָנ־קומען. אין דער עזרה זיינען געווען גאָלדענע מנורות, אויף יעדער רעהר פון מנורה איז געווען א גאָלדענע שויפעל, א בע־קען אזאַ, און יעדער איינער האט געהאט פיער גאָלדענע לייד־טערס. פיער יונגע בחורים פון דער משפחת הכהנים האָבען גענומען קריגלאך, וואס יעדע איינע פון זיי האט אנטהאַל־טען הונדערט און צוואנציג קוואָרט בוימאויל און דערמיט ארויפגעקלעטערט אויף די לייטערס און געגאָסען דעם בוימ־אויל יעדער אין זיין בעקען אריין. (סוכה ה׳).

די אויסגעהאפטענע קליידער און די אלטע גאַרטלען האט מען צוריסען, געמאכט פון זיי קנויטען און זיי אנגעצונדען. אין שטאָדט איז דערפון געווען אזוי ליכטיג, אז עס איז ניט געווען קיין איינציגער הויף אין ירושלים וואס האט ניט גע־לויכטען אזוי שטארק אז א פרוי זאל קענען זיצען ביי זיך אין דער היים און איבערקלייבען ווייץ, (תוספות שם).

די מנורות זיינען געווען פופציג איילען הויך, און דער בארג אויף וועלכען דער בית המקדש איז געשטאַנען איז אויך געווען אזוי הויך. די מזרח וואנד וואס איז געשטאַנען צום סוף פון דער עזרת נשים איז געווען נידעריגער פון די מנורות, און דאָס ליכט האָט זיך דאריבער געקענט זעהען איבער׳ן גאנ־צען שטאָדט.

די גדולי הדור, די אמת׳ע חסידים און אנשי־מעשה, האָ־בען גענומען געפלאכטענע ליכט און אלערליי שטורקאצען און פאקעלען אין זייערע הענט און דערמיט געטאנצט פאר׳ן פאָלק. דערביי האָבען זיי באוויזען אלערליי קונצען, געוואָרפען די

שטורקאַצען אין דער לופטען און זיי צוריקגעכאפּט מיט די הוילע הענט. רבן שמעון בן גמליאל פלעגט זיך מעהר ווי אלע אנדערע פרעהען מיט דער שמחה בית השואבה און פון גרויס באגייסטערונג פלעגט ער נעמען אכט שטורקאַצען מיט אמאל און זיי ווארפען איין שטורקאַץ און כאפּען דעם אנדערען, און זיי פלעגען איינער דעם אנדערען ניט אנרירען. בשעת ער פלעגט פאלען כורעים, פלעגט ער אריינשטעקען די גראָבע פינ־גער פון די הענט אין דער ערד, זיך צובויגען און קושען דעם דיל, און פלעגט זיך נאכדעם אליין צוריק אויפשטעלען. (סוכה נג').

הלל הזקן פלעגט ביי דער שמחה אזוי זאגען: — אם אני כאן, הכל כאן — אויב איך בין דאָ, איז אלץ דאָ פאראן, און אויב איך בין דאָ ניטא, טא ווער איז דא? געמיינט האָט ער, אז יעדער יחיד האָט אן אייגענע חשיבות. אן אנדער אויס־טייטש איז: אויב איך בין דאָ, איז אויך גאָט דאָ, ווייל די צאל פון הלל באטרעפט די צאל פון'ם וואָרט אדני־גאט צו דעם אָרט וואו מיינע פיס פיהרען מיך, צו דעם אָרט שטרעב איך. און הקדוש ברוך הוא זאגט אויך: אויב דו וועסט קומען אין מיין הויז, וועל איך קומען אין דיין הויז און דיך בענטשן. (שם).

די לויים מיט פידלען, הארפעס, פייפלען און גיטארעס פלעגען ארויפשטייגען אויף די פופצעהן טרעפ וואס האבען געפיהרט פון דער עזרת ישראל צו דער עזרת נשים, וועלכע זיינען געגען די פופצעהן שיר המעלות'ן פון תהילים, און דאָרטען זינגען און שפּילען.ביים אויבערשטען טויער וואס פיהרט פון דער עזרת ישראל צו דער עזרת נשים זיינען גע־שטאנען צוויי כהנים מיט צוויי טראָמפּייטען אין די הענד. און אזוי ווי זיי האבען נאר דערהערט דעם האָן קרייען, האָ־בען זיי געבלאָזען תקיעה, תרועה אלס סימן צו געהן צום טייך שילוח אנצושעפּטען וואסער צום גיסען. קומענדיג צו דער צענ־טער טרעפּ האָבען זיי ווידער געבלאָזען תקיעה תרועה, תרועה תקיעה, און אז זיי זיינען געקומען צום באָדען פון דער עזרת נשים האבען זיי ווידער געבלאָזען די תקיעות, און אזוי ווידער ביז זיי זיינען אנגעקומען צום מזרח־טויער.

אנקומענדיג אהין האבען זיי אויסגעדרעהט זייער רוקען פון מזרח צו מעריב, אנטקעגען היכל, און געזאגט: „אונזערע עלטערען פלעגען זיך בוקען צו מזרח זייט וואו די זון געהט אויף און מיר וועלען אונזערע אויגען צו איהם, צום רבונו של עולם, אז זיי פלעגען זיך שוין פאנאנדערגעהן, פלעגען זיי זיך איינס דאָס אנדערע בענשען מיט דעם פסוק יברכך ה׳ מציון (סוכה פ׳ ה׳).

די גדולי הדור פלעגען זאגען: „וואויל איז אונזער יוגענד, וואס זי האָט ניט פארשעמט אונזער עלטער". די בעלי תשובה פלעגען זאגען: „וואויל איז אונזער עלטער, וואס האט מכפר געווען אויף אונזער יוגענד". און אלע צוזאמען פלעגען זאָגען: „וואויל דעם וואס האָט ניט געזינדיגט, און ווער עס האט געזינדיגט דעם וועט גאט מוחל זיין".

ר׳ יהושע בן חנניה האָט געזאגט: בשעת מיר פלעגען זיך פרעהען אין שמחת בית השואבה, האָבען מיר ניט געפילט קיין שלאָף. די ערשטע שעה פלעגען מיר פארברענגען מיט׳ן קרבן תמיד של שחר. נאָכדעם פלעגט מען דאוונען. פון דארטען פלעגט מען געהן פראווען דעם קרבן מוסף. באלד נאכדעם פלעגט מען דאווענען מוסף און אזוי זיך אביסעל פארברייינגען אין בית המקדש. אויך אביסעל אונטערלעגען דאס הארץ מיט גוטע מאכלים און משקאות. שפעטער האט מען געדאווענט מנחה און באלד נאָכדעם איז געקומען דער קרבן תמיד בין הערבים, און ערשט נאכדעם האט זיך אנגעהויבען די שמחה בית השואבה, וואס האט געדויערט די גאנצע נאכט. (ירושלמי).

שעהן איז געווען דער יום טוב און גרויס איז געווען די שמחה. די איינוואוינער פון ירושלים פלעגען אפילו ארומ־בינדען דעם לולב מיט גאלדענע פעדים, און אין די זיבען טעג סוכות האָט מען מקריב געווען זיבעציג קרבנות נעגען די זי־בעציג פעלקער פון דער וועלט. אז עס איז געקומען דער אכטער טאג, האָט דער הייליגער, ברוך הוא, געזאגט צו ישראל: „איך וויים, קינדער מיינע, אז די גאנצע זיבען טעג זענט איהר געווען פארנומען מיט די קרבנות, אבער איצט לאמיר זיך צו־זאמען משמח זיין.

די הויפט צערעמאניע איז באשטאנען אין דעם שעפען א קריגעלע וואסער פון טייכעל שילו, און דאס גיסען אויפ'ן מזבח צוזאמען מיט דעם נסך היין. עס שיינט אז דער טיפס־טער סימבאָליזם, די סאמע העכסטע כוונות, זיינען צוגעגע־בען געווארען צו דעם דאָזיגען אקט.

ווי אזוי עס איז געקומען דערצו, אז מען זאל צוגעבען אזא גרויסע באדייטונג צו אזא איינפאכען ריטואל ווי אויסגיסען א קריגעלע וואסער אויפ'ן מזבח, איז שווער צו זאגען, ווייל דאס ווערט אין ערגעץ ניט דערקלערט, מערקען זיך, אנשטוי־סען זיך, לאזט זיך זעהר פיעל.

וואסער! די זאפט פון דער מוטער־ערד! ווי וואלט עס מעגליך געווען צו לעבען אלס אן אגריקולטור־פאלק אין א לאנד ווי ארץ ישראל אן דער גרויסער מתנה פון גאט — וואסער!

דער מדרש און די ספרי קבלה גיבען נאטירליך אן פילע טעמים און כוונות. הייסען הייסט עס „שואבה" — דערק־לעהרט דער מדרש — ווייל פון דארט האט מען „געשעפט" רוח הקודש, ווארום די שכינה קען רוהען נאר דורך שמחה, ווען יונה הנביא האָט עולי רגל געווען קיין ירושלים און איז גע־קומען צו דער שמחה בית השואבה, האָט אויף איהם אָנגעהוי־בען רוהען די שכינה.

שמחת בית השואבה איז א גרויסע מצוה, זאגט אין אן אנדער ארט דער מדרש, ווייל זי שטאמט נאך אזש פון ששת ימי בראשית.

אין דער תורה שטעהט בפירוש אז מען זאל גיסען אויפ'ן מזבח וויין און ניט קיין וואסער, אבער די חכמים האבען עס געהאט בקבלה אז מען זאל דוקא גיסען וואסער כדי אידען זא־לען דורך דער מצוה געבענשט ווערען מיט רעגען.

דער זיבעטער טאג סוכות, וועלכער איז דער לעצטער טאָג פון חול המועד, ווערט אנגערופען הושענא רבה דערפאר וואס אין דעם דאָזיגען טאג זאגט מען די גאנצע הושענות אנשטאט בלויז איינצעלנע קאפיטלעך ווי אין די אנדערע טעג. אין דעם דאזיגען טאג געהט מען מיט לולבים און אתרוגים אין די הענט

אין הקפות ארום דער בימה פון שוהל, ווייל אויך אינ׳ם בית המקדש פלעגט מען גיין הקפות זיבען מאל.

שוין אין דער גמרא ווערט דערמאנט הושענא רבא, און די ריטלעך, די ערבות, ווערען דארטען אנגערופען מיט׳ן נאמען הושענות. אין ירושלמי ווערט אויך גערעדט וועגען דעם מנהג אפצוקלאפען די הושענות ווי א הלכה למשה מסני, אזוינס האט שוין געלעבט אין פאלק פון לאנג אן. ווי ווייט דער מנהג האט טאקי געלעבט אינ׳ם פאלק, איז צו זעהען פון דעם וואס אין דער גמרא גייט אן א מחלוקה צי מען מעג „שלאגען הושענות" אויב הושענה רבא געפאלט אום שבת. לויט דעם דאמאלסדיגען לוח האט עס טאקע געקאנט פאסירען, אבער איצטער קען הושענא רבה ניט אויספאלען שבת. די וואס האבען געהאלטען אז „קלאפען הושענות" איז א הלכה למשה מסני, האבען מתיר געווען.

דער מדרש רופט דעם טאג אן „יום הושענא" און זאגט דערביי, אז ערשט אין יענעם טאג גיט גאט ארוים דעם ענדגילטיגען פסק דין און פאר׳חתמעט דעם שיקזאל פון יעדען מענשען באזונדער.

דער רעיון אז הושענא רבה איז דער יום דין, ווערט אנגעדייט אין תלמוד ירושלמי, מסכת ראש השנה פרק ד׳ עמוד א׳, וואו עס ווערט גע׳דרשנ׳ט אויפ׳ן פסוק „ואותי יום יום ידרושון", אז דאס מיינט מען „תקיעת וערבה", אז דער משפט פון יעדען מענשען הויבט זיך אן ראש השנה, אין טאג פון די תקיעות און ענדיגט זיך הושענא רבה, אינ׳ם טאג ווען מען שלאגט די הושענות.

חסידים און אנהענגער פון דער קבלה האלטען שטארק פון דער הייליגקייט פון דאזיגען טאג. ווייל דער זוהר זאגט בפירוש אז דער זיבעטער טאג פון סוכות איז א יום הדין. די ספרי חסידים גייען נאך ווייטער און זאגען אז הושענא רבה ביינאכט גיט דער אויבערשטער ארויס יעדען איינעם באזונדער זיין „קוויטעל", און יענע נאכט איז באזונדערס מסוגל פאר אן עהרליכען אידען זיך אויסצובעטען אלדאס גוטס. דערפאר, קאנטיג, נעממ זיך עס די פאלקס־לעגענדע, אז צוועלף אזוי־

נער ביינאכט שפּאלט זיך דער הימעל, און וואס א מענש רעדט דאמאלס ארויס ווערט עס מקויים.

פרומע אידען זיינען אויף די גאנצע נאכט און זאגען תיקון, וואס באשטייט על פי רוב פון קאפּיטלעך תהילים און חומש.

עס איז אויך פאראן א גלויבען, אז ווער עס זעהט ניט אין יענער נאכט זיין אייגענעם שאָטען אנטקעגען דער לבנה, איז כמעט זיכער צו שטארבען דורכ'ן יאהר. אן אנצוהערע־ניש דאראויף געפינט זיך אין דער גמרא, וואו עס ווערט גע־זאגט, אז מען דארף עס אויספּרובירען אין די עשרת ימי תשובה, אין די טעג צווישען ראש השנה און יום כפּור. די ספרי חסידים זאגען אבער, אז מען דארף תשובה טאן פון ראש חודש אלול אן ביז דעם טאָג פון הושענא רבה, ווייל מען קען נאך ביז דאמאלט פועל זיין צוצורייסען דעם בייזען גזר.

דער דאָזיגער אבערגלויבען איז זיכער ניט קיין אידישער. דאָך ווילען אנדערע זאגען אז ער האָט זיך געשאפען דורך א שלעכטען טייטש אין זהר. ריידענדיג וועגען דעם יום הדין פון הושענא רבה, זאגט דער זהר אז יעדער איינער וואס וואָרט מיט זיין תשובה און חרטה איז „כדין צלמין אתעברו מנה ולא משתכחין עמה" — איז ווי דער „צלמין" גייט פון איהם אוועק און מען קאָן איהם מעהר ניט געפינען. אט דעם דאָזיגען וואָרט „צלמין" האָט מען גרייזיג געטייטשט „שאָ־טענס" און „יטעם כסא דמותא" — ער וועט פארזוכען דעם כוס פון "טויט.

דעם אכטען טאָג סוכות פייערען מיר דעם יום טוב שמיני עצרת. ווייל אין דער תורה שטייט: „ביום השמיני עצרת תהיה לכם — דער אכטער טאג זאל פאר אייך זיין א טאָג פון פארזאמלונג".

שמיני עצרת איז אייגענטליך א צוגעגעבענער טאג, און ווי דער מדרש פארטייטשט עס מיינט עס: עצרת—לכם, בלויז פאר אייך אליין. סוכות האָבען מיר שוין בית המקדש מקריב געווען קרבנות פאר'ן שלום פון אלע זיבעציג פעלקער, האט

גאָט צוגעגעבען נאָך איין טאָג יום טוב אין וועלכען מיר זאָלען מקריב זיין אַ קרבן בלויז פאַר זיך.

סוכות איז דער סימבאָל פון אונזער גלות-לעבען, שוואך און וואקעלדיג ווי די סוכה; אַלע ווינטען און רעגענס דרינגען אין איהר אריין און איהר שאָטען איז מעהר ווי דער זונען שיין; כאָטש מיר זיינען פאר די אנדערע פעלקער מקריב זיבעציג קרבנות און בעטען פאר זייער פרידען, האבען זיי אונז אַלע פיינט און טוען אונז אָן רשעות און נגישות.

שמיני עצרת אבער איז דער סימבאָל פון אונזער האָפענונג. אין דעם דאָזיגען טאג גייען מיר ארויס פון אונזערע וואקעלדיגע און שוואכע סוכות און באזעצען זיך ווידער אין אונזערע פעסט געבויטע הייזער.

שמיני עצרת איז אויך דער סימבאָל פון אידישער צענטראַליזאציע, פון נאציאנאַלער איינגיקייט, ארגאניזאציע און זוידמונג פון אונזערע פראָדוקטיווע כחות פאר אונזער אייגענער טובה וועגען.

דער מדרש דערקלעהרט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער זאגענדיג: ביום השמיני עצרת תהיה לכם זה שאמר הכתוב: תחת אהבתי ישטמוני. ישראל מקריב לפניך ע׳ פרים עליהם והיו צריכים לאהוב והם תחת אהבתי ישטמוני. לפיכך אמר להם הקב״ה עכשיו הקריבו על עצמכם, ביום השמיני עצרת תהיה לכם.

דער געדאנקליכער איבערזעץ איז אזוי: אידען באקלאָגען זיך למאי ניט אידען האבען זיי פיינט ניט אכטענדיג זייער ליעבע און זייער מקריב זיין קרבנות פון זייערטוועגען דעם גאַנצען יום טוב סוכות. דער ענטפער פון גאָט איז: אָט קומט שמיני עצרת און אין דעם טאג זאלט איהר בעטען און מקריב זיין בלויז פאַר זיך אליין.

אמאָל, ווען ישראל איז נאך געווען אין זיין אייגען לאנד, איז שמיני עצרת געווען א טאג פון גרויס וויכטיגקייט און באַדייטונג. נאָכדעם ווי ער איז פארטיג געווארען מיט דעם זיצען אין דער סוכה, וואס האָט איהם דערמאנט אן זיינע אַמאָליגע ליידען און וואנדער-לעבען, האט ער מיט גרויס פיי-

ערליכקייט געפּראַוועט דעם שמיני עצרת, דער יום טוב וואס האָט איהם דערמאָנט אַן זיין ווערען אַ נאָרמאַל, פּאַראיי־ניגט פאָלק.

אפילו איצט האָט נאָך שמיני עצרת אביסעל אייגענע פייערליכקייט. אין דעם דאָזיגען טאג „בענשט" מען גשם, וואס דערמאנט אַן דער ערענסטקייט און הייליגקייט פון די ימים נוראים. דער חזן גייט אין אַ ווייסען קיטעל און זאגט די מוסף'דיגע שמונה עשרה מיט אַ ניגון וואס קלינגט מיט פעלד, געזאנג און נאַטור.

אין דער תפילה פון „גשם" בעטען מיר גאָט אויף רעגענס, ווי אַמאָל די אידען אין ארץ ישראל. עס ווערען אין דער תפילה אריינגעבראכט די היסטאָרישע מאָטיווען ביי וועלכע דאָס פאלק איז געפּרואווט געוואָרען מיט וואסער. „געדענק, רבונו של עולם", זינגט דער חזן, „דעם זכות פון אברהמ'ען, וועלכער האט זיך געצויגען נאָך דיר ווי וואסער; אין דעם זכות פון יצחק, וועלכער איז געבוירען געוואָרען מיט דער בשורה פון די מלאכים וועמען אברהם האָט געגעבען טרינקען וואַסער; געדענק דעם זכות פון יעקב, ווען ער איז מיט זיין שטעקען אריבער דעם וואסער פון'ם ירדן; דעם זכות פון משה, ווען פרעה האט איהם ארויסגעצויגען פון וואסער" און אַזוי גייט דאָס געבעט ווייטער אויסרעכענדיג יעדען פאל וואס האָט צו טאַן מיט וואסער.

די תפילה ווי דער ניגון מיט דער גאַנצער יום טוב'דיג־קייט פון שמיני עצרת האָט צו טאַן מיט האָפענונג, פרייד, וואַלד און פעלד, מיט געזונט, לעבען און נאַטור.

דער קלימאַקס פון דער סוכות'דיגער פרייליכקייט איז אינ'ם לעצטען טאג, אין טאג אין וועלכען מען פאַרענדיגט לייענען די תורה. די גמרא רופט דעם טאג אַן דער צווייטער טאָג פון שמיני עצרת. (מגילה לא' א').

דער נאָמען שמחת תורה איז אין די צייטען פון'ם תלמוד נאָך ניט געווען באַקאַנט. אין די צייטען פון די גאונים איז דער דאָזיגער טאג שוין געווען פון אונגעהויער פרייליכקייט. אָבער דער נאמען שמחת תורה איז נאך אַלץ ניט געווען באַ־

קאַנט. ערשט ארום דעם פערצענטען יאהר הונדערט איז איינגעפיהרט געווארען, אז אין דעם טאג איז דאריבער גע־ווארען א טאָג פון פרייען זיך מיט דער תורה. מען האט דאמאָלס צום ערשטען מאָל איינגעטיילט די תורה אין פרשות און אויסגעארבייט א סיסטעם פון דורכלייענען די תורה אי־בערן יאהר, איהר פארענדיגען און אָנהויבען אינ׳ם טאָג פון שמחת תורה.

אויך שמחת תורה ווערט צוגעשריבען צו אברהם אבינו, אז שוין ער האט אפגעהיט דעם יום טוב מיט אלע דינים און מנהגים.

שמחת תורה ווערט געפייערט דעם צווייטען טאג פון דעם יום טוב שני של גליות, דעם סאמע לעצטען טאָג פון סוכות. די חכמים האָבען צוליעב דער אונזיכערקייט פון׳ם לוח איינגע־פיהרט אז יעדער יום טוב זאָל געפייערט ווערען צוויי טעג אנשטאָט איינעם ווי עס שטייט אין דער תורה. אזוי ווערט פסח געפייערט אכט טעג אנשטאט זיבען, שבועות — צוויי טעג אשטאט איינעם, ראש השנה — צוויי אנשטאט איין טאג און סוכות האט א צוגעגעבענעם טאג סיי צום אנהויב און סיי צום יום טוב שני, שמיני עצרת.

די פארוואנדלונג פון׳ם לעצטען טאָג סוכות אין א שמחת תורה, איז איינע פון די כאראקטעריסטישע סימנים פון דער גייסטיגער מלוכה, וואס דער איד האט זיך אויפגע־בויט אין גלות. נאכדעם ווי דער בית המקדש איז חרוב גע־וואָרען און דאס פאָלק איז ווידער אוועק וואנדערען אין גלות, איז די תורה געווארען דער פעלז און פעסטונג פון׳ם אידי־שען לעבען.

דער איד האָט זיך ניט אונטערגעגעבען דער טרויעריגער שטימונג פון חורבן, און זיך געשאפען א טאג פון פרייהען זיך מיט זיין גייסטיגען אוצר. דער שמחת תורה האָט אינ׳ם אידען דערוועקט זיין שטאָלץ, האבענדיג דעם קלארען באַ־וואוסטזיין אז ער איז דער איינציגער, וואס האט א רעכט זיך צו פרייהען מיט דער תורה, דעם ספר הספרים, ניט אומ־זיסט פארענדיגט זיך די תורה מיט „לעיני כל ישראל“ — א

תורה פאר אלע אידען, א פאלקס־תורה, א תורה וואס האט צו טאן מיט דעם גאנצען כלל.

קיין פאלק האט ניט אזא יום טוב: דער קריסט מאכט זיך קיינמאל ניט פרייליך מיט זיין נייעם טעסטאמענט; דער מאכמעדאנער טאנצט ניט מיט זיין קאראן אויפ'ן גאס.

שמחת תורה איז ניט קיין ביבלישער יום טוב, ער איז א שאפונג פון'ם גלות איד צו סימבאליזירען דעם המשך פון אידישען לעבען. אין די ביבלישע צייטען האט מען וועגען דעם יום טוב גארניט געוואוסט, און אפילו אין דער גמרא ווערט דער נאמען ניט דערמאנט.

די סמבאליק פון שמחת תורה ענדיגט זיך ניט מיט זיין טיף נאציאנאל־רעליגיעזען כאראקטער. דער אקט פון סיום התורה און התחלה התורה שטעלען אויך מיט זיך פאר גרויסע און זיגרייכע סימבאלען. די תורה הויבט זיך אן מיט מעשה בראשית, וואס איז אויף דעם היינטיגען טאג דער ערשטער רעליגיעז־פילאזאפיש־דיכטערישער פארזוך צו געבען אן ענטפער אויף דער פראגע פון דעם אנהויב פון אלע זאכען, פון לעבען, פון דערשיינונגען, פון מענשען, פון מאטעריע און פון גייסט. די מעשה בראשית איז דער ערשטער קאפיטעל פון אונזער נאציאנאל־ליטעראטור און אויך דער גרעסטער. די מעשה בראשית איז דער ערשטער קאפיטעל פון אידענטום און הויבט זיך אן ניט מיט דער שאפונג פון מענשען, ניט מיט דער שאפונג פון א פאלק אדער א שבט נאר מיט דער שאפונג פון א וועלט, פון א קאסמאס.

דאס אידישע אויג האט צום ערשטען דערזעהן די גאנצע וועלט. די גאנצע בריאה, אלצדינג וואס פילט אוים דעם אונענדליכען רוים און נאכדעם אנטוויקעלט זיך מדרגה'ווייז און צווישען דעם ערשטען און לעצטען קאפיטעל פון דער תורה ווערט באשריבען אין ווערטער פון דערהויבענער דערהאבענקייט די געשיכטע און צוקונפט פון'ם אידישען פאלק, אלע גרויסע סימבאלען פון לעבען, אלע מעגליכקייטען פון שיקזאל, אלע עליות און ירידות.

די נאציאנאלע סימבאָליק פון'ם לעצטען קאפיטעל אין דער תורה איז אין ריטם מיט דער קאסמישער סימבאָליק פון דעם ערשטען קאפיטעל. וויפיל טיפקייט, וויפיל זין, וויפיל טיפע טראגיק ליגט ניט אין דער געשיכטע פון משה'ס טויט?

שמחת תורה איז זעהר א פריילינכער טאג אינ'ם אידישען לעבען. ארים און רייך איז זיך אין יענעם טאג משמח, און אפילו די קינדער ווערען אויך אריינגענומען אין קאָן. יעדער איד ווערט אויפגערופען צו דער תורה, און לסוף נעהמט מען צונויף אלע קינדער אין שול, מען דעקט זיי איבער מיט א טלית און אלע צוזאמען מאכען א ברכה איבער דער תורה.

דעם אווענד פריהער און אין דער פריה ביים דאוונען גייט מען מיט הקפות. מען האלט די ספר תורות אין די הענד און מען רינגעלט ארום די בימה. דערביי האלטען קינדער פענער מיט אנגעצונדענע ליכטלעך אין דער הויך, און דער עולם זינגט און טאנצט.

די פיער וויכטיגע שבתים

שבת הגדול — שבת חזון — שבת נחמו — שבת שובה

דעם שבת וואָס פאַר פסח רופט מען: שבת הגדול — דער גרויסער שבת, אייגענטליך איז יעדער שבת צווישען פורים און פסח א וויכטיגער און אויסגעצייכענטער מיר האָבען דאמאָלט די פיער שבתים: זכור, פרה, שקלים און חודש. אין וועלכע די הפטורה ווערט געענדערט פונ׳ם שבת׳דיגען ענין. אויך איז פאַראן א ספּעציעלער יוצר און פיוט צו זאָגען אין יענע שבתים. דאָך האָבען זיך די דאָזיגע פיר שבתים וויניג וואָס אָנגעזעהן אינ׳ם אידישען לעבען, לכל הפחות ניט אזוי ווי דער שבת הגדול.

אינ׳ם היימישען אידישען לעבען איז דער שבת הגדול געווען פון גאָר גרויסער וויכטיגקייט. קודם כל איז ער געווען דער לעצטער אָנזאָג פונ׳ם אָנקומענדיגען גרויסען פריי־הייטס יום טוב, פסח, צו וועלכען מען האָט זיך געגרייט מיט באזונדערער אנשטרענגונג.

עס איז געווען דער שבת האביב, דער שבת פון פריה־לינג אין וועלכען דאָס היימישע שטעדטעלע האָט אָנגענומען א יום טוב׳דיגען קאליר און כאראקטער. מען האָט דעם דאָזיגען שבת געשטעלט גאָר א גרויסען און פעטען קוגעל, און מען האָט שוין געזאָגט די גרעסטע העלפט פון דער הגדה לפסח.

דער טעם פארוואָס מען זאָגט שבת הגדול די הגדה, איז כדי זיך אָנצוהויבען איינגעוואוינען מיט דער עברי און ספור. צוליב דעם זעלבען טעם זאָגט מען די הגדה בלויז ביז „לכפר על כל עונותינו", ווייל דער איבעריגער טייל פון דער הגדה באשטייט הויפּטזעכליך פון קאפּיטלעך תהילים, וועלכע זייגען אויך א טייל פון די תפילות מיט וואָס מען איז גוט באַקאַנט און מען דאַרף זיך ניט איינאיבען אין דער עברי.

דער שטאָדט־רב, וועלכער האָט בטבע זעלטען ווען געהאַלטען א דרשה אין שול, האָט שבת הגדול געזאָגט א גרוי־

מען פלפול מיט לומדות און חריפות וועגען דער באדייטונג פון פסח און זיינע מנהגים. קינד און קייט איז געקומען שבת הגדול אן שול הערען דעם רב'ס דרשה, און באהויבט געווארען מיט נייער פרייד און האפענונג.

דער טור־אורח חיים סימן ת"ל דערקלעהרט די גרויס־קייט פונ'ם שבת דאמיט, וואס אינ'ם דאזיגען שבת איז קודם יציאת מצרים געשעהן א גרויסער נס. דער קרבן פסח, וואס די יוצאי מצרים האבען וועדליק גאט'ס פארזאג באדארפט מקריב זיין, איז באשטאנען פון א שעפסעלע און האט גע־זאלט צוגעגרייט ווערען נאך מבעשור לחודש, דעם צענטען טאג אין ניסן, וואס איז יענעם יאהר פונקט אויסגעפאלען שבת פאר פסח. די אידען האבען דאמאלס דאס שעפסעלע צוגעבונדען צום בעט און עס געהאלטען גרייט פאר א קרבן. דער שעפס איז אבער געווען שטארק פארהייליגט ביי די מצריים און האבען צו דעם געדיענט ווי צו א גאט. די גע־פאהר איז געווען, אז די מצריים זאלען אזא פארשוועכונג פון זייער גרעסטער הייליגקייט ניט פארשווייגען. איז אבער געשעהן א גרויסער נס, און די מצריים האבען קיין יכולת ניט געהאט די אידען קיין שלעכטס צו טאן.

אנדערע ספרים גיבען אן דעם טעם דערמיט, וואס שבת הגדול איז געווען דער ערשטער שבת אין וועלכען אידען האָ־בען זיך אנגעהויבען צו באשעפטיגען מיט מצוות און דינען צום איינציגען גאט, און דערפאר רופען מיר איהם „שבת הגדול". אגב, הייסט ער ניט „שבת רבא" ווי הושענה רבא. ווייל אין דער הפטורה געפינט זיך דער פסוק: פין לפני בא יום ד' „הגדול" והנורא. די הפטורה ווערט דא־כואלט געלייענט אויך צוליעב דעם פסוק „הנני שולח לכם את אליהו הנביא — איך וועל צו אייך שיקען אליהו הנביא" וועלכער וועט אייך ברענגען די גאולה.

דער שבת פאר תשעה באב הייסט „שבת חזון — דער שבת פון זעאונג". דער דאזיגער שבת איז דער לעצטער אין די דריי וואכען פון טרויער אויפ'ן חורבן בית המקדש. מען רופט איהם שבת חזון הויפטזעכליך דערפאר וואס די הפטורה

וועלכע מען לייענט יענעם שבת אין שול הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: חזון ישעיהו בן אמוץ", דער ערשטער קאַפּי־טעל פון'ם נביא ישעיה.

די הפטורה אנטהאַלט אַ סך שטראָף־רייד דאַרויף וואָס די אידען האָבען אָפּגעקעהרט פון גאָט'ס וועגען און געוואָ־רען פאַרדאָרבען. דער נביא שטראָפט מיט פיל צער און צאָרן, און וואַרנט זיי קעגען דעם אויסגאַנג פון אַזאַ שלעכטער פיהרונג. דער חורבן ווערט דאָרט פּאַקטיש פאַראויסגע־זאָגט אין אַלע זיינע שרעקענס־קאָלרען.

אין דער טרויעריג געשטימטער דריקונג אין וועלכער דער פרומער איד געפינט זיך אין די דריי וואָכען, איז די דאָזיגע הפטורה פּאַסיג אַריינגעפּאַסט. די הפטורה ווערט געלייענט מיט'ן ניגון פון דער מגילת איכה, אַ טרויעריג מע־לאַנכאָלישער ניגון וואָס העלפט שטאַרקער אַרויפליינען די מרה שחורה אויף אַלעמענס געזיכטער.

דערפאַר אָבער איז דער צווייטער שבת, דער שבת נאָך תשעה באב, שוין אַ טרייסטענדיגער און אַ פריילינער. דעם אידען איז איינגענטליך פרעמד טרויער און פאַרצווייפלונג; דער איד מוז תמיד האָבען בטחון און האָפענונג. ישעיהו הנביא האָט בלויז געשטראָפט, געזאָגט מוסר כדי צו ווערען בעסער און זיך אומקערען אין גאָט'ס דרכים, אָבער דער זעל־בער נביא האָט אויך געטרייסט, געלינדערט דעם גרויסען ווייטאָג און נבואה געזאָגט אויף אַ גרויסער און ליכטיגער צוקונפט, אַז עתיד אין וועלכען די אידען וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות און געניסען פון גאָט'ס חסד.

דער ערשטער שבת תיכף נאָך תשעה באב הייסט: שבת נחמו, דער שבת פון טרייסט. דעם איינענאַרטיגען נאָ־מען האָט דער שבת געקראָגען צוליב דעם וואָס די הפטורה פון יענעם שבת הויבט זיך מיט די ווערטער „נחמו, נחמו עמי — טרייסט זיך, זיי געטרייסט מיין פאָלק", וואָס איז דער פערציגסטער קאַפּיטעל פון ישעיהו הנביא. די דאָזיגע הפטורה איז בלויז דער אָנהויב פון אַ רייהע הפטורות, זיבען אין צאָהל, וואָס ווערען געלייענט פון שבת נחמו ביז ראש

השנה, אָנהאלטענדיג די טרייסט ווערטער און האָפענונגספולע פארשפּרעכונגען פון גאָט דורך זיינע נביאים. אגב, רופט זיך דער גאנצער חודש אב „מנחם־אב — דער טרייסטענדיגער אב". עס איז אויך דא אן אנדייטונג אין מדרש אז מנחם איז דער נאָמען פון משיח. דאָס דאָזיגע איז אפשר אין איינקלאנג מיט דער גמרא, אז אין טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז אויך משיח געבוירען געוואָרען.

אינ'ם היימישען שטעדטעל האָט טאקע דער שבת נחמו אריינגעבראכט אמת'ען טרייסט, און אינ'ם טרויעריגען געמיט האָט אריינגעשטראָמט אביסעלע פרייד. דער גאנצער ליכטיגער זומער איז כמעט געווען איין לאנגע קייט פון אבילות. פריהער די זיבען וואָכען פון ספירה און דערנאָך די דריי וואָכען פון טרויער, האָבען ניט דערלאָזען קיין פרייליכקייט. אידען האָבען ניט געטאָרט פראווען קיין שמחות, ניט געטאָרט הערען קיין מוזיק, ניט אריינציהען זיך אין א נייער וואוינונג, און א חוץ שבת און יום טוב האָט מען אפילו קיין נייעם בגד ניט געטאָרט אָנטאָן. איז טאקע דעריבער דער שבת נחמו געווען א שטיקעל דערלייכטערונג, און אינ'ם שטעדטעלע האָט מען זיך אנגעהויבן צו גרייטען אויף חתונות, תנאים און אנדערע אידישע שמחות.

נאָך דעם שרעקליכען קאטאסטראפאלען בעל מקונן ירמיהו הנביא, וועלכער רעגט די נערוועו מיט זיינע איכה'דיגע שרעקענס בילדער ווי „טובים היו חללי הרב מחללי רעב — עס וואָלט די אידען בעסער געווען צו פאלען פון דער שווערד איידער אויסגיין פון הונגער" אָדער „ידי נשים רחמניות בשלו ילדיה — די הענט פון בארעמהערציגע פרויען האָבען אליין געקאָכט זייערע קינדער". נאָך די אלע קלאָגלידער איז דער נחמו, נחמו עמי אוודאי א דערפרישונג און דערלייזונג.

דערמיט וואָס מען האָט דעם אידען געהייסען גלייך נאָך תשעה באב לייענען די טרייסט ווערטער פון ישעיהו, ווערט קלאָהר און בולט אויסגעדריקט די אידישע וועלט אנשויאונג

און לעבענס פילאזאפיע. באלד נאכ'ן טרויער מוז קומען די טרייסט, אפילו נאכ'ן סאמע שווערסטען טויט קלאפ ווי דער פארלירען א לאנד און מלוכה, טאר דער איד אלץ ניט פאר־צווייפלען.

אפטימיזם איז דער אידישער לייכט־טורם, וואס פיהרט איהם דורך דעם שווערען לעבענס וועג. מיט דעם דאזיגען אפטימיזם געהט דער איד א גייסטיג דערהויבענער דורך יע־דען פינסטערען גלות און זאמעלט אן די גרויסע כחות ביי־צושטעהן די פילע רדיפות און אונמענשליכע באהאנדלונגען.

דאס דאזיגע איז די הויפט באדייטונג פונ'ם שבת נחמו. מען האט דעם אידען ניט געלאזען לאנג פארבלייבען אין אבילות. באלד נאך תשעה באב הערט ער די האפנונגספולע טרייסט ווערטער פון ישעיהו בן אמוץ: „נחמו, נחמו עמי. יאמר אלהיכם — טרייסט זיך, טרייסט זיך מיין פאלק, זאגט אייער גאט". נאך די קינות קומען די נחמות. נאך פינסטער־גיש קומט ליכט.

דעם שבת צווישען ראש השנה און יום כפור רופט מען: שבת שובה. מען רופט איהם אזוי, ווייל די הפטורה וואס מען לייענט יענעם שבת אין שול הויבט זיך אן מיט די ווער־טער „שובה ישראל — קעהר זיך צוריק, ישראל (הושע י"ד).

דער דאזיגער שבת איז זעהר ערנסטער, און דער רב האלט פאר מנחה א גרויסע מוסר־רעדע אין וועלכער ער וועקט דעם אידען תשובה צו טאהן איידער זיין גזר ווערט פאר'־חת'מעט. דער גרויסער עולם רופט טאקע „שבת תשובה" אויפ'ן ארט פון „שבת שובה". איז עס ניט זיכער צי עס איז א גרייז מצד דעם ברייטען עולם. גיכער איז דער פאר־גרייזטער נאמען מיט א כונה, כדי זיך בעסער און שטארקער צו דערמאנען אן דעם גרויסען חוב תשובה צו טאן.

ווערליק דער קבלה און חסידיש ספרים, איז יעדער איינציגער שבת מסוגל אויף תשובה, אבער דער דאזיגער שבת איז דאך דער סאמע וויכטיגסטער און הייליגסטער.

תשובה איז אייגענטליך א ריין פערזענליכער, אינדיווי־דועלער באגריף, און דאריבער זיינען אין דער אידישער גע־

שיכטע אנטשטאנען פארשידענע אויסטייטשונגען און באַ־גריפען. יעדער דור האָט עס אנדערש אויפגעפאסט. די קאַ־באליסטען און מוסר׳ניקעס אויף זייער שטייגער, און די חסידים — אויף אן אנדערען.

ווערליג א טייל מוסר ספרים דארף דער חוזר בתשובה טאָהן מעשים אין דער מאָס און וואגיגקייט פון דער עבירה. איינער מוז פאסטען, אן אנדערער דארף געבען צדקה און א דריטער דארף בלויז האָבען אמת׳ע חרטה.

אינ׳ם חסידיזם אליין זיינען אויך געווען פארשידענע שיטות. ביי א טייל איז די תשובה געווען ווי די עבודה — א חדוה׳דיגע, א מין מצוה, וואָס מען מוז דורכפיהרען מיט שמחה און צופרידענהייט. א תשובה בלב און ניט דורך פייניגונגען און יסורים. אנדערע האָבען אָבער קאָנטיג גע־מאכט א קאמפראמיס, און די תשובה איז געווען א פאר־איינגיגונג פון חדוה מיט ענויים, פרייד און פייניגונג.

חמשה עשר בשבט און חמשה עשר באב

ראש השנה לאילנות — די רעליגיעזע באציאונג צו בוימער—דער מנהג צו עסען ארץ ישראל׳דיגע פרוכט

חמשה עשר בשבט איז באקאנט צום דורכשניטליכען אידען דאמיט וואס אין דעם דאזיגען טאג עסט מען באקסער, פייגען און טייטלען. דער פרומער איד ווייסט אויך אז חמשה עשר בשבט איז א שטיקעל רעליגיעזער יום טוב אין וועלכען מען זאגט ניט קיין תחנון און אויב עס געפאלט אין שבת זאגט מען ניט קיין אב הרחמים צו שחרית און צדקתך צדק צו מנחה.

פאר דעם אמעריקאניזירטען אידען איז עס „ארבאר דעי“, א טאג אין יאהר אין וועלכען דער אמעריקאנער איז זיך נוהג צו פארפלאנצען בוימער מיט׳ן צוועק צו דערציהען דעם עולם, איבערהויפט די שול־קינדער, מיט ליבע צו בוימער און פלאנצונגען.

און דאך איז געווען אמאל א צייט ווען דער דאזיגער יום טוב האט געבראכט מיט זיך כמעט אן איבערברוך אין דעם לעבען פון אונזער פאלק. די אידען פון אמאל האבען מיט זייער נאטירליכען חוש גאנץ אנדערש רעאגירט אויף אזעלכע ימים טובים.

פאר׳ן איד איז דער בוים געווען דער סימבאל פון לעבען און וויסען. ויצמח ד׳ אלקים עץ החיים בתוך הגן ועץ הדעת טוב ורע — גאט אליין האט ביי מעשה בראשית פאר־פלאנצט א בוים פון לעבען און א בוים פון וויסען. די נוצ־ליבקייט פון דעם בוים איז פאר׳ן אידען געווען אזוי וויכטיג, אז די גמרא ווארענט איהם: (מאורות לוקין על קוצצי אילנות טובות — דאס הימלישע ליכט, די זון און די לבנה ווערען געשלאגען צוליעב די וואס האקען אונטער גוטע בוימער. אפילו דער מענש אליין, דער בחיר כל היצורים, איז געגלי־כען געווארען צו א בוים — כי האדם עץ השדה.

נאך אין זיין יונגענד עפאכע, ווען ער איז נאך כמעט

קיין פאָלק ניט געווען און אויך קיין לאַנד ניט געהאַט, איז גע־ווען איינס פון די וויכטיגסטע דירעקטיוון וואָס משה האָט געגעבן צו די מרגלים, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אין וועג אויסצופאָרשן דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד: „וראיתם היש בה עץ אם אין" (במדבר י"ג, כ') — איהר זאָלט נאָכזעהן צי עס זיינען דאָרטען דאָ ביימער אָדער ניט.

די תורה פאַרזאָגט אויך אפילו אין צייט פון מלחמה ווען מען באַלאַגערט א שונא: „לא תשחית את עצה לנדוח עליו גרזן כי ממנו תאכל ואותו לא תכרית כי האדם עץ שדה" — זאָלסט ניט אומברענגען קיין ביימער ווייל דער מענש איז געגליכען צום בוים אין פעלד. רק עץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא אותו תשחית — בלויז א בוים וואָס טראָגט ניט קיין פרוכט, מעגסטו אפּהאַקען.

גאַנצע בערג מיט הלכות און גאַנצע פּעק מיט דינים זיי־נען געשריבען געוואָרען וועגען דער וויכטיגקייט פון ביימער, און וועה איז געווען דעם אידען וואָס האָט געוואַגט אונטער־צוהאַקען א פרוכט־בוים.

ר' חנינא, איינער פון די גרעסטע אמוראים אין ארץ ישראל, זאָגט: „מיין זוהן איז מיר אוועקגעשטאָרבען יונגער־הייט בלויז דערפאַר וואָס ער איז באַגאַנגען אזא גרויסע זינד אונטערצוהאַקען א פרוכט־בוים נאָך איידער ער איז געוואָרען צייטיג (בבא קמא פ' ע"ב).

אידען זיינען דאָס איינציגע פאָלק אויף דער וועלט וואָס האָט דינים וועגען כלאים. יעדער צוזאַמענמישונג פון א בוים מיט א בוים, אָדער א געוויקס מיט א בוים, איז שטרענג פאַרבאָטען, ווייל דאָס צוקאַליעטשעט דעם בוים'ס נאַטירלי־כען שעהנקייט און אריגינאַליטעט.

ווען אידען האָבען זיך צוריקגעקערט פון גלות בבל און ווידער אנגעהויבען אויפבויען דאָס חרוב געוואָרענע לאַנד, האָבען זיי זיך אויך דערמאַנט אָן די ביימער וואָס זיינען דורך דער צייט פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען. די גמרא דערצעהלט, אז די אידען האָבען אין גלות פאַרגעסען אין וועלכען טאָג אין חודש דער ראש השנה פאַר ביימער געפאַלט, און א גרויסע

מחלוקה איז דאריבער אנטשטאנען צווישען די צוויי גרעסטע תורה־ישיבות פון בית שמאי און בית הלל. בית שמאי זאגט, אז ראש השנה פאר די בוימער פאלט דעם ערשטען טאג אין שבט. בית הלל זאגט, אז עס דארף געפייערט ווערען דעם פופצענטען טאג, און אזוי איז טאקע געבליבען דער דין.

מיט דעם אנהויב פון דעם גלות און געטהא איז נא־טירליך אבגעשטארבען דער דראנג צו פלאנצען בומער און דער ראש השנה לאילנות האט שוין מעהר ניט געהאט זיין אמאָליגע באדייטונג. דאך איז אין זיין הארץ געבליבען טליהען א פונק פון ליבע און בענקעניש צו זיין לאנד און איה־רע טראפישע בוימער און ער פייערט אויך איצט, כאטש אין א גאנץ קליינעם מאסשטאב, דעם אמאָליגען ראש השנה לאילנות. אלס זכר פונ׳ם שעהנעם נאטור יום טוב עסט דער איד באקסער, פייגען, מאנדלען און טייטלען — אלץ אזעלכע פירות וואס וואקסען אויף די באריהמטע ארץ ישראל בוימער.

זינט די לעצטע צעהן־פופצעהן יאָהר האָבען די העברע־אישע לעהרער אין ארץ ישראל צוריק איינגעפיהרט די פיי־ערונג פון דעם ראש השנה לאילנות. יעדעס יאהר אין דעם פופצעהנטען טאג פון שבט מארשירען אלע שול־קינדער אויף די בערג פון יהודה און די טאָלען פון ישראל מיט מוזיק און טענץ און פלאנצען בוימער. עס איז א טאג פון פאראד און געזאנג, און וואָס א יאָהר ווייטער ווערט דער יום טוב אין ארץ ישראל געפייערט מיט מעהר און מעהר שעהנקייט.

די פייערונג פון דעם פופצעהנטען טאג אין שבט אלס האלבער יום טוב, איז בלויז א טראדיציאָנעלער מנהג און איז אין די ספרים ניט דערמאנט אלס חוב און מוז. ווערליג דעם תלמוד איז דער טאג דער ניי יאהר פאר די בוימער, און איז איינער פון די פיער ראש השנה׳ס וואס אידען האָבען:

ראש חודש ניסן איז דער אנהויב יאהר פאר דער גע־וועהנליכער צייטרעכענונג זינט דער באפרייאונג פון מצרים (מלכים א׳, 6). תשרי איז דער אגריקולטור יום טוב און בא־צייכענט דעם אנהויב פון איינזאמלען די תבואה (שמות כ״ג, 16; ל״ד, 22). דער ערשטער טאג אין אלול איז דער ראש

השנה פאר בהמות, און דער פופצעהנטער טאג אין שבט איז דער ראש השנה פאר בוימער.

עס איז אויך געווען דער מנהג אין ירושלים צו פאר־פלאנצען א צעדערבוים יעדעס מאל וואס א אינגעל איז גע־בוירען געווארען, און א ציפערען־בוים אויב א מיידעל איז געבוירען געווארען, ווען דאס אינגעל אדער מיידעל זיינען אונטערגעוואקסען און חתונה געהאט, האט מען דעם בוים ארונטערגעשניטען און באנוצט פאר חופה־שטאנגען (גטין נ״ז, א).

א צייט לאנג איז דער יום טוב כמעט געווען ווי פאר־געסען, און איז ווידער אויפגעלעבט געווארען אלס יום טוב אין וועלכען מען דארף עסען פרוכטען ערשט אין 16־טען יאהרהונדערט, ווען די מקובלים האבען זיך באזעצט אין ארץ ישראל.

די קלענערע תעניתים

עשרה בטבת — אסתר תענית — שבעה עשר בתמוז

„און עס איז געווען אויף דעם ניינטן יאהר זינט צדקיהו איז געווארען מלך — דעם צענטען טאג פון צענטען חודש — איז געקומען נבוכדנאצר דער מלך פון בבל אויף ירושלים, האט איהר באלאגערט, און געבויט אן אנפאל־וואנט ארום — און די שטאדט איז געווען באלאגערט ביז דעם עלפטען יאהר צו צדקיהו׳ס מלוכה“.

ווייטער ווערט דערצעהלט, אז יחזקאל הנביא וואס האט געוואוינט ביים ברעג פון טייך כבר איז באפוילען געווארען צו פארשרייבען דעם צענטען טאג פון דעם צענטען חודש (טבת) פאר אן אנדענקונגג, אידען זאלען וויסען און געדענקען אז אין דעם דאזיגען טאג האט זיך אנגעהויבען דער אידישער חורבן. (יחזקאל כ״ד א׳, זכריה ה׳).

אנגעהויבען האט זיך דער חורבן דורך דעם, וואס דער אידישער מלך צדקיהו, וועלכער איז דווקא געווען זעהר א פרומער און פרידליכער מענש, האט זיך פארבונדען מיט די שונאים פון בבל און רעוואלטירט געגען נבוכדנאצר.

די אידען האבען זיך צוליעב זייער געאגראפישע לאגע געפונען צווישען צוויי הויפט פייערען. בבל האט אנגעהויבען צו וואקסען און צו פארנעהמען דעם ארט פון דער שטארקער אשור. יהודה איז דעמאלט אריינגעפאלען אין די הענט פון בבל ווי א טייל פון די לענדער וואס זיינען פריהער געווען אונטערטעניג צו אשור. בבל האט גיך אויסגעשפרייט איהר מאכט און איינגענומען אלע קלענערע און גרעסערע מלוכות פון מערב־דרום פרת. מצרים איז אויך געווען א גרויס־מאכט און האט געהאלטען יהודה אין איהרע נעגעל אלס סטראטעגישער פונקט.

צווישען די צוויי לענדער, מצרים און בבל, איז אנגעגאנגען א פארצווייפעלטער קאמף, און די אידען האבען מיט גרויס פארזיכטיגקייט נאכגעפאלגט דעם אויסגאנג. די פאלקס־

מאסען האָבען געוואונשען מצרים זאָל כאפען א מפּלה, און דער אידישער אדעל פון ירושלים האָט געוואלט מצרים זאָל מנצח זיין.

ירמיהו הנביא, וועלכער האָט תמיד געהאלטען מיט די מאסען, האָט פאראויסגעזאגט מצרים'ס מפּלה און נבוכד־נאצר'ס אויפשטייג. ער האָט דעריבער געראטען יהודה צו שטעהן אויף דער זייט פון בבל.

מצרים, וואס האָט מורא געהאט אליין ארויסצוטרעטען קעגען בבל, האָט אינטריגירט די ארומיגע קליינע מלוכות פון עמון מואב, צור צידון, און יהודה איהם צו שטיצען מיט געלד און מיליטער. נבוכדנצר וועלכער איז געווען יונג און ענערגיש, האָט זיך פארנומען אפצורעכענען מיט אלעמען. ער האָט אנגעהויבען מיט צור, וועלכע ער האָט באלאגערט גאנ־צע דרייצעהן יאהר נאכאנאנד. פאר די אידען איז דאמאלט געווען א גליקליכע צייט, און מען האָט ניט געצאָהלט די קאנטריבוציע.

צדקיהו איז געווען א גלויביגער און שטארק געהאלטען פון ירמיהו, אבער ער איז געווען א שוואכלינג און זיך געלאזט איבעררייידען פון דער אידישער אריסטאקראטיע מורד צו זיין אין נבוכדנאצר. שפּעטער האָט איטבאל, דער נייער קעניג פון צור, געפלאנט א פאראייניגונג מיט עמון, מואב, אדום און יהודה צוזאמען זיך צו באפרייען פון בבל. די אדעליגע האָבען נעדריקט צדקיהו'ן צוצושטעהן צום בונט.

אויפ'ן פיערטען יאהר פון צדקיהו'ס מלוכה, האָבען די פאראייניגטע מלוכות געשיקט א דעפּוטאציע צו צדקיהו ער זאָל זיך אנשליסען אין דעם בונט. די אדעליגע האָבען ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און געצוואונגען צדקיהו'ן צו־צושטעהן, כאטש ירמיהו האָט שארף געווארענט קעגען אזא ריזיקאלישען שריט.

דער סוף איז טאקע געווען זעהר א ביטערער. ווי א ווילדער שטורעם־ווינט האָט זיך נבוכדנצר א לאָז געטאָן אויף דעם שוואכען לאנד יהודה, און עשרה בטבת — דעם צעהנטען טאָג אין דעם צעהנטען חודש טבת — האָט ער אנ־

געהויבען באלאגערן ירושלים וואס האט סוף כל סוף גע־פיהרט צום חורבן.

פון דער פאראייניגונג איז לחלוטין גארניט געווארען. מצרים האט קיין הילף ניט געשיקט; צור איז שוין געלעגען א צושלאגענע און מואב האט זיך ניט געמאכט וויסענדיג. אלע זיינען זיך צולאפען און איבערגעלאזען דאס קליינע לאנד יהודה צום אייגענעם שיקזאל.

ירמיהו האט עס אלץ צוגעזעהן מיט זיינע אויגען און אויסגעדריקט זיין טרויער אינ'ם קלאג־ליד בכה תבכה בלליה —זי וויינט בייגאכט און טרעהרען רינען אויף איהרע באַ־קען. זי האט קיין טרייסט ניט צווישען אלע איהרע ליבהאָבער. איהרע פריינד האבען געפעלשט אין איהר, זיי זיינען גאר גע־ווארען פיינד.

די באלאגערונג האט געדויערט ביז תשעה באב ווען דאס בית המקדש איז חרוב געוואָרען. דער חורבן איז געווען אמשטארקסטען אין און ארום ירושלים, וואו עס האט זיך אויפגעהאלטען דער אדעל. דעם ערד ארבייטער פון די ווייטע מקומות האט נבוכדנצר טיילווייז געלאזט צורוה, ווייל אין זיי האט ער קיין געפאהר ניט געזעהן קעגען זיינע פאלי־טישע אימפעריאליסטישע אמביציעס.

די ערד ארבייטער זיינען פיעל געשאנעוועט געווארען און זיי האבען זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען ווייטער צו באַ־שעפטיגען מיט זייער ארבייט און אויפבויען דאס לאנד, אָבער די אידען איז דאך ניט באשערט געווען צו זיין א פאָלק אויף'ן אייגענעם באדען, און אומגליקען זיינען געקומען איינס נאָכ'ן אנדערען.

עשרה בטבת איז דאריבער געווען דער אנהויב פון אי־דישען אונטערגאנג, און ער איז באשטימט געוואָרען אלס תענית צבור, אלס א טאג פון פאסטען און קלאגען. לעתיד לבא, זאגט די גמרא (ראש השנה י"ח ב'), וועט עשרה בטבת און צום גדליה פארוואנדעלט ווערען אין א גרויסען יום טוב.

שבעה עשר בתמוז — דער זיבעצענטער טאָג אין תמוז — איז דער אנהויב פון די „דריי וואָכען", וואס ענדיגען זיך

מיט תשעה באב, דער טאג ווען די אידען האבען פארלוירען זייער זעלבסטשטענדיגקייט אלס א פאליטישע מאכט און געמוזט ארויסגיין מיט'ן שטעקען אין האנד אין גלות אריין.

שבעה עשר בתמוז איז א תענית צבור, א טאג אין וועלכען אידען זיינען פארזאגט צו פאסטען און נאכצוקומען די דינים פון א תענית צבור. לויט דער גמרא האט אין יענעם טאג פאסירט פינף באזונדערע אומגליקען, וואס צוליב יעדער איינער פון זיי איז געגוג אז מען זאל פאסטען. אין יענעם טאג האט משה צובראכען די לוחות ווען ער איז ארונטערגעקומען פון'ם בארג סיני און דערזעהן ווי די אידען טאנצען ארום דעם גאלדענעם קאלב. אין יענעם טאג איז אויך בטל געווארען דער קרבן תמיד פונ'ם בית ראשון. עס איז אויך אויסגעפאלען אינ'ם זיבעצענטען טאג פון תמוז ווען אפוסטמוס האט פארברענט די תורה; פונקט אין דעם דאטום האט מען אריינגעשטעלט צום ערשטען מאל א צרם אין היכל. און ווען טיטוס הרשע האט באלאגערט די שטאדט ירושלים פאר'ן צווייטען חורבן, איז עס אויך געווען דעם זיבעצענטען טאג אין תמוז (תענית כ"ו, כ"ח).

פון שבעה עשר בתמוז הויבען זיך אן די דריי וואכען פון טרויער און אין די דריי שבתים לייענט מען אלס הפטורה דריי קאפיטלעך פון ירמיהו, וועלכע זיינען פול מיט שטראף רייד און קלאג איבער דעם חורבן. מען איז זיך נוהג אין די דריי וואכען ניט צו מאכען קיין חתונות אדער אנדערע שמחות, ניט צו הערען קיין מוזיק, ניט צו גיין צו פארוויילונגען, זיך ניט צו שערען די האר, ניט צו באנייען אדער זיך אריינקלייבען אין א הויז און ניט אנצוטאן קיין נייע קליידער.

די לעצטע ניין טעג פון די דריי וואכען איז דער דין, אז מען זאל ניט עסען קיין פליישיגס און ניט טרינקען קיין וויין א חוץ שבת.

אינהאלט